STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 13588

FUN MAYN TSVEYTN HEYMLAND

A. Margolin

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org





אַ. מאַרגאָלין

פון מײַן צווייטן היימלאַנד

צוריק מיט 25 יאָר

צווייטער בוך

1953

מײַן איבערגעגעבנסטן כּאַווער און פרײַנט,
דעם קונסט־מאַלער

יאַנקעוו (קובאַ) מיטלער

ווידמע איך דעם בוך מיטן גאַנצן האַרצן.

ביבליאטעק אין אנדענק די
קדושים פון לודמיר
און אומגעגנט
ביים לודמירער
ל.פ. פאריין אין בוענאס איירעס

אינהאלט

אריינפיר־וואָרט — — — — — — — — — — — — 7
מיטן לאַנגן און שטרויכלדיקן וועג „צו זיך" — — — — — 11
אַ הויז אין אַ שטאָט־טייל פון בוענאָס איירעס — — — — 25
טעראַפּליען — — — — — — — — — — — — — — 59
כמאַרעס — — — — — — — — — — — — — — 107

צווייטער טייל : פּאַטאַגאָניע

שביטע — — — — — — — — — — — — — — 125
פּונטאַ אַרענאַס (מאַגאַזשאַנעס) — — — — — — — — 139
קוילן — — — — — — — — — — — — — — — 149

*
* *

נאָך אַ יוגנט פון אידעאָלאָגישע זוכענישן, בלאָנדזשעגישן און אַנטוישונגען איז מיט דרײַסיק יאָר צוריק געקומען קיין אַרגענטינע אַרן מאַרגאָלין, און גלײַך איז ער געוואָרן דאָ איינער פון אונ־דזערע געטרײַסטע פּראָנט־קעמפער פאַר אַ פרײַער פאָלקס־וועלט.

ווי אַ פּראָנטאָוויק האָט ער גענומען אױף זיך אַ סאַך געזעל־שאַפטלעכע מיסיעס, אָבער גלײַכצײַטיק האָט ער ניט פאַרגעסן דאָס ליטעראַרישע אָדערל וואָס האָט געקלאַפּט אין אים אָן אויפֿ־הער. אין 1929 האָט ער אַרויסגעגעבן אַ באַנד טאַלאַנטפולע, סאָ־ציאַל־אָנגעלאָדענע דערציילונגען „צווישן רעדער", וואָס זײַנען פול מיט ווײַטערדיקער, ייִדיש־אַרגענטינישער טעמאַטיק.

זײַן בראָשור „וועגן און צילן פון קאַמף דורך צען יאָר" זאָגט אײדעס וועגן זײַנע אויפטועריש־אָרגאַניזאַציאָנעלע פעיִקייטן ווי סעקרעטאַר פון דער „פאָלקס־אָרגאַניזאַציע קעגן אַנטיסעמיטיזם", אַן אָרגאַניזאַציע וואָס האָט בעמעשעך פון לאַנגע יאָרן זיך באַמיט אָפּצוטעמפּן די יודאָפאָבישע נעגל פון די אַרגענטינישע פאַשיסטי־שע קנופּיעס.

מאַרגאָלין האָט אויסגעמאָסטן דאָס גאַנצע לאַנד — פון באַוולנעם צאָפן ביזן וואָלענעם דאָרעם, און אָט אױף די דאָזיקע רײַזעס האָט ער זיך צוגעקוקט צו דער מוירעדיקער אַרבעטער־עקספּלואַטאַציע מיצאַד דער פריצישער אָליגאַרכיע און אויפגעקו־מענעם בורזשוי, צו דער קאָרומפּירטקייט פון די געוועזענע מאַכט־האָבער און צו דער פאַרצווייפלונג פון פּראָלעטאַריער, וואָס זײַנן

געדולד פּלאַצט פון צײַט צו צײַט אַף אַ סטיכישן, ניט אָרגאַניזירטן אויפן.

די דאָזיקע רויִע טעמאַטיק האָט געגעבן ליטעראַרישע פּיירעס אין אַ סאַך דערציילונגען מאַרגאָלינס, אַן אָפּקלײַב פון וועלכע עס גייען אַרײַן אין דעם בוך, וואָס איז דורכן אויטאָר באַטיטלט געוואָרן: „פון מײַן צווייטן היימלאַנד“. אין די דאָזיקע דערציילונגען איז פאַראַן, אין אַ געוויסער מאָס, דער שוידער און דער סאָציאַלער קלימאַט פון אַלפּרעדאָ וואַרעלאַס מײַסטערווערק „ריִאָ אָסקוראָ“.

דער כּאַוועער מאַרגאָלין האָט, ווי גאָר ווייניק ייִדישע שרײַבער אין אַרגענטינע, זיך אָרגאַניש באַהאָפטן מיט זײַן נײַעם היימלאַנד און מיט זײַן קינסטלערישן אויג אויפגענומען דאָס, וואָס איז פאַר אַנדערע געבליבן אינגאַנצן פרעמד. דערפאַר איז זײַן נײַ בוך, וואָס דער איקוף־פאַרלאַג גיט אַרויס, אַ וויכטיקער בײַטראָג צו דער באַרײַכערונג פון אונדזער יונגער ייִדיש־אַרגענטינער ליטעראַטור.

פאַרלאַג „איקוף“

מיטן לאַנגן און
שטרויכלדיקן וועג „צו זיך"

מיטן לאַנגן און שטרויכלדיקן וועג „צו זיך"

(אָנשטאָט אַן אַרײַנפֿיר)

נאָך גאָר יונג, אין מײַנע קינדער־יאָרן, האָב איך פֿאַרלאָזט די שטוב פֿון מײַנע עלטערן, ניט צוליב נויט און אויך ניט צוליב וועלכע עס איז ניט פֿאַרפֿאָלגונגען. עס איז געווען אַ יאָג־קראַפֿט פֿאַר אַ סך ייִנגלעך ווי איך, וועלכע האָבן געזוכט דעם ברייטן שליאַך אין דער וועלט אַרײַן, פֿון דער קליינשטעטלדיקייט צו ברייטערע האָריזאָנטן. אַ סך ייִנגלעך האָבן געכאָלעמט מיט דאָס זעלבע, איך האָב בלויז געוואַגט דאַן צו פֿאַרווירקלעכן דעם כאָלעם, אָנכאַפּנדיק זיך בלויז אין אַ גוטער געלעגנהייט, וואָס האָט מיר דאַן צוגעשפּילט.

אין שטוב האָט זיך אונדזער פֿאַמיליע, מיט קליינע איבעררײַסן, אַלץ מער געמערט און געוואַקסן. און דער טאַטע מײַנער, אין זײַן הילפֿלאָזיקייט קעגן די פּראָבלעמען וואָס די צײַט האָט געהאַלטן אין אַרויסרוקן, האָט געזוכט אַז איך, דער בכור, זאָל אים העלפֿן לייזן — לעכאָל האַפּאָכעס דעם טייל וואָס שײַעך מיר אַליין.

— גאָט מײַנער! וואָס וועט פֿון די ווערן? דו וואַקסט קיין אײַנהאָרע און דו וועסט אימירצעשעם אײַנגיכן ווערן אַ גרויסער באָכער, וואָסזשע וועט פֿון דיר ווערן?

א. מ אָ ר ג אָ ל י ן

— טאַטע, איך וויל אַוועק פון איהומען...

— וואוהין ווילסטו פאָרן?

איך האָב זיך פאַרטראַכט: איין זאַך איז וועלן אַוועק, אַ צווייטע איז וואוהין אָנקומען.

— ווילסט פאָרן אין דער סלוצקער יעשיווע, לערנען?

— זאָל זײַן אין דער סלוצקער יעשיווע...

פון דאַן האָט זיך עס אָנגעהויבן. טאָעסדיק, אָבער די פור מיט דער בויד האָט מיך אַוועקגעפירט מיטן מינסקער שליאַך קיין פוכאָוויטש. איך האָב זיך אָפּגעריסן פון מײַן היים, פון מײַן געבוירן־שטעטל, פון אַלץ וואָס עס איז מיט דעם שטעטל געווען פאַרבונדן.

געפאָרן, געפאָרן און געקומען... ניט איהומען, נאָר סלוצק. ניט דער מינסקער וועג, ניט די מיל, ניט דער בייסוילעם, ניט די ביימער אַפן וועג, וועלכע זײַנען מיר געווען אַזוי נאָענט, נאָר אַנדערע אייגנצל־הייטן פון אַ צווייט שטעטל. און אָט איז דער שול־הויף און אַביסל אָן אַ זײַט, דער מאַרק, אַנדערש ווי אין איהומען. ניטאָ דער קלויסטער אונ־דזערער, מיט די קופּאָלן ווי אַ ברייט־צעקאמטע באָרד, מיט גלעקער ווי באַסאָווע שטימען, וועלכע רײַסן אַדורך די ברייטן און די הייכן; וועלכע זאָגן אָן אין די שאַבעסדיקע פאַרנאַכטן פאַר די ייִדישע ווײַבער אַז דער שאַבעס־קוידעש גייט אַוועק, און פאַר די באַבערדלטע ייִדן אַז מען דאַרף זיך צויאָגן גייך אין שול אַרײַן צו מינכע און זיך גרייטן צום שאַלעש־סודעס. און פאַר אונדז, ייִנגלעך, האָבן די גלעקער אָנגעזאָגט, אַז געגוג שוין וואַלד און שפּילן זיך, אַז עס הייבט זיך אָן אַ לאַנגע וואָך פון כיידער, פון אָנ־געריסענע אויערן, צו פאַרטראָגן די סטוסאַקעס פון דעם טאַטן און די־טערן פון דער מאַמען. ווי אַ נעקאָמע אַפן קלויסטער, האָבן מיר צוגע־טראַכט ווערטער — מיעסע פאַרשטייט זיך — צו דער גלעקער־מוזיק פון די שאַבעס פאַרנאַכטן. פאַרן הויפּט־גלאָק —

— ביניאָמין קום ק... ביניאָמין קום ק... ביניאָמין קום ק... אַף וואָס די מעשוירערים־גלעקער האָבן בייז געענטפערט, מיט אונדזער טעקסט —

— אַ קרענק דעם גאַלעך ... אַ קרענק דעם גאַלעך ... אַ קרענק דעם גאַלעך... אַביסל געשטילטע מיט אונדזער נעקאָמע, האָבן מיר זיך געלאָזט פאַרשפּעטיקטע צו אונדזערע היימען.

דאָס אַלץ איז געווען דאָרטן, אין איהומען. דאָ, אין סלוצק, איז געווען — פלאָדן, בלינצעס אין צעלאָזענעם וואַרעמען שמאַלץ און „טעג" און מישמוירים מיט אַ געוויין־געזאַנג —

שויר שענאָגאך עס האפּאָראָ ??? און בייצאָ שענוילדאָ בעשאַבאָס ?... דאָס איז געווען דער געזאַנג פון יעשיווע־באָכעריםם, וואָס קלאָגן אויס זייער אומעט, וואָס קלאַפּן אויס מיט די שטענדערס זייער אומגעדולד פאַר טעג וואָס פאַרלויפן אינעם גרויסן נישט...

— לערן, לערן קינד מײַנס, וועסט נאָך ווערן אימירצעשעם אַ ראָוו! — גיט מיר די מאַמע צו כּיישעק צום לערנען, אין אירע זעלטענע בריוו צו מיר.

איז דאָס זאָלן עס זײַן די ברייטערע האָריזאָנטן צום לעבן, וואָס האָבן וואָס אַ מאָל זיך מער דערנענטערט צו מיר? ניין! איך האָב זיי ביידן ניט געוואָלט: ניט די האָריזאָנטן און ניט דאָס דאָזיקע לעבן אין פּערספּעקטיוו. זיך אַרײַנוואַקסן אין דעם מאָך פון אונדזער שול־גאַס, ווערן אַ פאַרוואַקסענער און געבויגענער ייִד? אויפהאַלטן די שימלדיקע און נאַסע ווענט, וועלכע גייען אומפאַלן?

איך קער זיך אום אַהיים.

טאַטע־מאַמע דערפרייען זיך מיט מיר ביז גאָר, אָבער איך ברענג די בסורע, אַז קיין סלוצק וועל איך זיך מער ניט אומקערן...

— איז וואָס־זשע וועט פון דיר פאָרט ווערן? — קײַט דער טאַטע

זײַן קורץ־געוואַקסן שיטער בערדל. די דאָזיקע פראַגע האָט מיך ניט פאַר־כאַפּט אומדערוואַרט. איך האָב זיך צו איר געגרייט דורך אַ סאַך שלאָף־לאָזע סלוצקער נעכט און איך האָב באַשלאָסן אַז אַן אייגנטלעכן ענט־פער האָב איך שוין לאַנג געהערט פון די קאַלערליי רעדנערס וואָס מיר איז אויסגעקומען צו הערן נאָך אין אונדזער איהומענער שול, אַז עס זײַנען דאָ צוויי קלאַסן מענטשן: איינע — פּאַראַזיטן, וואָס אַליין טוען זיי גאָרניט, נאָר לעבן פון יענעמס פּראַצע; און די אַנדערע — וואָס אַר־בעטן מיטן שווייס פון זייערע שטערנס און שאַפן דאָס לעבן, פון וועל־כן די ערשטע געניסן.

איך וויל ניט זײַן, טאַטע, אַ פּאַראַזיט, אַ שניט־קרעמער, אָדער אַ טווע־אויסקויפער. איך וויל ווערן אַ פּראָלעטאַריער...

— אַ וואָס ווילסטו ווערן ? ? ?

— אַן אַרבעטס־מענטש וואָס פאַרדינט זײַן שטיקל ברויט מיט זײַן אייגענעם שווייס.

— הערסט, לייע, וואָס ער זאָגט וואָס ער וויל ווערן, דער בכאָר אונדזערער? אַ באַלמעלאָכע וויל ער ווערן... און דער טאַטע זיפצט שווער אָפּ.

ביידע זײַנען אַוועק אין די טיפע צימערן אַף אַ לאַנגער באַראַטונג. און דער באַשלוס איז אַנגענומען געוואָרן: אויב שוין יאָ אַ באַלמעלאָכע, איז כאָטשבי אַן איידעלע מעלאָכע.

— ווילסט ווערן אַ פאָטאָגראַף? וועל איך דיר אָוועקפירן קיין קריוואָי־ראָג; דאָרטן האָסטו אַ פאַרמעגלעכן קוזין, אַ פאָטאָגראַף, בײַ אים וועסטו זײַן און בײַ אים וועסטו לערנען די מעלאָכע.

דאָס מאָל איז שוין יאָ געווען מיטן ברייטן וועג אין דער וועלט אַרײַן — אַ קליינינקייט אַזאַ מעהאלעך!

איך פאָר קיין קריוואָי־ראָג (כערסאָנער גובערניע), דאָרטן זײַנען די

קוילן־גרובן פון וועלכע איך האָב געהערט. פון דאָרט נאָענט זײַנען די ייִדישע קאָלאָניעס. דאָרטן האָב איך אַ פאַרמעגלעכן קוזין, דאָרטן וועל איך ווערן אַ פאָטאָגראַף; דאָס וועט זײַן דער איבעררײַס מיט איהומען, מיט די יעשיווּעס, מיט דעם קליינעם שטעטל, מיט אַמאָר ראוו פאָפּע, מיט אַמאָר אַבײַע . . .

געקומען, זיך אײַנגעשרויפט אין די נײַע באַדינגונגען (איך בין געוואָרן פאַרקויפט צו מײַן קוזין אויף פיר יאָר). קוידעם דאָס ערשטע יאָר האָב איך געדאַרפט אַרויסהעלפן אין די שווערע שטוביקע אַרבעטן און נאָכדעם וועל איך דאַרפן אָפּדינען מיט דער אויסגעלערנטער אַרבעט. מײַנע יונגע אויגן האָבן געזוכט צו אײַנזאַפּן אין זיך וואָס מער. ניט דער קופּערנער שטויב אויף די קליידער פון די קוילן־גרעבער, ניט זייער לעבן האָט מיך דאַן געקענט אינטערעסירן . . . מיך האָט געצויגן צו דער פאַר־אינטעליגענטעוועטער יוגנט, מיט די מיידלעך אין זייערע פאַרביקע קליידלעך, זייער פריילעכער הילכיקער געזאַנג, זייער פליוסקען מיט די וועסלעס איבערן טײַכל, זייער מאַנדאָלין־ און גיטאַרע־שפּיל, באַגלייט מיט אומעטיקן געזאַנג פון פאַרליבטע פּאָרלעך. איך האָב אויך אָנגע־הויבן בענקען. דאָרט האָב איך זיך אָנגעהויבן באַקענען מיט פאָטאָגראַ־פישע רעפּראָדוקציעס פון גרויסע באַרימטע רוסישע מאָלונגען, פּייזאַזשן פון דער ברייטער, מעכטיקער רוסישער נאַטור אין די פאַרשיידענע צײַ־טן פון יאָר.

די וועלט האָט אין מײַנע אויגן זיך אָנגעטאָן אין פאַרמען. מײַן בענקשאַפט איז געוואָרן טיפער און שטאַרקער. איך האָב מײַנע אַרבעטן אויסגעפילט פלײַסיק און געוויסנהאַפט. עס זײַנען אַדורך העכער צוויי יאָר. מיר האָט אויסגעוויזן אַז מיט מײַנע קענטעניש אין דעם פאַך, וועל איך קענען דערווײַזן צו לעבן זעלבשטענדיק. אויסער דעם האָט זיך מיר זייער געוואָלט זיך צו ווײַזן פאַר מײַנע עלטערן אַזוי ווי איך האָב מיך

דעמאָלט געפילט און אזוי ווי איך האָב אויסגעזען. דער טאַטע מײַנער נעמט מיך אויף מיט זײַן אייביקער זאָרג:

— ריבוינע־שעל־אוילעם! וואָס וועט פון דיר פאַרט ווערן?

איך ווער ברויגעז מיט מײַן טאַטן און פּרוביר שטעלן אַף מײַנע אייגענע קויכעס. איך פאַר אַרויס אין דער גרויסער וועלט, מיט אייגענעם פּאַרמעסט. איך בין בײַ זיך איבערצײַגט אַז זיי באַגייען קעגן מיר אַן אַוולע, זיי האָבן פאַר מיר געדאַרפט צוגרייטן אַ לעבן און מיך פירן אין דעם לעבן בײַ דער האַנט. איך בין דאָך ניט מער ווי אַ נאַרוואָס געבוירן קעצל, מיט נאָך פאַרמאַכטע אויגן. וואָס דאַרף פון מיר ווערן? וואָס פאַר אַן אָרט דאַרף איך פאַרנעמען אין לעבן? צוליב וועמען און צוליב וואָס? עס האָבן געדאַרפט אַדורכגיין צענדליקער יאָרן, איך אַליין זאָל ווערן אַ טאַטע, קימאַט שוין אַ זיידע, אַז איך זאָל פאַרשטיין דעם אייביקן צאַפּל, וואָס עס איז דאָ בײַ עלטערן פאַר דער פיזישער און גײַסטיקער צוקונפט פון זייערע קינדער...

כ׳לאָז דורך אַ צאָל זיג־זאַגן פון מײַן דעמאָלסטיקן וועג. מיט אַ 3 יאָר שפּעטער בין איך אָנגעקומען קיין וואַרשע. איך קריג אַרבעט און פאַל אַרײַן אין אַ סוויווע פון מוזיק־ליבהאָבער און גיי מיט זיי אַף סימפאָנישע קאָנצערטן. עס ווערן מיר באַקאַנט און נאָענט די נעמען פון בעטהאָווען, באַך, טשײַקאָווסקי, רימסקי־קאָרסאַקאָוו, מוסאָרגסקי, באָראָדין. איך לעב אין אַ וועלט פון קלאַנגען און האַרמאָניע.

שוין אַ צײַט לאַנג ווי איך האָב מיט דער פעדער געמאַכט פּרוּװן אַרויסצוברענגען געדאַנקען, אויפצושטעלן בילדער, אויסדריקן געפילן, באַשרײַבן שטימונגען. אַדאַנק מײַן פאַך האָב איך זיך נעענטער באַקאַנט מיט אַלטער קאַציזנע, וועלכער האָט מיך מעקאַרעוו געווען, אַרײַנגעפירט צו זיך אין שטוב, האָט פאַרשפּרייט זײַן אַפּיטראָפּסעס איבער מײַן שרײַבערישער צוקונפט און האָט מיר אַפילע צוגעזאָגט אַז בײַ דער

ע׳ושטער געלעגנהייט וועט ער מיר פאַרשטעלן פאַר י. ל. פּערעצן. און אין איין אָוונט האָט ער מיר פלוצלינג פאָרגעלייגט:

— היינט קומט פאַר אַ קעסטל־אָוונט, וועסט מיט אונדז (מיט כאַ־נען און מיט מיר) מיטגיין? דאָרט וועסטו קענען זען פּערעצן און נאָך אייניקע פון אונדזער שרייבער־וועלט, מיט באַקאַנטע נעמען.

ס׳איז פאַר מיר געווען אַ גרויסע פרייד און גליק צו קענען זען דעם מענטשן־ריז. דער סאַלאָן מיט דער קליינער אימפּראָוויזירטער בי־נע און דער פאָדער־סאַלאָן איז געווען געפּאַקט מיט אַ יאָנטעוודיקן עולם: אַ סאַך פון די וועלכע איך פלעג טרעפן אויף די סימפּאָנישע קאָנ־צערטן, האָב איך דאָרט געטראָפן פאַרזאַמלט. די שטימונג איז אויך גע־ווען אַן ענלעכע: אַ יִיראַס־האַקאָוועדיקע, מיט איינגעהאַלטענעם אָטעם. אין סאַלאָן — אַ קליינע בינע מיט אַ טישל פון פאָרנט, אויף וועלכן ע׳ס שטייען צוויי לייכטער מיט צוויי אָנגעצונדענע ליכט. אַלע הייבן זיך פון די ערטער:

— געקומען... ער איז דאָ... אַלעמענס קעפּ ציִען צום פאָדער־צימער. אין אַ פּאָר מינוט אַרום דערזע איך ווי ער שפּאַנט מיט אַ לאַנגן טראָט צו דער בינע, צוויי אויגן, ווי צוויי פּראָזשעקטאָרן, וואַרפן אַ ליכט און שיין אויף אַלע וואָס זיינען אויסגעזעצט אויף די לאַנגע בענק: אין די צוויי געדיכטע וואָנצעס זיינע ציִען זיך ווי זיי וואָלטן געזוכט פאַר־שפּרייטן אַ טאַלעס איבער „קאָל־האַנאָרים". אַ סאַך האָב איך געהאַט די זכיה אין יענע צייטן צו זען און צו הערן אויף יענע קעסטל־אָוונטן, אַ סאַך ווענען מיר וועלן שוין קיינמאָל מער ניט זען און ניט הערן... מיר איז דאָן אויך אויסגעקומען צו זען און צו הערן דעם דיכטער פרוג, וועמענס לידער די יוגנט האָט אַ סאַך רעציטירט און געזונגען, אָבער וועלכער איז געווען גאָר אַ קנאַפּער רעדנער אויף יידיש.

באַ קאַציזנען אין דער פאָטאָגראַפיע האָב איך זיך אויך נאָענט באַ־קאַנט מיט י. י. זינגער, וועלכער האָט זיך דעמאָלט געלערנט דעם פאַך

פון רעטושירן, און וואָס איך האָב אים אַ סאַך צוגעהאָלפן. מיר ביידע זײַנען דאָן געווען באַ קאַציזנען גלײַכע קאַנדידאַטן אַף פאָרגעשטעלט צו ווערן פאַר פערעצן. דאָרטן באַ קאַציזנען, האָב איך מיט זינגערן געהאַט אַפטע וויקוחים איבער דעם וואָס עס דאַרף זײַן די אויפגאַבע פון דעם שרײַבער פאַר דעם לעבן און פאַר דעם מענטשן. שטאַרק באַאײַנפלוסט פון דעם הויכן גײַסט, וואָס י. ל. פערעץ האָט געשפּרייט אַרום זיך, האָב איך קיינעם ניט געקענט מויכל זײַן אַ ווערלכן עס איז ניט אָפּנייג. ביפּ־ראָט האָט אַף מיר זייער שלעכט געווירקט ווען זינגער האָט פאַר מיר איינמאָל געלייענט אַ פאָר דערציילונגען פון דעם לעבן פון דעם ראָדזי־נער רעבנס הויף, מיט אַ שאַרף־עראָטישן אינהאַלט. צו די דערציילונגען האָט זינגער אָנגעווענדעט פערעצעס שפּראַך־פאָרעם פון זײַנע כסידישע מײַסעלעך, און וועלכע פערעץ פערגייט דערגייט צו „אויב ניט נאָך העכער?" און איך האָב דאָן זינגערן געזאָגט: סטאַם שרײַבן, לויט מײַן אײַנזען, טויג ניט, מיט אַזאַ שרײַבן ווי דײַנע דערציילונגען קען מען דערגיין צו „אויב ניט נאָך נידעריקער". און פאַר מיר אַליין האָב איך אָנגענומען דעם באַשלוס: מען דאַרף זיך אַרויסלאָזן אין דער ברייטער וועלט און זיך מער דערנענטערן צום מענטשן, צו זײַנע ליידן און קאַמפן...

איך געדענק ניט דורך וועלכע וועגן און וויאַזוי איך האָב מיך דער־נענטערט צום אַ גרופּע יונגעלײַט, מיט וועלכע מיר האָבן צוזאַמען גע־שאַפן דעם ערשטן „החלוץ" אין וואַרשע. מיט דעם „החלוץ" האָבן דאָן מיט אַ טאַקיפעסדיקער האַנט אָנגעפירט אַ גרופּע ציאָניסטישע סטו־דענטלעך. און איינמאָל האָב איך שאַרף אַוועקגעשטעלט די פראַגע:

— וואָס איז און וואָס דאַרף זײַן דער „החלוץ"? אויב אַזאַ מין ווי אַן אַרבעטס־אַרמיי באַ דער ציאָניסטישער אָרגאַניזאַציע, דאָן דאַרפן די ציאָניסטן פאַר אונדז אויסטיילן באַדן, שאַפן באַראַקן מיט אַלעם נײַ־טיקן און רעגלאַמענטירן אונדזערע היסכײַוועסן פאַרן לאַנד; אויב ניט — זײַנען מיר קינפטיקע ייִסראָעל־אַרבעטער און אַלס אַזעלכע דאַרפן מיר געהערן צו אַן אַרבעטער־פאַרטיי, דאַרפן מיר זיך אָנשליסן אין דער פּויאַלע־ציאָן־פאַרטיי. מײַן זוכן אַ דעפיניציע האָט גוירעם געווען אַז

דער „החלוץ" זאָל זיך שפּאַלטן און דער וואָגיקסטער טייל זײַנער זאָל זיך אָנשליסן אין דער פּ"צ־פּאַרטיי. ווײַטער האָבן מײַנע דעמאָלטסטיקע האַסאָגעס ניט געגרייכט. און אַ יאָר שפּעטער האָב איך מיט מײַן דע־מאָלט פּאָרמירטער קליינער מישפּאָכע זיך געלאָזט קיין ערעצ־יסראָעל.

אונטער דער דעמאָלטסטיקער ערעצ־יסראָעלדיקערווירקלעכקייט האָט דער ביז דאַן אָנגעוואָקסענער אַף מיר ראָמאַנטישער שטויב ביסלעכווײַז אָנגעהויבן פון מיר אָפּצופּאַלן. ווידער האָב איך דערהערט שטימען וואָס האָבן זיך געקלאָגט אַפּן פעלן פון אַרבעט, אַף הונגער. ווידער האָב איך דערזען די טאַקיפעס פון זעלבסטצופרידענע, ווידער האָב איך זיך אָנגע־טראָפן מיטן פאַרברוטאַליזירטן ביוראָקראַטיזם.

— אָט דאָס זאָל זײַן דער גאַנצער אויפטו? פון דאַנען אָנצוהייבן, ווו די וועלט האָט שוין מיט אַזויפיל פאַרביטערונג געענדיקט?

איך פּאַק מײַנע טשעמאָדאַנעס און פאָר אַן אַנטוישטער און צעבראָ־כענער צוריק קיין וואַרשע, עפּעס האָב איך דאָך פאָרט געזען און גע־לערנט. איך קום מיט מײַן קליינער פאַמיליע קיין פּוילן, ווען דער באָדן האָט זיך אויסגעזען, איז אַוועק פון אונטער די פיס. עס האָט געשטראָמט אַ גרויסע יידישע עמיגראַציע אין אַלע עקן וועלט. און מיט איין שטראָם אַזעלכן, וואָס איז געפלאָסן צום אַמעריקאַנער קאָנטינענט, קום איך אָן אין כוידעש מײַ 1923 צו די אַרגענטינער ברעגן, מיט גרויסע האָפענונ־גען אַז דאָ ענדלעך וועט זיך שאַפן מײַן צווייט היימלאַנד. און וועלט און מענטש? אַביסל, דוכט מיר, אַז איך האָב מיר מיט זיי באַקאַנט. וואָס קען איך טאָן אַרויסצוהעלפן מענטשן פון זייער עלנט? אויסצובעסערן די וועלט? ווידעראַמאָל און צום וויפלסטן מאָל זע איך מײַן טאַטן פאַר מיר, ווי ער האַלט די שפּיצן האָר פון זײַן קורץ און שיטער בערדל און ער האָט טײַנעס צו מיר: „זון! דו ביסט שוין, דאַנקען גאָט אַ גרויסער, גייסט אַרײַן אין זיקנעס, וואָס וועט פון דיר פאָרט ווערן!"

טאַטע! איך בין ניט איינער, מיר זײַנען אין די מאַסן, קעכויל האַ־יאָם. וואָס ווילסטו אַז מיר אַלע זאָלן ווערן? ! די פאַראַנטוואָרטלעכקייט

איז ניט נאָר דײַנע און ניט בלויז פאַר מיר; נאָר פאַר אַלע און פאַר דורות גאַנצע וואָס וועלן נאָך קומען...

אָנגעקומען אין פּאָרט פון בוענאָס אײַרעס, האָב איך אָנגעהויבן זוכן אַרומצוכאַפּן מיטן אויג דעם שעטעך פון דעם לאַנד, וואָס הייסט „אַרגענטינע" און שליסן מײַן ערשטע באַקאַנטשאַפט מיט זײַן באַפעלקערונג.

דערמאָנט דאַרף ווערן אַז די מערהייט יידישע אימיגראַנטן, וואָס זײַנען דאַן אָנגעקומען אין גרויסע מאַסן, איז געקומען אָהער צײַטווײַ־ליק, אַפּן וועג צו דעם גאָלדענעם לאַנד פון נאָרדאַמעריקע. מײַנע אויגן זײַנען ניט געווען געווענדט ניט צו נאָרדאַמעריקע און אויך ניט צו איר גאָלד. איך בין געקומען קיין אַרגענטינע. דאָ האָב איך געזוכט צו שאַפן מײַן היים. דאָ האָב איך געזוכט פונאַנדערצעוויקלען מײַן פיזישע און גײַסטיקע טעטיקייט. עס האָט מיר דאַן געעפנט אירע טירן און אירע קאָלומס די צײַטונג — „די פּרעסע", וועלכע האָט זיך דאַן געפונען אַף דער גאַס אָמבו (שפּעטער „פּאַסטעור"). אין די כאַווייריִם פּ. קאַץ און אַקסענצאָוו האָב איך געפונען די נייטיקע וואַרעמע באַציִונג און זיי האָבן געשטאַרקט מײַן ווילן פאַר מײַן ווײַטערדיקער שרײַבערישער טע־טיקייט.

דער יידישער אימיגראַנטישער הור־האַ, וואָס האָט זיך דאַן געטו־מלט באַ די יידישע רעסטאָראַנען און באַ דעם יידישן אימיגראַנטן־שוץ־פאַריין, האָט מיך ניט געצויגן פאַר טעמעס און דאָס אינעווייניקסטע דעמאָלטיקע יידישע לעבן איז מיר געווען אומבאַקאַנט. דערמיט דער־קלערט זיך מײַן אויספעלן אין יענער צײַט אַף די שפּאַלטן פון יידישן געדרוקטן וואָרט מיט יידישער טעמאַטיק. אין די יאָרן פון 1923 ביז 1928, בין איך געווען מיטאַרבעטער אין דער צײַטונג „די פּרעסע", ווו עס האָבן זיך געדרוקט מײַנע רעפּאָרטאַזשלעך און זיכרוינעס־בילדלעך פון דער אַלטער היים, פאַרוואָס איך האָב פון דער צײַטונג דאַן באַקו־מען אַ קליינעם מאָנאַטלעכן געהאַלט. אין יענער צײַט האָבן כאַווייריִם,

מיט וועלכע איך האָב אָנגעהויבן געזעלשאַפטלעך צו אַקטיוירן, דערעך־
אַגעוו מיר געהאַלטן אין דערמאָנען מײַן אויפגאַבע וואָס איך האָב,
ווי אַ שרײַבער, אויסצופילן; אַ זאַך וואָס איז געווען אַבסאָלוט אין גײַסט
פון י. ל. פּערעץ...

און דאַן האָט זיך אָנגעהויבן מײַן אַרומפאָרן איבערן לאַנד.

אַף דער לענג פון דעם אַרגענטינער לאַנד האָב איך זיך אָנגעטראָפן
מיטן הי אײַנגעבוירענעם אין פאַרשיידענע פאַזעס פון זײַן עקזיסטענץ:
אין זײַנע פאַרוויַילונגען מיט געזאַנג און טענץ; אין זײַן פאַרברענגען
אין גוט־ברודערשאַפט מיט יעדן וואָס איז אים אונטערגעקומען אונטער
דער האַנט; אין זײַנע זאָרגן און לײַדן... איך האָב אים שטענדיק געזען
ווי אַן אַדורכגענומענעם מיט אַ גפל פון אומעט. אַזאַ גוטמוטיק און
זאָרגלאָז פאָלק האָט ניט געדאַרפט איבערגעלאָזט ווערן אַף הפקר. עס
האָט פאַר אים ווער געדאַרפט זאָרגן, עס זאָל אים ווער פאַרטיידיקן. פאַר
דעם איינציקן „שיצער" זײַנעם האָב איך זיך קעסיידער אָנגעטראָפן אַפן
שטעטלשן קאָמיסאַר, וואָס האָט אנשטאָט צו שיצן, אים „אָפגעהיט" אַז
ער זאָל זײַן געהאָרכזאַם און אָנגעמען אַלץ פאַר גוט. אין זײַנע אָפט גע־
ברויכטע אויסדרוקן האָב איך זיך, נאָכן אַזוי אַרום גוט־באַקאַנטן ווערטל
„אַ מי קע מע אימפּאָרטאַ!", אַלץ אָפטער אָנגעטראָפן אַפן ניט ווייני־
קער באַקאַנטן זאָג: „מ אַ ל אַ ס ו ע ר ט ע"... באַגלייט מיט אַ
קרעכץ אָדער אַ זיפץ. אין אַזעלכע באַדינגונגען זײַנען די פאַרשיידענע
גרעסערע און קלענערע „אַקאַפּאַראַדאָרן" פאַרוואַנדלט געוואָרן אין די
עמעסדיקע באַלעבאַטים פונעם אַרגענטינער קאַמפּ, און די קאָלערליי
קאָנטראַקטיסטן זײַנען מיט זיסע ריידעלעך און אָפט מיט דער מיטהילף
פונעם קאָמיסאַר געוואָרן די אויסלייזער פון דעם גרויסן דאַלעס פונעם
אַרגענטינער שוואַרצן אַרבעטער, וועלכער איז שטענדיק אָפגענאַרט גע־
וואָרן אין זײַנע האָפענונגען. וואָס אַנדערש האָט געקענט טאָן „דער
שוואַרצער", דער „ראָטאָ". דער „פונדיק"? ער האָט געליטן שטיל און
געהאָפט. רעגירונגען האָבן זיך געביטן אָבער זײַן לאַגע האָט זיך ניט

געענדערט. קיין שמייכל אַף זײַן פּאָנעם. וואָס האָט אים געגעבן די פּרי־װילעגיע פון זײַן אַ געבירטיקער פונעם לאַנד? די פּריווילעגיעס האָבן צוגענומען די „אַנדערע” און אויך זײַן פראַצע, שטיקער פון זײַן לאַנד, די פּרוכט פון לאַנד. ער אַליין איז געבליבן דער פרעמדער אין זײַן אייגן לאַנד. אַזאַ איז געווען די פּאַנאָראַמע פון ערשט מיט אַ פערטל יאָרהונדערט צוריק. מאַכנעסווײַז צוזאַמענגענומענע אַף די פּלאַנטאַציעס פון די צוקער־רערן אין טוקומאַן, סאַנטיאַגאָ און סאַלטאַ, אַף די טוווע־פעלדער פון סאַנטאַ־פּע און קאָרדאָבאַ, אַף די ווײַנטרויבן־פעלדער פון מענדאָסאַ און סאַן־כואַן, אין די „אָבראַכעס” אין טשאַקאָ און מיסיאָנעס, באַ די ניט־קוואַליפיצירטע אַרבעטן באַ די נאַפט־גרובן. ווי ווײַט, דאַכט זיך זײַנען מיר פון יענער צײַט! און עס איז דאָך ערשט ווייניקער פון אַ פערטל יאָרהונדערט צוריק! ניט אַלץ האָט מײַן אויג און פאַרשטאַנד דאַן געקענט אַרומנעמען. אָבער שטיקלעך פון יענער צײַט האָב איך דאָך אויפגענומען און עס פאַרצייכנט אין דערציילונגען, דאַן געדרוקטע אי־נעם כוידעש־זשורנאַל „נײַ־וועלט”. די אָ דערציילונגען האָב איך איצ־טער צוזאַמענגענומען אין איין באַנד, אונטערן נאָמען „פון מײַן צווייטן היימלאַנד”.

און זאָל דער הײַנטיקער לייענער, מיט אַ פערטל יאָרהונדערט שפּע־טער, מישפּעטן.

א הויז אין אַ שטאָט־טייל
פון בוענאָס איירעס

אַ הויז אין אַ שטאָט־טייל פון בוענאָס איירעס

אַ יונגער, אַ וווקסיקער און דאַרער, מיט אַ דרײַ־פּיר שוואַרצע פלעקן אַף דער ווײַסער פעל — אָט דאָס איז טריפּאָן. מיט אַ לאַנגן פּאַרריסענעם האַלדז און אַ קורץ־אָפּגעהאַקטן אָפּגעשטאַנענעם ווײדל.

אַ דורכשניטלעכער גאַסן־הונט, ווען ניט עטלעכע סיבעס מיט אַמאָל, וואָס האָבן גוירעם געווען צו זײַן זײַן באַ די מאָראַלעס אין שטוב. ערשטנס באַביס קעסיידערדיק ליגן אין אַ ווינקל פון הויף, זײַן שווערער גאַנג און אַראָפּגעהאַנגענער קאָפּ האָט זייער אַ סאַך דערמאָנט אינעם נאָענטן סאָף. באַבי האָט פאַרלאָרן זײַן הינטישקייט. ער איז שוין גיכער געווען ענלעך צו אַן עלנטן אומגליקלעכן, וואָס גייטיקט זיך אין אַ וואַ־רעמען ווינקל. שכיינים האָבן געראַטן אַן אַלט מיטל: אַ קויל אין קאָפּ, אָבער אין דער פאַמיליע מאָראַלעס איז נישט געווען קיינער, וואָס זאָל דאָס געווען קענען אויספירן. פון דער אַנדערער זײַט האָט טריפּאָן גע־טראָגן אַ זײַדן העמדל: ער איז געבוירן געוואָרן באַ אַ דאָקטער אין שטוב. און איבער דעם אַלעמען — דאָס, וואָס דער אַלטער מאָראַלעס, מיגעל, האָט ליב געהאַט כּאיעס. אויסער אַ פּאָר שטײַגן מיט אַ צענדליק פייגל, האָבן זיך אין הויף אַרומגעדרייט אַ בראַזיליאַנער מאַלפּע אַף אַ קייט, עטלעכע קעץ, באַבי און — איצטער טריפּאָן.

טריפּאָנס אָנקומען האָט דערוועקט נײַע האָפענונגען אין דעם פּאַר־

כוישעכט געמיט פון דער פאַמיליע מאַראַלעס. טריפאַנס פאַרריסענער־קאַפּ, זײַנע פּילקע־שפּרונגען, זײַן שוועבן אין דער לופט, זײַן אומדער־מידלעך שפּילן זיך מיטן טאָג האָט אויפגעוועקט אַ פרײלעכן ציטער פון נאָך ניט אויסגענוצטער ענערגיע. איז דען דאָס לעבן שוין טאַקע געווען אַזוי שווער האָפענונגסלאָז ווי באַביס סאָף? אָט, אַ נעם טאָן אַזוי זאָרגלאָז דאָס לעבן און אַ שפּיל טאָן זיך מיט דעם — און דאָס לעבן אַליין וועט זיך אַזוי בייגעוודיק קעציש קנעטן אונטער די הענט.

פונדעסטוועגן האָט די פאַמיליע מאַראַלעס אָנגעטאָן אַף טריפאַנען אַ קייט. דורכן גאַנצן טאָג אַ קייט, קעדיי אין דער נאַכט זאָל דער הונט זײַן אויפגערעגט וואָך; קעדיי ער זאָל מער אויפמערקזאַם היטן די גאָרניט־פאַרמאָגנדיקע שטוב און קעדיי ער זאָל אַף זיך פילן אַ האַנט פון אַ באַלעבאָס.

מיגעל מאַראַלעס האָט פאַרמאָגט אַ שמאָל געוועלבל אין אַ צענ־טראַלער גאַס. ער האָט אין דעם געוועלבל פאַריכט, פאַרקויפט און געמאַכט פונדאַסנײַ אַלערליי שליסלען. ער האָט פאַריכט שלעסער, נאַפּט־מאַשינקעס, אָנגענומען לײַכטע שלאָס־ און בלעך־אַרבעט און אויך דורכ־געפירט לײַכטע אָפּעראַציעס איבער קאַליע־געוואָרענער עלעקטרע. אָט דאָס שליסל־מאַכערײַ איז געווען דער לעצטער פון צענדליקער פאַכן וואָס ער האָט אַדורכגעמאַכט אין זײַן לעבן. וואָרעם מיגעל האָט שוין געציילט פיר און פופציק יאָר אַף זײַן געבויגענער פלייצע און דער קאָפּ איז אים שוין געווען אײַנגאַנצן זילבער־גראָ.

די דערפאַרונג פון מיגעלס לעבן איז געווען אַזאַ, אַז קיינמאָל איז אים נישט געגאַנגען בעסער. אויב מיגעל האָט ווען אַ טראַכט געטאָן וועגן אויסבעסערן זיך דאָס לעבן, איז שוין שטענדיק געווען נאָנט דער דורכפאַל. און עס האָט אים געקאָסט גענוג אָנשטרענגונגען און צײַט זיך אַרויפצודראַפּען אַף דעם פלאַץ, אַף וועלכן עס איז פריער געשטאַנען.

דאָך האָט ער נאָך געהאַט גענוג מוט אַף צו פּרובירן דעם מאַזל נאָכאַמאָל, אָבער די פרוי זײַנע, אַנכעליקאַ, אַ דערשעפּטע און צעבראָ־

כּענע פון שווערער שטוב־אַרבעט, פון האָדעווען קינדער, פון שטענדיקער נויט — האָט זיך אײַנגעשפּאַרט איין מאָל פאַר אַלע: אויס עקספּערימענטן! נישטאָ מער קיין קויעך פאַר פאַלן און זיך אַרויסהייבן — זאָל עס גיין ווי עס גייט! און מיגעל, כאָטש אין האַרצן אַ צופרידענער פון דער ווײַבס אײַנגעשפּאַרטקייט, וואָרעם אויך אים האָבן שוין די קויכעס אָנגעהויבן צו פאַרלאָזן, האָט זיך דאָך געאַקשנט און פאַר יעדן טאָג אָן פידיען האָט ער אויסגעלאָזט דעם קאַס צו דער ווײַב.

מיגעל איז געווען דער עלטסטער פון די דרײַ ברידער מאָראַלעס און דער שלימאַזלדיקסטער. די צוויי יינגערע ברידער האָבן אַף אים געקוקט מיט ביטל, און זייער פאָטער, כּואַן, האָט אויסגעהויכט די נעשאָמע מיט אַ זיפץ. דאָס האָט נישט צעשטערט מיגעלס גוטן הומאָר און זײַן זאָרגלאָזיקייט. פאַרקערט — וואָס מער די ברידערס פּעניםער האָבן געדאַרט אונטער דער זאָרג פאַר געלט, איז מיגעלס כּויזעק און רעוואָלט קעגן אַזאַ זאָרג אַלץ מער געוואַקסן.

הײַנט איז שוין מיגעל אַלט און געבראָכן. ס׳ליגט נאָך אַ גוטמוטיקייט אַף זײַן פּאָנעם, ס׳פינקלען נאָך אויף מיט כּויזעק און ווידערשטאַנדיקע גראָע אויגן איבער דער אָדלער־נאָז, אָבער זיי ווערן גלײַך אויסגעלאָשן. ס׳בלײַבט נאָר אַ ביטערער שמייכל אין דעם עטוואָס צעעפנטן און אויסגעקרימטן מויל־ווינקל פון דער לינקער זײַט. אויך די פיר אונטערגעוואַקסענע קינדער מיגעלס — דרײַ טעכטער און אַ זון — האָבן ווייניק פאַרזיסט זײַן לעבן. וואַקסט אַ זון, אָט באַלד אין די טיפע צוואַנציקער אַרײַן, און ניט דאָס האָט קיין זאָרג פאַרן לעבן און ניט דאָס האָט קיין באַציִונג צום לעבן, גראָע זאָרגלאָזיקייט אָנגעשטאָפּט מיט פוטבאָל און טענץ. וואַקסן טעכטער מיט אויגן צו דער גאַס אַרויס. און זייערע דאַרע קערפּערס ציטערן קאַלט אונטער דער איינזאַמקייט פון זייערע אָפּגעהיטע קליידלעך; טונקל־אײַנגעפאַלענע אויגן זוכן אומזיסט אַ נײַגעריקן אַף זייערע אויסגעווייגטע זײַדענע זאָקן.

דאָס לעבן האַלט זיך באַם אויסשפּילן. גוט געשפּילט, שלעכט גע־

שפּילט — אַזוי איז געשען. און אַלץ אַ שווערערע מידקייט באַפאַלט מיגעלן. שוין, ס׳וועט ניט פאַריכט ווערן דאָס, וואָס פון אָנהייב אָן איז געווען שלעכט פאַרזייט. ס׳איז נוצלאָז זיך אומצוקוקן אַף הינטן, אָן אַ פּערספּעקטיוו אַף פאָרויס — מיגעל קען ניט פאַרלײַדן ניט קיין אייצעס און ניט קיין פאָרוואורפן — אַליין מיט זיך, אין זיך.

יעדן באַ־דער־נאַכט, נאָכן עסן, בלײַבט מיגעל אײנער אַליין אין עסצימער. ווער ס׳איז פאַרנומען מיט קיך־אַרבעט, ווער ס׳שטייט באַם טויער, ווער ס׳האָט זיך געלייגט שלאָפן — דער עס־צימער איז ליידיק. דעמאָלט שטעלט מיגעל אָן דעם ראַדיאָ און אָנגעלענט מיט ביידע הענט אַף דעם עק פון טיש, קוקט ער געהאָרכזאַם אַרײַן אין דעם אַפּאַראַט. ערשט שפּעטער אין אַ צוויי דרײַ שאָ אַרום לעשט אַנכעליקאַ אויס דעם ראַדיאָ און טרייסלט מיגעלן פאַר די אַקסלען: מיגעל, מיגעל, גיי שלאָפן . . .

אין די זונטיק־טעג הייבט זיך מיגעל אויף מיט אַ זעמערל. ער זיצט לענגער אין באָד־צימער, וואַשט זיך לענגער אונטערן קראַן און דער גאַנצער הויף לעבט אויף: ס׳טשווישטשערן די פייגל, די מאַלפּע רײַסט אײַן וועלטן זיך קרימענדיק און בייגנדיק און פאַרשרײַט די גאַנצע וועלט; טריפּאָן רײַסט זיך פון דער קייט און אפילו דער אַלטער באָבי איז זיך מאַטריעד און הייבט זיך שווער אויף פון דער פאַרהאָריקטער צעפוילטער שמאַטע. מיט די כאַיעס איז מיגעל געדולדיקער ווי מיט דער פאַמיליע — ער ראַמט אויס לאַנגזאַם און מיט האַסמאָדע די שטײַגן, באַטראַכט די קייט אַרום טריפּאָנען און זײַן לײַב, צי ער איז ניט פאַראומרייניקט געוואָרן, ער רייניקט אויס דאָס מאַלפּע־שטיבל, לייגט אַרויס די צעפוילטע שמאַטעס צום טריקענען און אויך פאַר באָבין פעלט נישט קיין געלט.

פאַרנאַכט, אַן אויסגעגאָלטער, אָפּגעוואַשענער, פאַרפּוצט ער זיך אין די אָפּגעהיטע מאַלבושים. שאַרפן זיך די שפּאַלטן איבער דער לענג פון די הויזן, ליגט דאָס רעקל נעט אויסגעגלעט צו דער פּלייצע, שפּיז־

לען די שיך־שפּיצן און דער הוט מיטן בינדער האַלטן זיך גײַוועדיק־פאַרריסן אַף זייערע ערטער. אַ צוגעקעמטער, אויסגעפּוצטער, גיט ער זיך אַ גיי דורך אַ פּאָר מאָל איבער דער לענג פון הויף, פאַרטיפּט זיך אין זיך, און מיט אײַנגעהאַלטענעם מעיושעוודיקן טראָט שפּאַנט ער אַרויס אין דער גאַס.

אָט אַזאַ פאַרפּוצטער, בימנוכעדיקער, וויקלט ער ערשט פונאַנדער פאַר זיך די שטאָט מיט אירע אײַנוווינער, מיטן גאַנצן לעבן ביכלאַל. אָט די וואַנט, אַ שטייגער, האָט פון די לעצטע רעגנס שטאַרק געליטן. באַ דער ערשטער שטאַרקער זון וועלן די בלאָזן פּלאַצן. גוט איז ווען נאָר די טינק, אָבער די גנעך־פלעקן האַלטן זיך שוין צו לאַנג. און ניט אָן באַרימערײַ טוט ער אַ טראַכט: מײַן דירע איז אַ טרוקענע... פון וואָס אָט דאָס שוסטערל לעבט — אָסער אויב ער ווייס, אַ שטוב פול מיט קינדער, די ווײַב אַ גאַנץ דיקע און ער אַליין, דער שוסטער, ניט צו פאַרזינדיקן. מיגעל שטעלט זיך אַפילע אָפּ צו באַטראַכטן דאָס שוסטער־געוועלבל. ניט קיין איין פּאָר שיך אפילע אין פענצטער. די שויב געדענקט ער גאָרניט ווען זי זאָל געווען האָבן אַ גלאָז אַנשטאָט אַ קאַרטאָן. לעבן לעבט ער נאָר פון פּאַטשינקעס, מישטיינס־געזאָגט. רע־כענען די קעסטעלעך שוואַקס וואָס ער פאַרקויפט, צי די שנוראָוואַדלעס? סײַדן דאָס געשטעל צו פוצן שיך וואָס ער האָט אַוועקגעשטעלט... און מיגעל כעשבנט וויפל, אַ שטייגער, פּאָר שיך קען ער אָפּפּוצן דורכן טאָג? לעבן אים, לעבן מיגעלס קלייטל, האָט זיך איינער אַוועקגע־שטעלט מיט אַ שיך־פּוצערײַ, זאָגט מען, אַז ער מאַכט גאָלד. נאָך בע־סער — ער קען איינעם אַ גאַסן שיך־פּוצער, זאָגט מען, אַז ער האָט אַן אייגן הויז... אַלץ — מאַזל. ס'האָט זיך צוגעטראָפן און אַרײַנגעטראָפן ווי אין אַ לאָטעריע. און אים, מיגעלן, גייט עס ניט. און אַלץ, אַזוי איך לעבן, ווי בעבלעך אין אַ טאָפּ פאַרזאָטן וואַסער — אַלע פון איין זאַק, אַלע גלײַך געוואַשן — האָט פאַרזאָטן דאָס וואַסער, איז ווען ס'האָט אַרויסגעזעצט פון אויבן און ווער ס'איז געבליבן אונטן... נאָר גאָרניט — די זעלבסטווירדע האָט מיגעל ניט פאַרלאָרן — אָט שפּאַצירט ער

אין דער אַלעמענס גאַס און באַטראַכט און אָבסערווירט דאָס לעבן און שאַצט אָפּ...

דער זונטיק־שפּאַציר געדויערט באַ מיגעלן אַ שאָ, צוויי און אַמאָל דרײַ. אין אָוונט זיצט ער שוין ווידער מיט ביידע עלנבויגנס אָנגעשפּאַרט אין עק טיש און קוקט געהאַרכזאַם אַרײַן אין דעם ראַדיאָ. און שפּעט אין אָוונט וועקט אים אַנכעליקאַ ווידער פאַר די אַקסלען: מיגעל, מיגעל, גיי שלאָפן...

געראָטן האָט מיגעלן מיט דער שפּײַז פאַר די כאַיעס. פאַריכטנדיק איינמאָל דעם טיר־שלאָס פון אַ רעסטאָראַן אַף אַ צענטראַלער גאַס, האָט אים דער באַלעבאָס אַ פרעג געטאָן צי האָט ער ניט אין שטוב אַ הונט, אַ קאַץ? פון דעמאָלט אָן ברענגט מיגעל יעדן טאָג אין שטוב אַרײַן שווערע פּעק מיט שפּײַז: שטיקער געקאָכט פלייש, בראָטנס, געהאַקט פלייש, כאַזער־פלייש, פיש, האַרטע הון, געזייערטע קוראָפּאַטקעס און ביינער — אַ וועלט מיט ביינער.

אין דעם זעלבן הויף, צוזאַמען מיט דער פאַמיליע מאָראַלעס, וווינט אויך אַ צווייטע קליינע פאַמיליע — מימעסי — אַ מאַן, אַ ווײַב און אַ דערוואַקסן יינגל, זעכצן־זיבעצעטער יאָר אַלט. דאָן לאָרענסאָ מימעסי, דער פאָטער, איז בלינד. אַ געוועזענער פּאָסט־באַאַמטער אין די באַנען איבער דער פּאַמפּאַ. אַכצן יאָר געדינט און לעסאָף האָט די פּאַמפּאַ פאַרראַטן: אַ פּאַמפּאַ־ווינט האָט דאָן לאָרענסאָן אויסגעגעסן די אויגן, אַזוי דערציילט דאָן לאָרענסאָ. צי אַ ווינט, צי עפּעס אַנדערש — דאָן לאָרענסאָ איז בלינד און באַקומט אַ האַלבע פּענסיע. אַ צוויי־דרײַ יאָר פאַרן בלינד ווערן, שוין זײַענדיק אַ באַכער אין די יאָרן, האָט דאָן לאָרענסאָ כאַסענע געהאַט און אַרײַנגענומען אין שטוב אַן אַלמאָנע, דאָניאַ קאַרמען, מיט איר דעמאָלט עלף־יאָריקן זון סאַנטיאַגאָ. אייגענע קינדער האָט דאָן לאָרענסאָ ניט געהאַט.

ס׳טרעפט אַ סאַך מאָל, אַז דאָן לאָרענסאָ בלײַבט שטיין אין מיטן הויף, קוקט מיט צעעפנטע אויגן אין הימל אַרײַן, שפּירט דעם טאָג,

הערט זיך צו צו די קלאַנגען וואָס טראָגן זיך אין דער לופטן און וויל מיט געוואַלד אַדורכרייסן אַט דעם גראָען געדיכטן צודעק מיט וועלכן אַלץ אַרום איז אַדורכגענומען. דאָס געלינגט אים ניט. דעמאָלט לאָזט ער אומעטיק אַראָפּ דעם קאָפּ און אויסשפּרייטנדיק די האַנט גייט ער פּאַזע דער וואַנט צו דער קיך צו. באַ דער קיך בלייבט ער זיצן און פאַרזינקט אין ראַיוינעס.

די ראַיוינעס דאָן לאָרענסאָס זיינען איבער דאָס געוועזענע. זייענדיק בלינד אין דער איצטיקייט טראָגן זיך זיינע ראַיוינעס אַריבער אין דער פאַרגאַנגענהייט. זיכרוינעס. אין די דריי יאָר פינצטערניש האָט דאָן לאָרענסאָ דורכגעטאַפּט אַלע ריגעס פון זיין אָווער, האָט זיי אָפּגעשאַצט, אָפּגעוויגן, פאַרגליכן, אויסגעמאָסטן. און דעריבער איז דאָן לאָרענסאָ אַ לעבהאַפטיקער מיטשמועסער וועגן דער איצטיקייט: ער מעסט דאָס איצטיקע מיט דאָס געוועזענע. ווען די לופט איז געווען פייכט, געדענקט ער, אַז דער הימל פלעגט זיין מילכיק און שווער, אָבער זעלטן ווען ס'פלעגט רעגענען אַן אָנגריף פון פליגעלעך און מאָסקיטן איז אַ סימען אַף רעגן. גאַנץ אָפט, אַריינקוקנדיק אין הימל, זאָגט זיך דאָן לאָרענסאָ אַרויס וועגן וועטער. דאָס האָבן ניט די אויגן דאָן לאָרענסאָס געזען, נאָר די פינצטערניש האָט אַדורכגעטאַפּט, פאַרמאָסטן און פאַרגליכן.

דאָן לאָרענסאָ איז הויך, ברייט און געזונט. ער שפּירט אין זיך אַ מענערישע קראַפט, וועלכע איז דורך דער בלינדעניש געבונדן מיט דיקע שטריק. ער שטעלט אַרויס די ברייטע ברוסט, פילט די קראַפט וואָס רייסט זיך אַף אַרויס, אָבער די הענט טאַפּן מאַכטלאָז די וואַנט.

דאָניאַ קאַרמען, זייענדיק יינגער אין יאָרן, זעט אויס צו זיין אַ סאַך עלטער פון אים. אַ געקנייטשט פּאָנעם מיט אַ געבויגענער פּלייצע. אַט אַזאַ איז שוין דאָניאַ קאַרמען אַ דינסט באַם לעבן. און וועלכע קענען שוין זיין די האָפענונג אירע, ווען זי איז שוין אַזויפיל אָנגעלאָדן מיט צאָרעס און דערצו נאָך קראַנק?

אַלע פאַרטאָג, נאָך פאַר פינף דעם זייגער, כאַפּט זיך דאָניאַ קאַר־

מען אויף, שלײַכט זיך שטיל אַרויס פון בעט ניט אויפצעוועקן דעם מאַן און זון, טוט זיך שטיל אָן און שוין גאַר שטיל, ניט אויפצעוועקן די שכיינים, שאַרט זי זיך אַרויס אין גאַס אַרײַן, וואַרטן אַף אַ טראַמווײַ. איז זומער נאָך אַ האַלבע צרה. אָבער ווינטער — פולע נאַכט, קאַלט, רעגן — דאָניאַ קאַרמען טוליעט זיך אין איר אָרעם זשאַקעטל, אַ נאַסער ציי־טער ווייקט אַדורך אַלע ביינער, נאַכט כראַפּעט אַף ברוק, אין די גאַסן — לאָמפּן, און די מענטשן וואָס וואַרטן, פונקט ווי זי, אַף די עקן גאַסן, זעען אויס אַזוי שאַטנדיק און ראַכמאָנעסדיק צונויפגעדרייט. דער פאַר־טאָגיקער טראַמווײַ קומט אָן אָן איבערגעפאַקטער. ווי אָנגעקלעפּטע פליגן הענגען מענטשן אַף די טרעפּלעך, צוגעקלעפּט צו די ווענט פון טראַמווײַ. דאָניאַ קאַרמען קוועטשט זיך ווי ס׳איז ניט אַרײַן. אַ סאַך באַקאַנטע פּנ־עמער. דורך יאָרן פאָרן פון איין און זעלבן ווינקל, אין דער זעלבער שאָ אין דער זעלבער ריכטונג — האָבן זיך פּנעמער באַקאַנט, היימיש געוואָרן. דער און יענער באַגריסט זיך לײַכט. אַלע אַרבעטער דערוואַכטע אין דער נאַכט, וואָס ווען באַלד די נאַכט צעטרייסלען, פאַרשלײַדערן זי אין קאַפּאַקאַל און ווען אַראָפּשלעפּן דעם קלינגענדיקן ליכטיקן טאָג. דערווײַל איז אין טראַמווײַ אַ טויטע שטילקייט. גאָר ניט ווי אין די באַטאָגיקע טראַמווײַען. ניט דערשלאָפענע נאַכט. שטייען אַרבעטער אָנ־געקוועטשט איינער אַף איינעם און יעדער איינער דערדרוט די פאָר אי־בערגעבליבענע מינוטן ביז דער אַרבעט — ווער ס׳איז פאַרגליוערט־פאַרטראַכט, ווער ס׳גענעצט און ווער ס׳דערדרעמלט.

דאָניאַ קאַרמען האָט אַ גאַנץ באַשטימטע אַרבעט: אויסוואַשן די פּאָלן פון פיר ביוראָ־צימערן, אָפּשטויבן טיש און בענקלעך, מאַכן גרייט די צימערן ביז די אָנגעשטעלטע קומען, זײַן גרייט צו יעדער שליכעס און אַרבעט ביז די ביוראָ גייט אַוועק אין פולן גאַנג און צען־האַלב־עלף אינדערפרי איז זי שוין צוריק אינדערהיים.

דער צוריק־טראַמווײַ נעמט שוין ניט אויף אַזוי היימיש, ווי אַף אהינצו. דער טראַמווײַ איז אַפילע ניט אַזוי אָנגעפולט, אָבער אָפּטרעטן

איר אַן אָרט צום זיצן, דאָס האָט נאָך קיינער ניט געטאָן, און די פענצ־מער אין טראַמוויי זײַנען שוין אַנדערע — אויסגערוטע, ראָזעווע און אָפּגעשלאָסענע יעדערער מיט זיך. ס'שורשען און שפּרייטן זיך צײַטונגען אין דער ברייט, און דאָניאַ קאַרמען, אַ שטייענדיקע און צונויפגעהוי־קערטע, דאַכט זיך אַז זי שטערט יעדערן.

אין שטוב קומט דאָניאַ קאַרמען אָן אײַלנדיקע און דענערווירטע. עמעס, סאַנטיאַגאָ האָט דעריאָגט די שטוב־אַרבעט ביז צו דער שאָ ער האָט פאַרבעט די בעטן, אויסגעוואַשן דעם פּאָל, געמאַכט אַ מאַטע פאַר זיך און דעם שטיף־פאָטער, געמאַכט פײַער אין קיך, געבראַכט פון מאַרק אַלץ וואָס די מאַמע האָט אים נאָך נעכטן אָנגעזאָגט, און דאָן לאָרענסאָ אַליין זיצט אַן אויסגערוטער, אויסגעוואַשענער, ראָזעווער בײַ דער קיך און טאַפּט מיט צעעפנטע אויגן אין דער פינצטערניש — זיכרוינעס. אָבער דאָניאַ קאַרמען איז הילפלאָז, דענערווירט. אָפּן פּאָ־נעם אַן אייביקער אויסדרוק פון טרערן — ס'טויג ניט! אַלע אייוורים שרײַען אין איר: ס'טויג ניט!

— סאַנטיאַגאָ, וואָס האָסטו געבראַכט! טויגעניכטס, אידיאָט, וואָס האָסטו געבראַכט!

זי כאַפּט אַראָפּ אַ האַנטעך און שמײַסט איבער סאַנטיאַגאָס אויס־געשטעלטער פּלייצע. און איר קאָל — אַ ציטערדיקער, אַף די העכסטע טענער, ווי דער אָפּקלאַנג פון שווערע רעדער אַף לויזע שויבן — וואָס טוט מען! וואָס טוט מען? איך האָב דאָך קיין הילף ניט פון דאַנען אַהין!

אַ געשטערטער אין זײַנע זיכרוינעס גיט דאָן לאָרענסאָ אַ קאַלטן האַק אָפּ —

— פאַרמאַך דעם פּיסק!

און סאַנטיאַגאָ וואַרט געדולדיק אָפּ, ביז די נערוון דער מאַמעס וועלן זיך אײַנלייגן, באַרויקן און אַ האַלב־פאַרכאַלעשטע אין איר אומ־מעט וועט זי פאַרווייקן די ברודיקע וועש.

צײַטנוויַז טראַכט סאַנטיאַגאַ, אַז אַ גרויס גליק האָט אים גע־טראָפן דערמיט, וואָס ער איז ניט געבוירן געוואָרן אַ פרוי. אָט זינט ער געדענקט די מאַמען איז זי אַזוי אויפגעטרייסלט פון צאָרעס און יעסורים, אַז אַלע טאָג דאַכט זיך אים: אָט־אָט און זי וועט ניט אויס־האַלטן... דערוואַרט ער יעדן טאָג דער מאַמעס קומען מיט האַרץ־קלאַ־פעניש און שטעלט געדולדיק אונטער די פלייצע פאַר דער מאַמעס קלעפּ, אַבי ס׳זאָל אַדורך בעשאָלעם.

דאָס גרעסטע אָפּקומעניש זײַנען באַ סאַנטיאַגאָן די זונטיקס. דאָס אויספּוצן זיך און גיין פאַרגליווערט באַ דער זײַט פון טאַטע־מאַמע און דערוואַרטן מיט האַרץ־קלאַפּעניש יענע שטענדיק האַרבסטיקע שמועסן, אין וועלכע ס׳איז אויך אַרײַנגעפּלאָכטן זײַן נאָמען און וועל־כע ענדיקן זיך שטענדיק מיט קאַלטע האַפענונגסלאָזע טרערן... אָט הערט דאַכט זיך סאַנטיאַגאָ דעם פרייליכן אויסגעשריי: „קאַרמען איז געקומען!” אָט קוויטשען און שרײַען אַלע פאַר איין מאָל פון פרייד, אָט קושט די מומע מיט אַזאַ פריידיקער איבערגעגעבנקייט זײַן מאַמען און אויך אים און נאָך איידער סאַנטיאַגאָ האָט איבערגעכאַפּט דעם אָטעם — אַ־האַ! די מאַמע רעדט שוין אַראָפּ איר האַרץ און אַלע זיצן שוין מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ... און אָט רוקט זיך אונטער דער קאַ־פּיטל „סאַנטיאַגאָ”. וואַקסט ער אַזאַ ווילדער, צו גאַרניט טויגנדיקער — וואָס וועט פון אים ווערן! וואָס וועט פון אים ווערן? וואָס טוט מען מיט אים?

ס׳איז געווען אַ צײַט ווען סאַנטיאַגאָ האָט אומגעפּער אַזוי גע־טראַכט: ווייסט וואָס, מאַמע? לאָז מיך אָפּ, באַפרײַ מיך. אין איין יאָר וועסטו שוין זען, מאַמע, וואָס פון מיר וועט ווערן... ער האָט אויך צײַטנוויַז געטראַכט: איך, אויב איך וועל נאָר ניט בלינד ווערן, וועל איך ניט זײַן אַזאַ ווי לאָרענסאָ, אַזאַ קאַלטער און האַרטער. איך וועל ניט דערלאָזן, אַז „זי” זאָל אין פינצטערן פרימאָרגן אַוועק ראַמען פרעמדע שטובן. און אָפּט, זייער אָפּט פלעגט זיך סאַנטיאַגאָ צוקוקן צו די אַרבעטער באַ דער אַרבעט און פון דער אַרבעט. ער האָט ניט גע־

זען זייערע נויטן, ער האָט ניט געזען זייערע היימען, ער האָט זיי אָבער געזען — ביי באַם בויען הייזער, ביי באַם שמירן ווענט, ביי גייענדיק אין די מאַסן פון דער אַרבעט — פרייע, אָן אַ שטענדיק האָפּענונגסלאָז־דענערוויזירטער מאַמען און אָן אַ קאַלטן און בלינדן שטיף־פאָטער באַ זייערע זייטן...

די טאָג־טעגלעכע, שטענדיק טריפנדיקע גרויקייט, האָט איינגעשלונגען און פאַרדעקט סאַנטיאַגאָס נאַטירלעך רייסן זיך צום לעבן. דער מאַרק, די מאַמע פאַר זיך און דעם בלינדן, די בעטן, דער פּאָל, דאָס פייער אין קיך, דער מאַמעס גלעזערנע געשרייען און אָפּט קלעפּ, דער־מיטאָג די גאַס, דער אָוונט — און ווידער פונדאַסניי: דער מאַרק, די מאַמע, די בעטן אא״וו בלויז אַ פּונק, אַ טיפער און פאַרשאָטענער, האָט געטליעט: פריי זיין, פריי זיין...

איינגעשלאָפן אין זיך, פאַראומעטיקט הערט סאַנטיאַגאָ דער מאַמעס געבראַכן באַקלאָגן זיך: וואָס וועט פון אים ווערן? וואָס וועט אים ווערן? און די מומעס און די פעטערס שטעכן אים מיט די אויגן: טויגעניכטס! אידיאָט! און שיטן מיט אייצעס, נאַרישע און ניט ערלעכע — ווייסן זיי דען ניט אַז ווען די מאַמע גייט אַוועק מוז ער בלייבן אין שטוב? און ווייסן זיי דען ניט אַז די מאַמע וועט פאַר קיין פאַל ניט נאָכגעבן ניט צו גיין צו דער אַרבעט? ציטערן דען די מומעס אַליין ניט באַם דערמאָנען זייער מוטערס נאָמען, וועלכע איז אַ פאַרפייניקטע בלויז פון קלעפּ אַוועק פון דער וועלט און נאָר דערפאַר, ווייל זי האָט ניט געקענט געבן דעם טאַטן זייערן אַ שפּיי אין זיין שיקערן פאַרצעף?

אָט אַזעלכע פאַרגייען פאַר סאַנטיאַגאָן די זונטיקס, אין טרערן און אומעט. און אין אָוונט ווי שטענדיק, לייענט די מאַמע אָפּן קאָל די אָוונט־צייטונג און לאַרענסאָ שלאָגט זי אָפּט איבער מיט פראַגעס און באַמערקונגען.

דינסטיק אין אָוונט לייענט קאַרמען די פאַרזעצונג פון דער נאָוועלע, וואָס דער דאַרער מאַרטשאַנטע האָט געבראַכט. אַלע דינסטיק

אין דער פרי וואַרטן אים מיט פיבער און אומגעדולד אָפ בײדע שכנים — אַנכעליקאַ און דאָן לאָרענסאָ. מיט פערציק סענט אין האַנט וואַרט אַנכעליקאַ אַף די בײדע נומערן צו קענען כאַפן כאָטש אַ קוק וואָס ס׳איז געוואָרן מיט דער אָרעמער מײדל וואָס אין איר האָט זיך פאַרליבט אַ פרינץ און מיט איר כאָסן, וואָס האָט זיך אַרויסגעוויזן צו זײַן אַ פאַרברעכער. אָבער דער דאַרער מאַרטשאַנטע אײַלט זיך ניט — צוערשט דאַרף ער אָפזוכן די צוויי טאַרכעטלעך פון די צוויי קליענטן און אָפצייכענען, אַז זיי האַלטן שוין בײַ דער און דער פאָרזעצונג, נאָכדעם דאַרף ער לאָזן אויבנאויף דעם נאָענטן שאָכן און איבערהויפט פאָרזיכטיק צוזאַמענפאַקן די טאַרכעטלעך, קעדיי זיי זאָלן זיך ניט אויסמישן: און טאַרכעטלעך האָט דער מאַרטשאַנטע אַ סאַך — אָט פון אַ סאַך שטיבער זעט ער שוין נײַגעריק אַרויסגעשטעקטע קעפ. פאַרלירט אַנכעליקאַ דאָס געדולד און גיט אַ פרעג: מ׳האָט שוין דעם כאָסן געפאַקט?

און אַלע מיטוואָך אינדערפרי טראָגט זיך איבערן הויף דער רייעך פון פאַרברענטער מילך — אַנכעליקאַ איז בעעמעס אויפגערעגט וואָס דאָן לאָרענסאָ געטרויט ניט דעם פרינץ. זי זוכט מיט אַלע מיטלען צו דערווײַזן אַז דעם פרינצס ליבע איז אַן עמעסדיקע און — די מילך שוימט, האַלט אין איין שוימען איבערן טעפל אַף די ברענענדיקע קוילן.

אַלע אַפדערנאַכט לאָזט מען טריפאָנען אַרויס אין גאַס אַף אַ שאָ־צוויי. דעמאָלט ווערט דער הונט מעשוגע פאַר פרייד. ער לאָזט זיך אין גאַלאָפ און שווימט אַרויס פון אַ צווייטן עק־גאַס; ער יאָגט זיך אָן אָפשטעל אַרײַן אין שטוב, לויפט אַדורך דעם הויף און פליט אַרויס, העגדום־פעגדום, ווידער אין דרויסן. ער שפּרינגט אַף די גלײַכע ווענט, דערלאַנגט מיט די פאָדערשטע פיס צו די שטוביקע פלייצעס און, ווידער אין גאַלאָפ.

אַנכעליקאַ איז שוין מער באַם טויער ניט געשטאַנען. זי פלעגט

אין די שאָען אַרומשליאָפּען אין דער האַלב־פינצטערער קיך, פלעגט וואָס אַרויסטראָגן און אַריינטראָגן פונעם הויף און צולעצט עפענען די גאַסן־טיר און רופן: טריפּאָן, טריפּאָן! אין שטוב אַריין!

באַ דער טיר צום גאַס צו איז געשטאַנען נאָרבערטאַ, אַן אויסגע־פוצטע, אויסגעפּודערטע, שמעקנדיקע, די הענט פאַרבאַהאַלטן אונטער די לאַצן פון זשאַקעטל און צעגאָסן־זיס געשמועסט מיט אַ יונגן־מאַן, אַ הויכן, ברייטפּלייציקן אין אַ שוואַרצן אנצוג מיט אַ שוואַרצן בינדער. זיי פלעגן שמועסן שטיל, אָט קימאַט זיך געסוידעט, אַ לאַך אין דער הייך נאָרבערטאַ, אַ הילכיקן קוויטש און ווידער שטיל, קימאַט זיך גע־סוידעט. לעבן זיי, אַף די טרעפּלעך, איז געזעסן די יינגסטע — ריטאַ — און האָט ניט דאָס געכאַלעמט, ניט דאָס זיך צוגעהערט, אָט מיט פאַרבענקטע אויגן געקוקט אין נאַכטיקער טיף. פון צייט צו צייט פלעגט פאַרביי זיי דורכשפּאַצירן די מיטלסטע שוועסטער, כואַנאַ, געאָרעמט מיט אַ כאַווערטע פון איר עלטער. זיי פלעגן אַדורכשפּאַצירן ערנסטע, צווישן זיך שמועסנדיקע, ניט אומקוקנדיק זיך אַף קיינעם. נאָר איין כו־אַנאַ פלעגט, פאַרבייגייענדיק דעם טויער, עטוואָס אויפהויבן דעם קאָל, עטוואָס אַ ציטערדיקן גערוועישן און פלעגט זיך אַזוי פאַרוועבן אין דער פינצטערניש פון דער נאַכט.

מיגעלס קלייטל האָט אָנגעהויבן צו געבן אַלץ ווייניקער און ווייני־קער פּידיען. געווען דערביי ערנסטע סיבעס: דאָס פאַרמאַכן די אויס־לענדישע מערק פאַר דער אַרגענטינער טווע, פלייש און וואָל; אין לאַנד — די קעסיידערדיקע איגטערוועגצן, דער אַגראַר־קריזיס, נאָך מער פאַרשאַרפט דורך די הויכע פּרייזן וואָס די לאַטיפונדיסטן האָבן געשלעפּט פאַר דער אַרענדע, די ראַציאָנאַליזאַציע אין די פאַבריקן, די אויפגעהויבענע כוואַליע פון שטרייקן — דאָס אַלץ האָט ווי אַן איי־זערנער רינג אַרומגענומען די הויפּטשטאָט און האָט זי צונויפגעדריקט אין הונגער־קאָנוולסיעס. ס'איז נאָך ניט געווען דער אייגנטלעכער הונ־גער, נאָר דער שאָטן זיינער און די שרעק פאַר אים, גרויסע, דערשראָ־

קענע אויגן, טיף פון די אויגן־לעכער אַרויס. דאָס אַלץ האָט מיגעל ניט געזען. און ווען ער וואָלט עס געזען, וואָלט ער אויך ניט געקענט פאָרן מיט די סענטיקע שליסלען פון זײַן, מישטיינס־געזאָגט, קלייטל. אָט אַ פּאַטום אַזאַ, וואָס האָט מיגעלן אָנגעכאַפּט פון זײַן פריסטער יוגנט און לאָזט אים ניט אָפּ. און די שטוב האָט געהאַט זעקס מײַלער. און דאָ האָט זיך אונטערגערוקט אַ קרעצל צו דער מאַקע — ראַמאָן איז אַהיימגעקומען מיט אַ בסורע: ער בלײַבט אַ פיר־פינף טעג פרײַ, ווײַל די הויפּט־מאַשין האָט זיך צעבראָכן. פון אָנהייב — גאָרניט יאָ־פרײַ־ניט־פרײַ, ווערמען גייט עס אָן? נאָר ווען צו די פינף טעג האָבן זיך צוגעשאַרט נאָך פינף טעג און נאָכאַמאָל אַזויפיל און ווידער פינף טעג און באַלד שוין אַ כוידעש, האָט זיך ראַמאָן געכאַפּט אַז ער און נאָך אַ פּאָר צענדליק צו אים זײַנען געבליבן אין דרויסן. די צעבראָ־כענע מאַשין האָט מען טאַקע אַרויסגעפירט, נאָר די נײַע מאַשין וועל־כע מ׳האָט אַרײַנגעשטעלט איז געווען אַזאַ, אַז מער ווי אַ העלפט פון פּערסאָנאַל איז געוואָרן איבעריק. איצטער האָט שוין דער אומעט און די זאָרג אינגאַנצן אַראָפּגענידעריקט די קעפּ אין דער פאַמיליע מאָראַ־לעס. אין די אינדערפרי־שאָען און אין די מיטאָג־שאָען האָט זיך די גאַנצע פאַמיליע געדריקט אין אַ ווינקל פון הויף און זיך געסוידעט. אַנ־בעליקאַ איז געוואָרן נאָך דאַרער און אײַנגעבויגענער, זי האָט זיך אינ־גאַנצן פאַרגראָבן אין שטוב און איז זעלטן אַרויסגעקומען. נאַרבערטאַ האָט געטאָן אַלע שטוב־אַרבעטן — געוואַשן די פּאָלן, דעם הויף, וועש, האָט געאַרבעט אין קיך און געטאָן אַלע אַנדערע אַרבעטן. די פּערצניאָ־ריקע ריטאַ איז געוואָרן נאָך פאַרטראַכטער און אײַנגעשלאָסענער אין זיך. מיגעל, דער גוטמוטיקער מיגעל, האָט פּלוצלינג אָנגעהויבן צו זען פעלערן אַף שריט און טריט. די פעלערן האָבן אים שטאַרק דענערווירט — האָט ער געשריגן און זיך געוואָרפן. ווי אַ סימבאָל האָט דער אַל־טער באָבי, מיט זײַן אַראָפּגעהאַנגענעם קאָפּ און שווערן טראָט, זיך גע־פּלאָנטערט פאַר די פיס.

בלויז איינער, וועלכער האָט ניט גענומען קיין אָנטייל אין דעם

אומעט פון דער פאַמיליע — איז געווען ראַמאָן. ער איז געשלאָפן ביז אַרום עלף, האָט זיך לאַנג און אויפמערקזאַם געוואַשן, האָט געפּאָדערט צו דער צײַט עסן און איז אַלע אפּדערגאַכט, אַן אויסגעפּוצטער, אַוועק אין גאַס.

און מיגעל האָט געשוויגן. אַלע קלײנינקע פּעלערן אין שטוב האָבן אים דענערווירט, אַרויסגעבראַכט פון זיך, בלויז ראַמאָנס אויפפירן זיך האָט ער פאַרשוויגן. קיינער האָט ניט געזען ווי מיגעל קוקט נאָך זײַן יעדן טראָט מיט אַ זײַטיקן אויג. אין מיגעלס אַרײַנקוקן אַלע באַנאַכט אין דעם ראַדיאָ איז דאָך געווען אַ געוווינהייט שוין פון יאָרן, — פונדעסטוועגן האָט די מאַמע אַנכעליקאַ געציטערט און זיך געוווּנדערט. פאַר די טעכטער פלעגט זי אויסריידן איר האַרץ, ברעכנדיק מיט די הענט: „ס'אינטערעסירט אים גאָרניט... אַזאַ דערוואַקסענער מאַן און פירט זיך אויף ווי אַ געפּיעשטשעטע מיידל... ווו זאָל איך דאָס געמען! ווו זאָל איך דאָס נעמען!... און ער זעט ניט, דער טאַטע זעט ניט — אַלט, מיד, זעט ער ניט... וואָס וועט דאָס זײַן! וואָס וועט דאָס זײַן?

האָבן די טעכטער מיטגעפילט מיט דער מאַמען און געבראַכט איר, אַלע ווײַלע, נײַע בסורעס —

— די „קאַלע־מויד" שלאָפט נאָך...

— די „קאַלע־מויד" וואַשט זיך שוין...

— די „קאַלע־מויד" וועט באַלד עסן...

אַ געבראָכענע, מיט אַ ציטערדיקער שטים, האָט זיך די מאַמע געבעטן: אַז ער האָט הײַנט קיין מילך ניט געבראַכט... איך ווייס גאָרניט וואָס מיט אים איז געשען — ניט געקומען...

און ראַמאָן בייזערט זיך —

— ניט געקומען... און נעכטן אויך ניט געקומען? און אייערנעכטן אויך ניט?

— ניט געקומען, ראַמאָן... קומט ניט... איך ווייס גאָרניט וואָס מיט אים איז געשען... אַז פאַרדינען פאַרדינט מען ניט, ניטאָ אַפילו אַף קיין ברויט...

— אַ־האַ! אָט ווי די זאַך איז? ווי באַלד איך פאַרדין ניט, איז ניטאָ פאַר מיר קיין מילך?

— ראַמאָן, — בעט זיך די מאַמע, — ראַמאָן, קינד מײַנס! האָב איך דען פון דיר אויסבאַהאַלטן מילך? פרעג נאָרבערטאָן, כואַנאַן, פרעג ריטאַן — קיינער ניט, קיינער האָט ניט געהאַט קיין מילך.

אַנכעליקאַ ציטערט. אָט ווי די גאַנצע שולד פון שטוב וואָלט געפאַלן בלויז אַף איר. ווי אַ פאַרמישפּעטע, מיט בושע פאַרן אייגענעם שאָטן, אַ צונויפגעקנוילטע, פליט זי מיט גיכע שטילע טריט אַדורך פון שטוב אין קיך און פון קיך אין שטוב אַרײַן.

די צײַט ווערט אַלץ ערגער און ערגער. דער פידיען אַלץ ווייניקער. אַן אַלגעמיינער קרעכץ שפּאַצירט פראַנק און פרײַ איבער די גאַסן. מיגעל הערט אַף שריט און טריט פון איבערגעקערטע געשעפטן, פון מענטשן וואָס גייען אונטער, פון באַקלאָגן זיך — באַקלאָגט זיך מיגעל אויך און שפּירט שוין — אָט אָט ווי אַ טרייסט; דערגייט ער גאָר צו דער אייגענער שטוב, פאַרשווינדט אָט דאָס קליין ביסעלע האָפענונג אויך ווי אַ שפּיגל פאַר זײַן לוי־יוצלעכדיק, אוילעם האַטויעדיק, פאַרגאַנגען לעבן, שטייט פאַר אים ראַמאָן. ניט זײַן זון איז דאָס, וועלכן מען דאַרף לערנען און ווײַזן, נאָר ער, מיגעל אַליין, אַן איבערכאַזערונג פון זײַנע יונגע יאָרן: אָט אַזאַ ביסטו, מיגעל, אויך געווען אין די זעלבע יאָרן — אַן זאָרג פאַרן הײַנט, און אַן פאַרשטאַנד פאַרן מאָרגן... לײַכטזיניק, זאָרגלאָז, העפקער... גוט געווען אַזוי, מיגעל?

מיגעל גיט אַ ברום אונטער דער נאָז „גוטן אָוונט” און גייט פאַרבײַ זײַן ציל, מיט אַן אַראָפּגעלאָזענעם קאָפּ.

ניין, אַזוי ווי ראַמאָן פירט זיך איז ניט גוט! ער טויג דאָך צו גאָר־

ניט, ער איז דאָך צו גאָרניט צוגעגרייט! נו, וואָס איז ער, ראָמאָן? אַ פאַרלוירענע פּאָדקאָווע... וועט עס עמעצער אויפהייבן, וועט מען עס ווידער צוקלאַפּן צו אַ פערדס פוס, אָדער גאָר אויפהענגען צוליב מאַזל אויף אַ וואַנט. און טאָמער ניט וועט זיך עס וואַלגערן אין גאַס, ביז וואַנען דאָס וועט ערגעץ פאַרזינקען אין בלאָטע. עקל.

אָבער אַזאַ ביסטו דאָך אַליין געווען, מיגעל?!

— די שמאַטע ליגט שוין ווידער אויף יענער זייט שוועל? קורווישע מוטער! מ׳קען אייך גאָרניט צוגעוווינען צו אָרדענונג! איך וועל אייך די פּיסקעס מיט דער שמאַטע צעהאַקן.

אַנכעליקאַ קנוילט זיך צוזאַמען. די טעכטער, אַלע מיטאַמאָל, וואַרפן זיך צו דער שמאַטע, דער אַלטער וואַרפט זיך, שלײַדערט זיך, שרײַט אַלץ העכער און העכער. בלויז ראָמאַנס אַרײַנקומען מאַכט דעם אַלטן שטיל. ער שליסט זיך אײַן אין זיך. אַ פונק פון אַ ביטערן שמייכל לעשט זיך אין זײַן עטוואָס צעעפנטן, קרומען מויל־ווינקל פון דער לינקער זײַט.

דאָן לאָרענסאָ פאַרלירט ניט זײַן הומאָר. אויסגעוואַשן, אויסגעגערוט, פּרובירט ער אַלע פּרימאַרגן זײַנע אויגן אין דעם קוואַדראַטנעם שטיק הימל וואָס שפּרייט זיך איבערן הייפל. נאָכדעם, אַ רעזיגנירטער, טאַפּט ער און לייגט איבער זײַנע זיכרוינעס אין דער אייביקער פינצטערניש זײַנער. דער כאָסן פון דער נאָוועלע איז שוין אַרעסטירט. עס זײַנען אַרעסטירט נאָך אַנדערע וועלכע האָבן צוערשט אַרויסגעזען צו זײַן די פּרומסטע פון די פּרומע. ס׳וועבט זיך אַ דין־דין פאָדעם אַזש ביז צום פּרינץ אַליין. נאָר איין אַנכעליקאַ צעשטערט דעם גאַנצן סיפּור־האַמײַסע — אוממעגלעך מיט איר זיך צו טיילן וועגן די אויסערגעוויינלעכע געשעענישן, וועלכע קניפּן זיך פונאַנדער און בלײַבן אינמיטן דערינען וואַרטן אַפן דאָרן צעבראָכענעם מאַרטשאַנטע ביז איבעראַכ־

טאָג דינסטיק. אָדער גאַנצענע טעג, אַז זי לויפֿט נאָר דורך פאַרבײַ דאָן לאָרענסאָן און ער באַווײַזט אַפֿילע ניט מיט אַ וואָרט זי אָפּגעשטעלן, אָדער, אַז ער פאַרטשעפּעט זי שוין, דרייט זי זיך אויס מיט אַ „יאָ״ און „האָ...״ — אַף אַלץ איז זי אײַנשטימיק.

סאַנטיאַגאָ קוקט מיט צעעפֿנטע אויגן אַפֿן גאַנצן פּלאָנטער וואָס קנוילט זיך אין דעם הייפֿל און זאַפּט אײַן זיך אין פולע ברוסטן מיט אומרו און כוישעך. אָט ווי דאָס לעבן וואָלט געווען אַ פינצטערער לאַבירינט, ווו מענטשן־שאָטנס פּלאָנטערן זיך, טאַפּנדיק אַ וואַנט.

דער קריזיס האָט אויך דערלאַנגט אין יענעם צענטרישן רעסטאָראַן, פון וועלכן ס׳האָבן זיך דערנעענט די כאַיעס פון מאָראַלעסעס הויף. ס׳האָבן זיך פאַרמינערט די עסערס און די קיך איז געוואָרן עקאָנאָמישער. מיגעלס פּעקלעך זײַנען געוואָרן קלענער און אָנגעפּילט זײַנען זיי געווען מערסטנס מיט ביינער און יויך־פלייש. זעלטן־זעלטן ווען אַ שטיק הון האָט זיך אַרײַנגעגאַנוועט.

די מאַלפּע איז געוואָרן אומעטיקער און האָט שוין ניט געמאַכט אַזויפיל כיינדלעך. זי איז ניט אַנטקעגן געשפּרונגען מיגעלן, נאָר איז נעבליבן רויק זיצן אַף איר אָרט און זיך געהאַלטן אין איין לויזן. באָבי האָט אַרומגעשנאָרעט אין די ווינקלען פון הויף און אין די בלעכן פון מיסט. די קעץ האָבן זיך געשאַרט באַ די פיס מיט אַ שטענדיקן מיאַ־או. אייך טריפּאָן, אַ לעבעדיקער און מונטערער, האָט זיך געריסן פון דער קייט.

אָבער מיגעל קען ניט נאָכגעבן, בעשום אויפֿן ניט, אַז ער האָט זיך געדאַרפט פאַרשקלאַפן צו געלט. ער קען זיך בעשום אויפֿן ניט פאַרשטעלן אַ לעבן ווו אַלע זײַנע גערון זײַנען אָנגעצויגן אַפֿן געלטשטריקל. ער האָט פאַר זיך דעם מוסטער פון די ברידער: שטענדיקע זאָרג ניט צו פאַרלירן, ניט צו פאַרלירן, אַרײַנכאַפּן וואָס מער, נאָר אַרײַנכאַפּן... ווי אַ רויבער־באַנדע. נו, און ניט אַרײַנגעכאַפּטערהייד? האַ, מיגעל? אָט, אַ לעבן איז דאָס? הייב אָן פון דײַן ראַמאַנעו אָן און

צי ביז הײַנט, ביז דײַנע פיר און פופציק יאָר — שטענדיקע וואַקלעניש, שטענדיקע צאָרעס... גוט אַזוי, מיגעל?

הודזיעט דער ראַדיאָ, פאַרמישט טאַנגאָס, מיט רעקלאַמעס, מיט פאָקס־טראָט, מיט אַ וויינענדיקער פידל, און מיגעל קוקט אין טרויב אַרײַן, ווי אָט אין דער טרויב וואָלט געלעגן דער גאַנצער פלאַנטער פון זײַן לעבן. און אין דער טרויב איז פינצטער. פילט מיגעל און ווייס נאָר איין זאַך, אַז אַזאַ הפקרדיק און זאַרגלאָז לעבן, ווי זײַן ראַמאָן פירט, איז נישטיק און עקלדיק. אַ מענטש דאַרף שטיין מיט צוויי פיס אין לעבן. ער דאַרף בויען דאָס לעבן — אָט ווי. נאָר וויאַזוי מען שטעלט זיך מיט ביידע פיס און וויאַזוי מען בויט — דאָס ווייס ניט מיגעל. די ראַדיאָ־טרויב איז פינצטער.

אַ קורץ און שטיל סקאַנדאַלעכל איז פאָרגעקומען צווישן טאַטן און זון. זיי האָבן זיך אומגעריכט געטראָפן אָפן שוועל פון שטוב פּאָנעם על פּאָנעם. מיגעל איז קליין געוואָרן און ראַמאָן האָט זיך ווי אַ וואָקל געטאָן אָף צוריק. אָבער ער איז באַלד געקומען צו זיך, האָט זיך אויסגעגליכן און אַ שמייכלדיקער זיך געלאָזט פאָרויס. די טיר איז געווען אַ שמאָלע. אַנשטאָט צוריקצוטרעטן האָט אים מיגעל שאַרף אָנגעקוקט, דאָס מאָל איז ראַמאָן בלייך געוואָרן. —

— וואָס קוקסטו אַזוי אָף מיר?

נאָך איין קורצן און שאַרפן קוק און דער אַלטער האָט אַדורכגעלאָזט צווישן די ציין —

— איך וועל דיר צעברעכן דעם קאָפּ...

און איז אַרײַן אינעווייניק.

ראַמאָן איז שנעל אַרויס.

טאַטע און זון זײַנען געוואָרן סאָנים.

נאָרבערטאַן האָט אויך ניט געטראָפן אַזאַ גליק. ריטאַ איז בײַ זיי עטלעכע מאָל געווען און איז צוריקגעקומען אַ מידע, דענערווירטע און פולע שיך מיט בלאָטע. עסן האָט זי בײַ זיי קיינמאָל ניט געקראָגן, אָבער דערפאַר איז זי יעדער מאָל געקומען פונקט צו דער צײַט, ווען מען האָט זיך געגייטיקט אין איר הילף. דאָס לעצטע מאָל איז ריטאַ געקו־מען מיט אַ פעסטן באַשלוס —

— מער גיי איך צו זיי ניט.

— זע מיט וואָס פאַראַ זאַקן דו ביסט צוריקגעקומען! מיט וואָס פאַראַ קליידל! דיאָס מיאָ (גאָט מײַנער) און אַנכעליקאַ כאַפּט זיך פאַרן קאָפּ און לויפט געשווינד אין קיך אַרײַן.

פּאַבלאָ איז געווען אַ מויער־אַרבעטער. אַ הויכער און ברייט־פּלייציקער. נאָרבערטאַ האָט זיך געטוליעט אין זײַנע אָרעמס, נישט אַזוי פון ליבע וועגן, נאָר פון שרעק פאַר דעם אַלץ מער אַנוואַקסנדיקן אור־מעט אין שטוב. נאָרבערטאַ האָט געמוזט רײַך ווערן. זי האָט געמוזט אַנטלויפן פון דעם דאַלעס, וואָס האָט ווי אַ סרייפע אַרומגעכאַפּט די גאַנצע שטוב. דאָס האָט פּאַבלאָ געשפּירט אין איר יעדן אויפשוידער, אין איר יעדן ציטער. פּאַבלאָ האָט זי פאַרוויגט מיט זײַנע צוזאָגעכצן, און קעדיי נאָרבערטאַ זאָל זיך מיט נאָך מער צוטרוי צו אים טוליען, האָט ער אָפן ערשטן פּלאַן אַרויסגערוקט — אַן אייגענע שטוב. נאָר־בערטאַס קושן זײַנען געווען לאַנגע, לײַדנשאַפטלעכע, ביז צום אויסגיין. פּאַבלאָ האָט געהאַלטן וואָרט: אַף דער צווייטער וואָך נאָך דער כאַסענע האָט ער זי געפירט אַנווײַזן יענעם פּלאַץ, וועלכער האָט שוין געהערט צו אים, צו פּאַבלאָן.

זיי זײַנען געפאָרן מיט אַ טראַמוויי לאַנג און זיך געדרייט. נאָר־בערטאַ איז געווען אַפן זיבעטן הימל. זי האָט זיך ניט אויפגעהערט צו אַנטציקן. אָט זעט זי אַ שיין קינד, אָט זעט זי אַ שיין קליידל, אָט שפּאַ־צירט פאַרבײַ אַ פאַרליבט פּאָרל און אָט גאָר אַ שיין שטיבל מיט אַ

שיינעם גאָרטן אַרום, זי האַלט אין איין אויפמערקזאַם מאַכן פּאַבלאָן און טוליעט זיך צו אים. פון טראַמוויי האָבן זיי געהאַט אַ שטיקל וועג צו־צופאָרן מיט אַן אָמניבוס, נאָרבערטאַ איז געווען מאַיעסטעטיש. ווי האָט זי זיך דאָס אויסגעלערנט אַזוי באַפעלעריש און גרינגשעצנדיק אַ הייב טאָן אַזוי אַ האַנט? אין אָמניבוס שניידט נאָרבערטאַ אדורך אַן אָרט ניט נאָר פאַר זיך נאָר אויך פאַר פּאַבלאָן. און נאָך אַ שטיקל וועג, פון אָמניבוס, האָבן זיי געהאַט צוצוגיין צו פוס. נאָרבערטאַ איז גע־וואָרן אומגעדולדיק —

— ווו איז דאָס, פּאַבלאָ?

— זעסט, טייערע? אָט די אַווענידאַ פירט ביז צום צענטער פון דער ווילאַ. היינט שטייט דאָרט ניט מער ווי אַן אַלמאַסען. שפּעטער אָבער וועט דאָרטן זיין די פּלאַסע. אָט דאָ, פון די זייטן, וועט זיין פאַר־בויט מיט פּרעכטיקע הייזער און געשעפטן. שוין קאָסט דאָ אַ לאָטע ערד מיט פיר־פינף מאָל טייערער, ווי דאָרט, אַראָפּצו. ווען דאָ וועט זיך פאַרבויען, וועט דאָ ווערן אַ צענטראַלע גאַס. די פּרייזן פון די שטיבער וועלן זיך הייבן. אַרום און אַרום וועט ווערן פאַרבויט. דאָ וועלן אַרומיאָגן און קלינגען קליינע טראַמווייען און אויטאָס, ניט ערגער ווי אין מיטן שטאָט . . .

אָט אַזוי רעדט און דערציילט פּאַבלאָ און נאָרבערטאַ שפּירט, אַז זי האָט שוין קיין קויעך ניט. פון דער אַווענידאַ זיינען זיי אַרויס. איצ־טער קלייבן זיי זיך צו טרעטן אַף אָנגעלייגטע ציגל, קעדיי ניט אַריינ־צוטרעטן אין בלאָטע. אַרום און אַרום שפּרייטן זיך קליינע פּירקאַנטיקע שטיבלעך, ניט פאַרענדיקטע — ווו ס'פעלט אַ וואַנט, ווו אַ דאַך, ווו מ'האָט ערשט אָנגעהויבן צו בויען און ווו מ'פאַרלייגט ערשט אַ פונדאַ־מענט. אַ גאַנץ אַנדערע וועלט. ווי אַ באַזונדערער אינדזל. דאָ זעט קיי־נער קיינעם ניט, דאָ קוקט קיינער ניט — יעדערער קאָפּאָשעט זיך אַרום זיין שטיבל. מענער, פרויען, קינדער, הינט, הינער — אַלץ געפּלאָכטן, אַלץ קופּקעלעכווייז און אַלץ פון און צו אָט דאָס קליינטשיק, רוי, ניט

פאַרענדיקט שטיבל. אַ וועלט מיט אַרבעט, אַ וועלט מיט ענערגיע אין אַלץ צוליב אַט די, אין אומאָרדענונג צעוואָרפענע, קוואָרים־שטיבלעך.

אָבער דאָס קען דאָך ניט הייסן „אַן אייגענע שטוב״! אָבער דאָס איז דאָך ניט „רײַכקייט״! נאָרבערטאַ שפּירט ווי דאָס האַרץ פאַלט איר אַרויס, ווי די הענט ווערן איר פאַרפרוירן.

— פּאַבלאָ, — ציטערט איר שטים, — ווײַט נאָך צו דײַן פּלאַץ?

— ניין, פּאַבלאָס פּלאַץ איז געווען ניט ווײַט, אין סאַמע צענטער פון אָרעמקייט, אַ בלאַטיק שטיקל ערד. כאַטש נעם און גראָב זיך דאָ אויס אַ גרוב. שטום און כווישעכדיק ליגט עס מוטער־נאַקעט אויסגע־צויגן און קוקט מיט אַ גרויסער פינצטערער אויג אויף נאָרבערטאַן: אָט דאָ האָסטו מיר, אָט דאָ ליגט דײַן גאַנץ, ווײַטערדיק לעבן.

נאָרבערטאַס האַרץ ציטערט פון טרערן און די פינצטערע ערד רעדט צו איר מיט פּאַשעטע, קלאָרע ווערטער: מאַך מיט מיר שאָלעם און וואָס פריער איז בעסער. אַסאַך, אַסאַך יאָרן וועסטו דאַרפן מיט מיר צוזאַמען לעבן — טאָ מאַך זשע שאָלעם, וואָרעם דו ווייסט ניט וואָס ס׳וועט נאָך קומען, פּונקט ווי דאָס האָט ניט געוווסט ניט דײַן טאַטע, ניט דײַן מאַמע...

אַ זיפץ, אַ קרעכץ און נאָרבערטאַ האָט שאָלעם געמאַכט. יעדן פאַרטאָג, איידער פּאַבלאָ גייט אַוועק, באַזאָרגט ער נאָרבערטאַן מיט אַרבעט: וועסט אַריבערטראָגן די ציגל..., וועסט צוגרייטן דעם דראָט... וועסט אויסטרעטן דעם הויף...

און נאָרבערטאַ האָט אויך אַנדערע אַרבעטן. אָפּקאָכן דאָס עסן, וואַשן וועש, פאַרהיטן יעדן טאָג דאָס בעט פונעם רעגן וואָס קען אינ־מיטן נאַכט אַרײַנפאַלן, אויפפּאַסן די הינער.

פאַרנאַכט, ווען פּאַבלאָ קומט פון דער אַרבעט, כאַפּט ער זיך גלײַך צו דעם אייגענעם שטיבל, וואָס מ׳דאַרף נאָך בויען און בויען. און אַר־

בעטן אין גאַס מוז פּאַבלאָ אַסאַך, וואָרעם די הויצאָעס זיינען האָבן זיך היפּש פאַרשטאַרקט — כוץ די שטוביקע הויצאָעס מוז מען צאָלן כוי־דעשלעך פאַרן פלאַץ, ציגל און אַנדערע זאַכן.

דאָס שטיבל און אַלע שטיבלעך אין דער געגנט גיבן זיך היפּשלעך אַ רוק פאָרויס בלויז אין די זונטיקס און יאָנטעוו־טעג. אין די פרייע טעג אַרבעטן אַלע צוזאַמען, אי די מענער, אי די פרויען, אי די קינדער. מ׳גראָבט גריבער, מ׳גליטשט אויס ערד, מ׳מויערט, מ׳קאַלכט, מ׳קלאַפּט, מ׳שטעלט אויף פּראָוויזאָרישע בלעכענע שטיבלעך, מ׳גראָבט רינשטאָקן, מ׳פאַרלייגט דעכער — אַלץ אַליין, אַלץ אַרבעטער־מענטשן וואָס זיינען געוווינט צו אַרבעט, וואָס קענען אַרבעטן. אָט דער גרעסטער טייל פון דער געגנט איז פאַרנומען געוואָרן פון אַרבעטער, וואָס האָבן זיך אָפּגע־ריסן פון זייער אַרבעטער־שטאָם און זיך אַ ריס געטאָן צום אייגנטום. זאָל זיין אַ קעלער־שטוב, זאָל זיין אין אַ זומפּ און בלאָטע, זאָלן זיין אין אַלדישוואַרצע יאָר, זאָל זיין אַ פּעטליע פון לאַנגע יאָרן צו צאָלן, אָבער כאָטשבי איין מינוט, אַ רעגע פאַרן טויט, דערשפּירן דעם טאַם פון אייגנטום, דעם טאַם פון אַן אייגן קעלער־שטיבל.

פּאַבלאָ, דער געזונטער יונגער פּאַבלאָ, האָט זיך אויך איינגע־צוימט און איז אַוועק אין שפּאַן. נאַרבערטאַ האָט מער ניט געדענקט וועגן דער היים. אַ טיפּוולאַנישער אימפּעט האָט זי געיאָגט און דורך איר געשמיסן פּאַבלאָן: גיכער, גיכער! און ווען ריטאַ איז געקומען, האָט זי קיינמאָל ניט געדענקט זי צו פרעגן, וואָס מאַכן דאָרט אַלע, ווי גייט עס זיי, עפּשער איז ריטאַ הונגעריק. ריטאַ איז געווען אַ געלעגנהייט אַ שטופּ צו טאָן דאָס שטיבל נאָך אַף אַ האַלבער שאָ פאָרויס. און ס׳מאַכט ניט וואָס ריטאַ האָט פּראָטעסטירט, וואָס ריטאַן האָבן זיך די הענט נישט געגומען — נאַרבערטאַ איז געווען אַן עלטערע שוועסטער, זי האָט געהאַט אַלע רעכט אַף צו צווינגען ריטאַן זי צו פאָלגן.

און אין אַנכעליקאָס יישׂ־פּראָטעסט האָבן זיך נייע ווערטער אַריינ־געפלאָכטן:

„...נאָרבערטאַ, נעבעך, ניט באַשערט געווען צו האָבן אַ בעסער לעבן... אַ פאַרשקלאַפטע אַף אייביק...

באַ די מאָראַלעסעס איז שוין געוואָרן זייער שלעכט. אַט ווי דער גאַנצער קריזיס וואָלט זײַן ציל־פּונקט אין דער ערשטער ריי אָנגעשטעלט אַט אין דער אָרעמער פאַמיליע. ניט נאָר מילך האָט פאַרפעלט אין דער פאַמיליע, נאָר אויך ברויט. ניט נאָר מ׳האָט ניט דערעסן, נאָר מ׳האָט געגעבן בלויז אַזויפיל, אַז מ׳זאָל קענען דערציִען ביז מאָרגן.

די קיך איז דעם גרעסטן טייל פון טאָג געשטאַנען פּוסט און קאַלט. ראַמאָן איז אינגאַנצן ווילד געוואָרן. שטענדיק אַ לײַכטזיניקער, העפקער־דיקער, האָט אים דער הונגער אינגאַנצן צעטומלט. אַן אויפגערעגטער, האָט ער זיך אַף אַלעמען געוואָרפן, האָט איבערגעדרייט די שטוב מיטן קאָפּ אַראָפּ, האָט פון אונטער טויזנט באַהעלטענישן אויסגעזוכט דאָס ביסל פאַרבאָרגענע עסן און האָט זיך אַף דעם געוואָרפן ווי אַ הונגעריקע כאַיע. מיט שרעק אין די אויגן האָבן מאַמע און טעכטער געזען ווי־דאָס ביסל עסן זייערס ווערט האָפענונגסלאָז דורך אים פאַרצערט. און אַנכעליקאַ האָט זיך באַ אים געבעטן: ראַמאָן! ראַמאָן! האָב ראַכמאָנעס, לאָז עפּעס איבער פאַרן טאָטן!...

אַ דערשלאָגענער און מידער פלעגט אין אָוונט מיגעל צוריקקומען. גאָרניט. הײַנט נאָך ערגער ווי נעכטן. ער האָט שוין מער וועגן גאָרניט ניט געטראַכט. ער האָט מיט אַלע זײַנע כושים געשפּירט ווי דער פאַ־טום האָט זיך אינגאַנצן אָנגעזעצט אַף זײַן פּלייצע — איז צו וואָס זיך ראַנגלען? צו וואָס טראַכטן? זאָל שוין קומען דער לעצטער און אַנט־שיידענער קלאַפּ. סײַ־ווי־סײַ איז ניטאָ קיין קויעך צו לײַדן.

אין שטוב האָט מען אים שוין מער גאָרניט נאָכגעפרעגט וועגן די רעזולטאַטן פון טאָג. אַמאָל אַרײַנגעפאַלענער ביסל פידיען דורכן טאָג פלעגט מיגעלן אַזוי אויפטרייסלען, אַז ער פלעגט אין שטוב אַרײַנפליִען קימאַט אַ טאַנצנדיקער. האָט מען שוין געוווסט. באַם איבערטרעטן דעם

שווער האָט מען שוין געוווּסט. פלעגט מען זיך אויסזעצן באַם ליידיקן טיש און אָפּזיצן אַזוי, מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ ניט קוקנדיק קיינער אַף קיינעם, אַ היפּשע ווײַלע. בלויז ראַמאָנס אַנוועזנהייט פלעגט אָנ־יאָגן אַ פאַרב איבער מיגעלס גראָ־באַוואַקסענעם פּאָנעם און דער כּוי־זעק־שמייכל אַפן עק פון דער אויסגעקרומטער ליפּ פון דער לינקער זײַט פלעגט אויפלעבן.

און ראַמאָן האָט ליב געהאַט, פּונקט אין דער צײַט ווען דער טאַטע איז אַזוי געזעסן באַם ליידיקן טיש, שטעלן זיך אַנטקעגן איבער באַם שפּיגל און בינדן זיך דעם בינדער, אונטערפײַפנדיק אַ לידל; אָדער גאָלן זיך, אָדער סטאַם זיך פּוצן.

דעמאָלט פלעגט אַנכעליקאַ אויפהויבן דעם קאָפּ און פלעגט מיט די אויגן בעטן: ראַמאָן! ראַמאָן?... און די שוועסטער פלעגן דעמאָנ־סטראַטיוו זיך אויפהייבן פון די ערטער.

און ס'איז געשען אַז אַלע האָבן זיך דערטראַכט צו דעם זעלבן געדאַנק: נאָך מיט אַ צײַט צוריק, פאַרבײַגייענדיק פאַרבײַ דער מאַמען, אַ הונגעריקע, האָט כּואַנאַ אַ וואָרף אַרײַן געגעבן: די הינט האָבן שוין בעסער ווי מיר... פון דעמאָלט אָן, ווען קיינער האָט ניט געזען, פלעגט אַנכעליקאַ דורכן קיך אַרויסקוקן ווי די הינט גריזשען די ביינער, מיט וואָס פאַר אַן אַפּעטיט זיי פאַרצוקן דאָס פלייש און לעקן נאָך אויס דעם דיל... כּואַנאַס אַמאָל אַרײַנגעוואָרפן וואָרט האָט זיך פאַרזייט אין אַנכעליקאַס געדאַנקען, און ווען מיגעל, אַ פיבערהאַפטער און פאַרלאָרענער, האָט אַוועקגערופן אַנכעליקאַן און בעסאָד־סוידעס איר פאַרטרויט מיט אַ ציטערדיקן קאָל זײַנע פלענער, האָט ער אָנגעטראָפן אַף אַ גרייטן באָדן. ס'האָט גאָר אַנדערש ניט געקענט זײַן.

פאַר די הויף־כּאַיעס איז מער ניט איבערגעבליבן ווי די טרוקענע ביינער.

אָט אַזוי האָט זיך ווי אַ נעפּל אַלץ געדיכטער אַראָפּגעלאָזט דער

קריזיס איבער דער שטאָט.. ס׳האָט זיך אָנגעהויבן די וואַקכאַנאַליע פון די רײַכע. אַ טייל האָבן געפונען פּאַסיק די צײַט פּאַר באַנקראָטן. אַנדערע, דער גרעסטער טייל, האָבן זיך געלאָזט אַף אַ ווייניק ריזיקאַלישערן וועג — זיי האָבן אָנגעהויבן צו שנײַדן די לוינען אין זייערע פאַבריקן. די וואַליוטע איז געפאַלן, די לעבנסמיטלען זײַנען געשטיגן. דער אַרבעטער האָט ניט געקענט לאָזן זיך מער אויסנוצן פאַר אַ הונגער־לוין און ער איז אַרויס אין שטרײַק. דאָס קליינע מענטשעלע, דער וועלכער האָט געלעבט פון דער גאַס, איז פון דער ערשטער קריזיס־באָמבע פאַרשלײַדערט געוואָרן קאַפּ־האקאל. דער לאַנדס־וואָגן איז צעטרייסלט געוואָרן און די רעגירונג האָט זיך קיין אייצע ניט געקענט געבן. אָט אין דער צײַט האָט מען באַ די מאָראַלעסעס זיך געקליגט ווי זיך אויפצוהאַלטן ווי עס איז אַף דער פלאַך. די ערשטע זאָרג איז געווען דירע־געלט — נאָר ניט אַרויסגעשלײַדערט צו ווערן אַף דער גאָס. אַפן לעצטן פלאַן איז געווען די קישקע — אַבי ווי ס׳איז ניט אויפצוהאַלטן זיך ביז מאָרגן . . . און די האָפענונגען? —

איינמאָל אין צוויי וואָכן האָט מען באַ די מאָראַלעסעס געקויפט אַן אָונט־צײַטונג. די צײַטונג האָבן אַלע אָפּגעוואַרט מיט אומגעדולד. און אַלע האָבן זיך אַף איר געוואָרפן מיט כאַיעשער גיריקייט. און קיינמאָל האָבן די ציפערן פון דער לאָטעריע ניט געשטימט. שטענדיק איז די פאַמיליע מאָראַלעס צוריגקעשלײַדערט געוואָרן אין נאָך מער פינצטערן טהאָם פון ייִעש, אָפּוואַרטנדיק מיט צאַפּל אַף איבערצווייוואָכן־אַרום — עפּשער . . .

און — ווי שטענדיק און ווי אַלעמאָל אין אַזעלכע צײַטן — האָט זיך אין לאַנד, אין דעם פרײַען לאַנד אַרגענטינע, צעבליט דער אַנטיסעמיטיזם — אַ בונטע בלום אַף אַ זאַפטיקן באָדן — דער „עסטראַנכעראָ״ (אויסלענדער), „רוסאָ״ (רוס, ד״ה ייִד). האָט מען באַ די מאָראַלעס געקײַט: עסטראַנכעראָס, רוסאָס . . . און דאָס שפּײַעכץ איז געבליבן דאָס זעלבע פאַרטריקנטע, ביטערע.

ניין, אַט דער אַנטיסעמיטיזם, וועלכער האָט געדאַרפט אָפּציִען די אויפמערקזאַמקייט פון די הונגעריקע מאַסן, האָט זיך דערוויַיל אין דער פאַמיליע מאָראַלעס ניט אָנגענומען.

און די כאַיעס אין מאָראַלעסעס הויף האָבן אומעטיקע, מיט טמי־מעסדיקע אויגן, געקוקט און ניט פאַרשטאַנען וואָס ס׳קומט פאָר...

די שווערע קייט פון אומעט און ציטער וועלכע האָט זיך געפלאָכטן אין דעם שטילן אָרעם הייפל פון לעמאָס 217, האָט זיך אויפגעריסן און צעשאָטן. דאָס ערשטע אָפּגעריסענע רינגעלע איז געווען — טריפאָן. אַן אויסגעדאַרטן, אָבער ווי שטענדיק אַ לעבעדיקן, לוסטיקן, האָט מען אים אין אָוונט אַרויסגעלאָזט, און ער איז מער ניט צוריקגעקומען. אַ צוויי־דריי מאָל איז ער, הענדום־פענדום, צוגעלאָפן צו דער שטוב, האָט באַשמעקט די ווענט און — איז פאַרשוווּנדן.

האָט מען אַ צען־פופצן מינוט געהאַלטן לענגער אָפן דעם טויער געראָפן: טריפאָן! טריפאָן! און טריפאָן האָט זיך ניט אָפּגערופן. ביז שפּעטלעך אין דער נאַכט האָט מען זיך פון די בעטן צוגעהערט, אויב מ׳הערט ניט באַם טויער טריפאָנס קאָל. אַף מאָרגן אינדערפרי — איז טריפאָן איז טאַקע ניטאָ. האָבן זיך געפונען פאַרשיידענע איידעס אין שטוב: איינער האָט געהערט ווי פאַרטאָג האָט ער מויערדיק געבילט באַם טויער, אַ צווייטער האָט געהערט בלויז ווי ער האָט זיך געבעטן אַרײַנצולאָזן, אַ דריטע האָט געהערט אָנהייב נאַכט און אַ פערטע — אין מיטן נאַכט.

און טריפאָן איז ניטאָ.

אין מיטן טאָג האָט אַרײַנגעהאַקט אַ באָמבע אין שטוב: פּאַבלאָ ליגט מיט אַ דורכגעשאָסענעם אָרעם אין שפּיטאָל.

וואָס? וויאַזוי?

ווײַזט זיך אַרויס: אין גאַס איז אָנגעגאַנגען אַ פאַרביסענער שטרײַק פון מויער־אַרבעטער און פּאַבלאָ איז געווען אַ שטרײַקברעכער.

נאָרבערטאַ איז געקומען צולויפן אַ פאַרבלאָטיקטע, אַ פאַרוויינטע, זי האָט געבראָכן מיט די הענט, געפאַלן אין ספאַזמען. אין הויף האָט זיך געטראָגן אַן אומענדלעכער גרויסער קרעכץ. דער איינציקער מונטע־רער, מיט קאַלטן רויִקן געדאַנק, איז געווען דער בלינדער דאָן לאָרענסאָ, מיט אַ קלינגענדיקער רויִקער שטים האָט ער פילאָזאָפירט —

— ניט געדאַרפט אײַנשטעלן מיטן לעבן... אַ שטרײַקער וועט דאָך ניט דערלאָזן אַז מען זאָל אים אונטערפירן פון דער זײַט...

און אויספּרובירנדיק די אויגן אין דער העלקייט פון הימל, האָט ער צוגעגעבן —

— אַוואַדע. פאַרן פּלאַץ דאַרף מען צאָלן, ציגל דאַרף מען האָבן, מ׳דאַרף אויך האָלץ, בלעך און טשוועקעס. אַז מ׳שטרײַקט, קען מען ניט צאָלן און מ׳קען אַוועקנעמען דעם גאַנצן פּלאַץ...

און אַנכעליקאַ ענטפערט אָפּ מיט אַ נידעריקן באַס —

— אַ פּלאַץ... אַ קייווער, ניט קיין פּלאַץ...

דער בלינדער איז זיך עמעסדיק מעכאַיע — אַ געשעפט האָט ער מיטן פּרינץ און מיט דער אָפּגעגנאַרטער מיידל, וועלכער ס׳גייען נאָך צען דעטעקטיוון מיט אָנגעלאָדענע רעוואָלווערס אין די קעשענעס — זאָל זײַן אַ שטרײַק מיט שטרײַקברעכער אַז דער טאָג איז אומענדלעך לאַנג, ביז אין שלאָף אַרײַן; אַז דאָניאַ קאַרמען איז אַזוי קרענקלעך קאַפּריז, אַז מ׳קען מיט איר פון גאָרניט ריידן. אַז ס׳ווילט זיך אָנטאַפּן דאָס לעבן, ווען ניט מיט די אויגן איז כאָטשבי מיט די הענט; אַז די ברוסט איז אַזוי ברייט און הויך. דעריבער כאַפּט דאָן לאָרענסאָ אונטער אַנ־כעליקאַס אונטערברום און באַשטעטיקט מיט אַ העכערער שטים —

— אָט דאָס איז דאָך עס... אויב אַ פּלאַץ, איז אין צענטער —

ס׳זאָל ניט דאַרפן קאָסטן קיין טראַמווײַען און זאָל זײַן נאָענט צו דער האַנט. אַ שטוב, פאַרשטייט איך, לעבאָלהאַפּאַבעס פון אַ פיר־פינף צימערן, מיט אַ באָד־צימער, מיט אַ מאָדערנער קיך . . . און געהעריקע מעבל צו די צימערן. אַז ניט . . .

אָבער אַנכעליקאַ איז שוין לאַנג אַוועק. זי קנוילט זיך אין ווייטיק פון נאָרבערטאָס טרערן. כואַנאַ און ריטאַ זײַנען איבערגעשראָקן און פאַרמאַטערט פון הונגער. דאָניא קארמען באַהאַלט זיך אין איר קיכל. זי טראַכט גאָרניט פון דעם וואָס איז פאָרגעקומען, נאָר ס׳שטייט איר דאָס בילד פאַר די אויגן. זי קען זיי דאָך, די שטרײַקער. דאָס איז דאָך יענע שטומע מאַסע, וועלכע פאַרפלייצט ווי אַ געדיכטער שטראָם די פאַרטאָגיקע טראַמווײַען. נו, האָט אַ שפּיץ פון אַזאַ שטראָם אַ טשעפּע געטאָן פאַבלאָן פאַרן אַקסל. איז וואָס זשע ווייַנען זיי? פרייען דאַרפן זיי זיך, וואָס אינגאַנצן ניט פאַרטרונקען — ווײַנען זיי גאָר.

אין אָוונט, ווען מיגעל האָט דערהערט וועגן דעם וואָס ס׳איז פאָר־געקומען, האָט ער נאָך צוגעגעבן —

— גוט אַזוי! דערשיסן האָט מען אים געדאַרפט אינגאַנצן. קאָר־נעראָס דאַרף מען אָפּראַמען פון וועג . . .

קיינער אין שטוב האָט זיך ניט געוווּנדערט אַף דעם זאָג מיגעלס. אַלע האָבן געוווּסט, אַז די בסורע האָט אים גוט צעטרייסלט. נאָר אַזאַ איז ער שוין געווען, מיגעל — פאַרטיפן נאָך מער די אייגענע ווונד . . . איין ראַמאָן האָט געפונען פאַר פּאַסיק אַרײַנצושטעלן —

— אָ־האָ! דער אַלטער איז גאָר געוואָרן אַ טעראָריסט? מאַזלטאָוו!

מיגעל איז בלייך געוואָרן און האָט אַ כאַפּ געטאָן אַ מעסער פון טיש. ער האָט זיך אָבער אָנגעטראָפן מיט דער אויסגעצויגענער האַלדז פון אַ רעוואָלווער. אין שטוב האָט זיך אויפגעהויבן אַ הילכיק קוויטשע־רײַ און יאָמער. דאָניאַ קאַרמען און סאַנטיאַגאָ זײַנען אַרײַן אין צימער און האָבן נאָך מער פאַרשטאַרקט דאָס קוויטשערײַ. דאָן לאָרענסאָ האָט

זיך געשאַרט באַ דער וואַנט. אַלע האָבן פאַרשטעלט מיגעלן. קיינער האָט ניט געוואַגט זיך דערנענטערן צו ראַמאַנען. אָבער מיגעלס געדולד האָט געפּלאַצט. ס'האָט געפּלאַצט דאָס געדולד פון יאָרנלאַנגער באַרע־גיש מיט דער גויט. און אַ בלייכער, מיט ווילדע רויט־פאַרלאָפענע אויגן, האָט זיך מיגעל מיט אַלע קויכעס געריסן צו ראַמאַנען. און ווען דאָס איז אים ניט געלונגען, האָט ער איבער אַלעמענס קעפּ אַ שלײַדער גע־טאָן אַף אים דעם מעסער. דער מעסער איז דורכגעלאָפן פאַרבײַ ראַמאַ־נען און האָט זיך אַרײַנגעשטאָכן אין וואַנט. ס'האָט אויסגעקנאַלט אין דער לופט אַ שאָס. האָבן זיך אַלע אַרויסגעכאַפּט אַפן הויף און גאַס און האָבן אויפגעהויבן אַ געוואַלד. צעשראָקענע האָבן זיי זיך געריסן פאַר די האָר און האָבן גערופן הילף צו זייער דערשאָסענעם טאַטן. און מיגעל אַליין איז געזעסן אַ בלייכער, אָט אַף דעם זעלבן אָרט, ווו אַלעמאָל אינגדערזעלבער צײַט בענקט ער אַרײַן אין דעם ראַדיאָ, און האָט טרויע־ריק געטראַכט וועגן דער אומענדלעכקייט פון אָרעם לעבן. ער האָט גאָר ניט געטראַכט וועגן דעם וואָס איז פאָרגעקומען. ווי אַ פאַרשלײַדערטער האָט ער בלויז געטראַכט וועגן דעם אָרט ווו ער געפינט זיך און וועגן דעם וואָס ס'דאַרף קומען. און דאָס וואָס ס'דאַרף קומען, איז דאָך געווען אַזוי פינצטער, אַז ס'האָט זיך געוואָלט צומאַכן די אויגן... ניט זײַן...

ראַמאָן איז אַרעסטירט געוואָרן.

איז דאָס געווען אַ נאַכט איך דעם אָרעמען הייפל נ. 217. אַ שלאָפלאָזע נאַכט. אַ נאַכט פון כעשבן האַנעפעש. יעדערער האָט זיך אָפּ־גערעדט פון האַרץ, פונאַנדערגעוויקלט דעם אָוער, געצויגן מיט די הענט צו דער צוקונפט, און די צוקונפט איז געווען אַ ווײַטע, ווײַטע — מ'האָט זי גאָרניט געקענט דערזען. האָט מען געוויינט. אַ קאָלעקטיוו געוויין פון דער פאַמיליע מאָראַלעס.

און באַ דער פאַמיליע מימעס איז מען אויך ניט געשלאָפן. אַזויפיל אויפטרייסלונג, אַזויפיל שטאָף, אַז דער בלינדער דאָן לאָרענסאָ וואָלט געקענט שווערן, אַז ער זעט עס. איז דאָס באַ אים געווען אַן אויפטרייס־

לונג פון פרייד. ס'האָט ניט געהאָלפן דאָניאַ קאַרמענס דרייען זיך פון איין זייט אויף דער צווייטער — דאַן לאָרענסאָ האָט גערעדט, דאַן לאָרענסאָ האָט דערציילט, דאַן לאָרענסאָ האָט געפרעגט, געמיינט, גע־דענקט, זיך געטיילט ביזן פינצטערן פאַרטאָג אַריין, ווען אַ קרעכצנדי־קע און צעבראָכענע האָט זיך דאָניאַ קאַרמען אויפגעהויבן צו דער אַרבעט.

אײַנגעגראָבן אין זיך, מיט טיף־טיף צעעפנטע אויגן אין דער פינצטערניש פון דער נאַכט, האָט סאַנטיאַגאָ געוואַכט, אַז דאָ איז גע־ווען דער גרענעץ, אַז דאָ האָט מען געדאַרפט גאַנוועגען דעם גרענעץ און אָנהייבן אויף יענער זייט, פון אָנהייב, אַליין... האָט דאָס יונגע האַרץ געקלאַפּט.

דאַן לאָרענסאָ האָט זיך ניט דערוואַרט אויף דער שטענדיקער מאַטע אין בעט אַרײַן, האָט ער זיך אָנגעטאָן און האָט אַליין אַרײַנגעטאַפּט אין קיך אַרײַן. נאָכדעם איז ער אַרויס און האָט געטראַכט מיט אַן אַראָפּגעהאַנגענעם קאָפּ. נאָכדעם האָט ער זיך לאַנג געוואַשן, איז לאַנג געזעסן אין באַדצימער און האָט הילפלאָז געשאַרט זיך, הין־און צוריק, בײַ דער וואַנט.

ער האָט בײַ קיינעם גאָרניט געפרעגט. קיינעם גאָרניט געזאָגט. ער האָט נאָר אומגעדולדיק געוואַרט אויף דאָניאַ קאַרמען, צו קענען איר זאָגן בלויז די געציילטע ווערטער: סאַנטיאַגאָ איז ניטאָ.

דאָניאַ קאַרמען האָט געטראָפן אויפן טיש אַ פאַרמאַכטן קאָנווערט. אויפן קאָנווערט איז געווען מיט ציטערדיקער, קינדישער האַנט אָנ־געשריבן —

„דער בריוו איז בײַ מיר געלעגן אַ גרייטער, שוין פון עטלעכע טעג".

דאָניאַ קאַרמען האָט מיט ציטערדיקע הענט אויפגעריסן דעם קאָנ־ווערט. אין דעם בריוו האָט סאַנטיאַגאָ געבעטן אַנטשולדיקונג פאַר די אומעסנעפּעשן וואָס ער האָט פאַרשאַפט איר און דאַן לאָרענסאָן מיט זײַן פאַרשווינדן. אין דעם בריוו האָט אויך סאַנטיאַגאָ געשריבן:

א. מאַרגאָלין

„איך פאַרשטיי, מאַמע, אַז לעבן איז טאָג, געראַנגל, אַ שטענדיקע איבונג פון די מוסקולן. דאָס איז אַזוינס, וואָס באַ איַיך, דאָ אין הויף איז דאָס ניטאָ. באַ איַיך זײַנען אַלע בלינד, טאַפּן אין דער פינצטער, ראַנגלען זיך מיטן אייגענעם שאָטן. איך וויל לעבן, מאַמע, איך האָב אויגן, איך זע...״

און באַטאָג האָט ריטאַ געבראַכט נאָך אַ בסורע: טריפּאָן איז טויט. אין אַ רינשטאָק, פיר־פינף גאָסן פון דאַנען, האָט זי אים געטראָפן ליגן, אַן אויפגעשוואָלענעם און אָן אַ קאָפּ. זי האָט אים דערקענט אין די שוואַרצע פלעקן אַף דער זײַט און אָן דעם קורצן אָפּגעהאַקטן ווײדל.

אָבער די יעדיִע האָט שוין קיין רושעם ניט געמאַכט. טריפּאָן איז שוין לאַנג אין דער שטוב געווען טויט. טריפּאָן, דער סימבאָל פון מוט און געראַנגל, איז שוין לאַנג אין דער שטוב אויפגעפרעסן געוואָרן דורכן הונגער.

בוענאָס איַירעס 1927

ביבליאטעק פון געדענק די
קדושים פון לודמיר
און אומגעגנט
ביים לודמירער
ה.ל. פאריין אין בוענאס איירעס

טעראָפּליען

טעראַפּליען

— דער גובערנאַטאָר נעמט מער ניט אָן...

אַ הויכער, א שמאָלער, האָט ער זיך איבערגעבויגן איבערן ערשטן סעקרעטאַרס טיש און מיט שטילן ייִראַס־האַקאָוועד געמאָלדן: „דער גו־בערנאַטאָר נעמט מער ניט אָן"... נאָכדעם, דעם צווייטן סעקרעטאַר. נאָכדעם האָט ער זיך אָוועקגעשטעלט באַ דער טיר פון אויפנאַמס־צי־מער און האָט געוואַרט אַף צו קענען מעלדן יעדן אָנקומענדיקן, אַז — דער גובערנאַטאָר נעמט מער ניט אָן...

אין צוויי טיף ווייכע פאָטעלן, איינער קעגנאיבער דעם אַנדערן, באַ אַ צוגעשטעלטן רויכער־טישל, האָבן זיי זיך געמיטלעך דורכגעשמועסט איבער די פּערספּעקטיוון פון קינפטיקן טעראַפּליען:

— בעלי שום ספק אַז דער טעראַפּליען וועט אויפהייבן ניט נאָר דעם פיזישן צושטאַנד פון שטאָט, נאָר אויך דעם מאַטעריעלן. אַ הויכע, ברייטע טעראַסע רונד אַרום דער שטאָט, מיט אַ שיינער עלעקטרישער באַלייכטונג אין איר גאַנצער לענג — דאָ האָט איר אַ מיניאַטור פון דער הויפּט־שטאָטישער „באַלנעאַריאַ". טויזנטער אויטאָמאָבילן גליטשן זיך איבערן שפּיגלדיקן אַספאַלט און געניסן פון דער פרישער לופט וואָס הייבט זיך אויף פון דעם ברייטן טייך... מיטן אָפּשמעלערן די

פאַרפלייצונג פונעם טײַך אַף אַ פּאָר הונדערט מעטער וועט זיך דאָס וואַסער פונעם טײַך הייבן און וועט אויסזען מער אימפּאָזאַנטער. פון איין זײַט — טײַך, פון דער אַנדערער — געקרײַזלטער פּאַרק. אין דער־זעלבער צײַט פאַרשטאַרקן זיך די קלאַנגען וועגן געזונטן קלימאַט. ס׳קו־מען טויזנטער טוריסטן. די פּראַגע פון האָטעלן איז שוין אַ געשעענעו־פּאַקט — ד״ר איגלעסיאַס האָט שוין די פּלעצער און אויך די פּלענער. אָבער...

— ...דער גאַנצער שעטעך אָפּגעראַטעוועטער באָדן פון צווישן פּאַרק ביזן טעראַפּליען, מיט זײַן באַזייטער אָרעמער באַפעלקערונג, מיט די צעפאַלענע שטרויענע ראַנטשעלעך, מיט דער גאַנצער אָרעמער מיס־טיקייט — דערהאַרגעט אַלע פּלענער, פאַרניכטעט יעדע עסטעטישקייט...
דער גובערנאַטאָר קנייטשט דעם שטערן און הוילט זיך אין זיילן רויך —

— די אָרעמקייט וועט מען מוזן פון דאָרט אַוועקנעמען — ס׳איז גאָר ניטאָ וואָס צו ריידן...

ער קלאַפּט אָפּ דעם סיגאַר אָן מעשן טעצל און כאַזערט צום צווייטן מאָל איבער —

— גאָר ניטאָ וועגן וואָס צו ריידן...

ד״ר איגלעסיאַס לייגט אַוועק זײַן סיגאַר און שפּאַרט זיך אָן מיטביידע הענט אָן די זײַטלעך פון פאָטעל, צונויפפלעכטנדיק די פינגער. ער שמייכלט. אין אַ ווײַלע אַרום, הייבט ער צוריק אויף דעם סיגאַר און פּאַרציט אים שטאַרק. צוזאַמען מיטן רויך לאָזט ער אויך אַרויס די פּראַגע —

— און דער באָדן?

אַ היפּשע ווײַלע געדויערט דאָס שטילשווײַגן. פון צווייי פאָטעלן קרײַזלען זיך זײַלן רויך צום סופיט און ווי יעדער פון די זײַלן וואָלט געזאָגט צו דעם צווייטן: ש־שאַ! לאָמיר זיי ניט שטערן צו קלערן...

מיט אַ הייזעריקער, צוריקגעהאַלטענער שטימע, זאָגט דער גו־בערנאַטאָר:

— אַ האַרבער איניען...

גאָרניט אַזאַ האַרבער איניען ווי איר מיינט... די גאַנצע שטאָט איז מיט מיר...

דער גובערנאַטאָר האָט ניט־ווילנדיק אַ לאַך געטאָן און זיך אָפּ־געהאַקט. שוין מיט אַן ערנסטער מינע האָט ער אַ זאָג געטאָן:

— ד״ר איגלעסיאַס! פאַר אונדז וועט זײַן גוזינטער, ווען מיר וועלן זיך ניט נאַרן. קיין זײַטיקע זײַנען דאָ ניטאָ און מיר קענען זײַן אָפנהאַרציק. ניט אַזוי?

— אַדעראַבע, מיטן גרעסטן פאַרגעניגן!

— איך מיין... אַז די זאַך שטייט אַביסל אַנדערש. די באַפעלקע־רונג פון אונדזער שטאָט איז אַן אָפּגעזעסענע, אַלטע. דאָ קען מען זיך פון גאַנצע דורות. דאָ געדענקט מען, ד״ר איגלעסיאַס, ווען איר זײַט אין שול געגאַנגען און אַלע ווײַטערדיקע פּעריאָדן...

— וואָס וויל עס זאָגן?

— דאָס וויל זאָגן, ד״ר איגלעסיאַס... אַז הונדערטער אויגן ליגן אין אונדזערע קעשענעס, בוזעם־קעשענעס... אונטער די קישנס. דאָ וועט אײַך די באַפעלקערונג אונדזערע דערציילן מײַסעס, וועלכע מיר האָבן שוין לאַנג פאַרגעסן. אויב איר ווילט זיך, ד״ר איגלעסיאַס, דער־מאָנען אַלע פּראָצעסן וועלכע איר האָט דורכגעפירט מיט אַלע זייערע איינצלהייטן — פרעגט דער באַפעלקערונג, וועט זי אײַך דערציילן, אָט ווי נעכטן וואָלט עס געשען.

— איך פאַרשטיי ניט...

— די באַפעלקערונג פאַרגינט ניט אײַער ניט־פּראָפּאָרציאָנעל וואַקסן...

ד״ר איגלעסיאַס האָט אַ הילכיקן לאַך געטאָן —

— אָט דאָס אינגאַנצן?

דער גובערנאַטאָר האָט געקנייטשט דעם שטערן און האָט געהאַלטן אין איין אָפּקלאַפּן דאָס אַש פון סיגאַר.

— אין אַזאַ קאַלאָסאַלער אַרבעט ווי דער טעראַפּליען, מוזן מיר זײַן גאַנץ פּאָרזיכטיק מיט יעדן טראָט אונדזערן. ביפּראַט...

— ביפּראַט?

— ביפּראַט, אַז אין שטאָט זײַנען דאָ שטימונגען... איר ווייסט? דאָ האָבן מיר אַראָפּגעטריבן הונדערטער מענטשן פון זייער באָדן און דאָ האָבן מיר דעם באָדן אַוועקגעגעבן ניט קיין אַנדערן, ווי... איר פאָרשטייט דאָך אַליין...

— ווי קומען אַהער שטימונגען?

— אָט אַזוי קומען זיי... איך האָב צום בײַשפּיל, אַ באַריכט אַז די קאָמוניסטישע פּאַרטיי דאָ, שטאַרקט זיך...

ד״ר איגלעסיאַס האָט פריילעך אָנגעקלאַפּט דעם גובערנאַטאָרס אַקסל.

— וואָס אָנבאַלאַנגט די שטימונגען — פאַרלאָזט זיך אויף מיר! דעם הויפּט זייערן האָב איך שוין אין מײַנע הענט...

ד״ר איגלעסיאַס האָט מיט אַ שפּאַטישן שמייכל אָנגעקוקט דעם גובערנאַטאָר. דער גובערנאַטאָר איז געזעסן מיט אָן אָפן מויל. — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

דער פּאַרטיער האָט זיך געגעבן אַ שנעלן דריי און צי אויס, — אין דער געעפנטער טיר האָט דער גובערנאַטאָר מיטן ד״ר איגלעסיאַס לאַכנדיק זיך געדריקט די הענט.

די ערשטע גרופּע פון צוועלף פאַמיליעס, איז געגעבן געוואָרן אַ טערמין פון דריי באַדאַשים צו פאַרלאָזן זייערע פּלעצער. די איבעריקע — אַ האַלב יאָר.

האָבן זיי זיך פאַרנומען, סיי די דריי־באַדאַשימדיקע און סיי די האַלב־יאָריקע, אין זייערע ראַנטשעס און האָבן מיט קאַאס געקייט דעם באַפעל און ניט געוווּסט וואָס צו טאָן. אַז דאָ האָבן זיי זיך איינגעלעבט, אַז אָט דאָ זיינען זיי צוזאַמענגעוואַקסן מיט דער ערד. טאַקע גאָרניט מיט גאָרניט, טאַקע הינטערן שטאָט מיטן נידער אַראָפּ, אויסגעשטעלט אַף דער קלענסטער פּאַרפּלייצונג, אָבער דאָך זיך איינגעלעבט מיטן אָרט. אויסגעגליכן דעם באָדן, זיך אַרומגעצוימט מיט שטאַנגען, צוזאַמענגעשטעלט דאָס ראַנטשעלע; הינטער דער ראַנטשע צום טייך צו אויפגעהויבן דעם באָדן, צו פאַרהאַלטן פיל־ווייניקער די פאַרפּלייצונגען און אָנגעבעט מיט אַ גאַנצער גען טרוקענע צווייגן. אַף אַ פּאָר צענדליק מעטער אַראָפּ צו אויסגעגראָבן שוטפּעטדיקע גריבער — ברונעמס אַזעלכע, קעדיי ניט דאַרפן צו גיין הונדערטער מעטער ביזן טייך נאָך וואַסער. אַנדערע האָבן נאָך דערוויזן פון דעם קליינעם אָפּגעצוימטן שטעקן אויסצוטיילן אַ היפּשן טייל פאַר אַ גרינס־גאָרטן. יעדע פאַמיליע קימאַט האָט געהאַט איר ביסל הינער אַרומדרייען זיך פאַר די אויגן. אַז אַזוי איז פון פאַרלאָזטן ניט־טויגלעכן באָדן אויסגעוואַקסן אַ צווייט שטעטל, אינגאַנצן ניט קיין ענלעכס צו דער גרויסער שטאָט, אָבער אַ שטעטל וואָס האָט אויך געלעבט זיין אייגן לעבן, אינגאַנצן ניט ענלעך צו דעם שטאָטישן לעבן. באַם ראַנד פונעם וואַל, הינטערן פּאַרק, האָט זיך שוין געענדיקט די גרויסע שטאָט. דאָ זיינען ניט געווען ניט קיין געוועלבער, און אויטאָמאָבילן האָבן דאָ ניט אַרומגעיאָגט. ניט קיין שטאָרנס, ניט קיין פאַרהאַנגלעך און ניט קיין פענצטער, אַפילע קיין טירן האָט מען דאָ ניט געזען. ווי שטרויענע יאָם־מושלעס האָבן די ראַנטשעס אויסגעזען.

אין אָט די יאָם־מושלעס זיינען קינדער געבוירן געוואָרן און אויסגעוואַקסן.

איז ווער מיט וואָס ס׳האָט זיך פאַרנומען. האָבן אייניקע פון פיש־פאַנג געלעבט. טאָג־איין טאָג־אויס באַם וואַסער געזעסן און אינדערפרי אָדער פאַרנאַכט אַוועק אין שטאָט אַריין צו פאַרקויפן וואָס דער טאָג האָט אַריינגעבראַכט. אַנדערע ווידער האָבן געלעבט פון טשאַנגעס, דער גרעסטער טייל אָבער פלעגט זיך פאַרקאָנטראַקטירן אַף סעזאָן־אַרבעטן — צי אַף צוקער־שניט אין די פראָווינצן סאַנטיאַגאָ און טוקו־מאַן, צי צום אַראָפּנעמען וויינטרויבן אין די פּראָווינצן מענדאָסאָ און סאַן־כואַן, צי צו טווייַ־שניט אין סאַנטאַ־פע און קאָרדאָבאַ.

קליינע פאַמיליעס פלעגן אַרויספאָרן אינעם גאַנצן קאָמפּלעט צו אַזעלכע אַרבעטן. זיי פלעגן מיטנעמען זייערע איינס אָדער צוויי קינדער, איבערלאָזן די שטוב און זיך לאָזן אין וועג אַריין. באַ דער אַרבעט פלעגן מאַן און ווייב אַרבעטן האַנט באַ האַנט און די קינדער פלעגן זיך אָן אַ זייט, אַפן פעלד, שפּילן דעם גאַנצן טאָג אונטער דער זון.

פלעגן זיך ציִען געפּאַקטע פּראַכט־וואַגאַנען, אָנגעשטאָפּטע מיט אַרבעטער־הענט, צו ווייטע פרעמדע פעלדער, פלעגן זיי זיך ציִען דורך טעג און דורך נעכט.

אָבער ניט אַלעמאָל האָט די סעזאָן־אַרבעט געגעבן גענוג צום לעבן. אין גרעסטן טייל פלעגן די פאַרקאָנטראַקטירטע אַרבעטער זיך אומקערן נאָכן סעזאָן מיט דעם, מיט וואָס זיי זיינען אַוועק — מיט גאָרניט. ס׳איז געווען אַן אַלטע פלאָג קעגן וועלכער, ס׳האָט זיך אויסגעוויזן, אַז ס׳איז ניטאָ קיין מיטלען צו קעמפן. צוערשט פלעגן אַראָפּקומען קאָנטראַקטיסטן און פלעגן צוזאָגן גאָלדענע בערג — אי אַ פעסטן טעגלעכן פּרייז, אי אַ באַשטימטע צאָל אַרבעטס־שאָען, אי די צייט פון אַרבעט. פונקט אַזוי פלעגן זיי אויך פאַרהאַנדלען מיט שטיק־אַרבעטער. אָבער וואָס קומט אַרויס, אַז קומענדיק אַפן פּלאַץ זיינען שוין געווען אַנדערע באַלעבאַטים און דער קאָנטראַקטיסט — ווי אין דער ערד אַריין? פלעגן זיי טאַקע קומען נאָך אַ דריי־פיר־כאַדאָשימדיקער אַרבעט אונטער אַ גליִענדיקער זון

און אונטער דעם שאַרפֿן קאַנטשיק פֿונעם אויפֿפּאַסער — אויסגעמאַטער־טע, פֿאַרשפּיגענע און אויסגעלאַכטע.

יעדער יאָר פֿלעגט זיך עס איבערכאַזערן. און יעדער מאָל פֿלעגט מען פֿאָרן — אַ ברייערע האָט מען געהאַט? אַז אַפֿן פּלאַץ איז קיין אַרבעט ניטאָ, איז כאָטש דאָס אייגענע מויל פֿאַרשטאָפּט מען אַ דריי כאַדאָשים צייט און דערצו בלייבט נאָך אַ שטיקעלע האָפֿענונג: עפּשער וועט דאָס צווייטע מאָל זיין בעסער?

אין אַזעלכע פֿאַלן קומט שוין אויס דער פרוי צו זיין די שפּייזערן פֿון שטוב. אַמאָל פֿלעגן אַזעלכע פֿרויען גיין איבער די שטיבער און זיך פֿאַרלייגן צו שוואַרצער אַרבעט: וואַשן וועש, וואַשן די שטיבער, פּוצן, ראַמען און איבערהויפּט יעדע אַרבעט וועלכע ס׳איז נאָר געווען. ניט איינע פֿלעגט ברענגען איר ברויט אין שטוב, איבערגעבנדיק בישטיקע איר קערפּער אַן אָנגעפּרעסענעם אויסוואורף דאָרט. איצטער פֿאַרדינען שוין די פֿרויען אַ שטיקל ברויט דורך נייען וועש, וועסטלען און הויזן פֿאַר דער שטאָט. די ניי־אויסגעוואַקסענע געשעפֿטן אין שטאָט פֿון פֿאַרטיקע קליידער און וועש פֿאַרטיילן די אַרבעט אין הינטער־שטאָט. עמעס, זיי צאָלן אַ נישטיק קליינעם פּרייז, אַזאַ פּרייז, אַז אַרבעטנדיק גאַנצע צוואַנציק שאָ אין טאָג, קלעקט קוים אַף ברויט פֿאַר דער שטוב, אָבער — עפּעס איז דאָס.

איז טאַקע אין דער אָרעמער, ביז גאָר אָרעמערווירטשאַפֿט פֿון אָט די יאַם־מושלען צוגעקומען אַ שטיק שיין מעבל — אַ ניי־מאַשין. דאָס איינציקע שטיק מעבל וואָס איז אי פּירקאַנטיק, אי גלאַט, אי גלאַנציק. אַ שטיק מעבל וואָס גיט דערצו פּאַרנאָסע אויך — קען שוין זיין בעסער?

אָט אַזוי איינגעלעבט ווי ס׳איז אין די אייגענע צאָרעס, אָן אַ האָ־פֿענונג אַף וואָס ס׳איז ניט בעסערס, האָט די אָרעמקייט פֿון הינטער דער שטאָט געלעבט יאָר־איין יאָר־אויס, ניט פֿאַרטראַכטנדיק זיך אַז עס קען נאָך זיין ערגער. איז געקומען דער טעראַפּליען און האָט אויפֿגעריכן

אויך דאָס קליינטשיק ביסעלע גלײַכגעוויכט. איז וואָס־זשע וועט עס איצטער זײַן?

פּאַרנורעט אין זייערע שטרויענע ראַנטשעס, מיטן הילפֿלאָזן קאַאָס אין די ביינערדיקע פּענעמער — האָבן זיי געקײַט דעם באַפֿעל און האָבן ניט געוווּסט וואָס צו טאָן.

אַלץ העכער און העכער האָט זיך געזעצט די זון. שוין בלויז אַף די שפּיץ ביימער איז זי געווען, ווען מילער איז אַרויס פֿון פּאַרק, האָט אַרומגעשפּאַנט דעם וואַל און האָט זיך אַראָפּגעלאָזט צו אָטעראָס ראַנטשע. ער איז אַרונטער די פּריש אָפּגעצעשעטע שטאַנגען פֿון אָטעראָס פּאַרקן און איז אַרײַן אין הויף. ס׳האָט אים באַגעגנט אָטעראָס פֿרוי ענקאַרנאַסיאָן, אַ הויכע און דאַרע אין אַ ווײַסן כאַלאַט, אַרומגענומען מיט אַ שמאָלן לעדערנעם פּאַס, און אַ באָרוועסע. זי האָט אַ שמייכל געטאָן און אַרײַנגעזאָגט אין ראַנטשע אַרײַן:

— אַנטאָניאָ! אַ גאַסט...

אַנטאָניאָ איז ניט אַרויסגעגאַנגען. ער איז געזעסן אַפֿן אײַנגעפּאַלענעם בעטל מיט צונויפֿגעלייגטע הענט אין שויס און אין בלויזע הויזן אַף דער אונטערהעמד. ער האָט געוואַרט ביז וואַנען מ׳וועט זיך דערנענטערן צו אים. ווער ס׳איז יאָ אַרויס, איז — זייער עלטער מיידעלע מיט אַ קליין קינד אַף די הענט. אַנדערע צוויי קינדער, אינגאַנצן נאַקעטע און ברוינע, האָבן זיך געשפּילט אין הויף.

דאָ אין הויף האָט נאָך די זון געשפּינט אירע לעצטע גאָלדענע פֿעדעם. פֿון דער זײַט, איבערן אייך־שטאַנגיקן צאַם, באַם שאָכנס שטיבל, האָט גערויכערט דאָס ערדיקע אייוול. אַראָפּצו, צום טײַך איז דאָס הויכע גראָז געשטאַנען אויסגעצויגן און אומבאַוועגלעך, ווי וואַרטנדיק אַף קאָמאַנדע.

ענקאַרנאַסיאָן האָט אַרויסגעשלעפּט אַ נידעריק שטרויען־בענקל.

— זיצט . . .

באַ דער זײַט פונעם אײַנגעפאַלענעם בעטל, וווּ אַנטאָניאָ איז געזעסן, איז געשטאַנען אַ נײ־מאַשין, אַף וועלכער ס׳איז געלעגן אַ נאָך־ניט פאַרטיק וועסטל.

אַנטאָניאָ האָט אַ לײַכטן שמייכל געטאָן:

— וואָס הערט זיך?

— ביטער. ניטאָ קיין אַרבעט.

אַנטאָניאָ האָט אויפגעהערט צו שמייכלען. ער האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און זיך פאַרטראַכט.

און באַ אײַך, וואָס הערט זיך?

אַנשטאָט אַנטאָניאָן האָט געענטפערט ענקאַרנאַסיאָן.

— איר זעט ניט וואָס ס׳הערט זיך? מ׳נייט וועסטלען . . . שווער די צײַט.

זי האָט זיך צוגעזעצט צום מאַשין.

— וואָס אַמאָל ווערט ערגער. אַמאָל איז כאָטש געווען אַרבעט, הײַנט ווערט נאָך אַרבעט אויך ווייניקער. די שטאָט האָט אָנגעהייבן מיט אונדז קאָנקורירן.

— און מיט די ראַנטשעס וואָס הערט זיך?

אַנטאָניאָ האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ. זײַנע אויגן זײַנען געווען רויט־פאַרגאָסן. ער האָט מילערן אָנגעקוקט מיט סינע. ענקאַרנאַסיאָן האָט שטיל אָפּגעזיפצט.

זיי קענען ניט אָנקוקן ווי מיר לעבן נאָך . . .

און פלוצלינג האָט זי זיך אָן עפּעס דערמאָנט און האָט אַ שמייכל געטאָן:

— געווען בײַ אונדז אַ מאַריע... זי איז אַזאַ ווילע! איר ווייסט גאָר־ניט ס'אַראַ ווילע זי איז!

מילער איז רויט געוואָרן. ער האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגן און האָט גאָרניט געענטפערט. אין אַ ווײַלע אַרום האָט ער אַ זאָג געטאָן:

— אַנטאָניאָ! איך קום צו אײַך איבעררײדן עטוואָס וועגן דעם גאַנצן איניען. ווײַטער אַזוי קען עס דאָך ניט גיין, אַ טאָג נאָך אַ טאָג פאַרגייט און סאָף־קאָל־סאָף וועט מען דאָך אײַך אַראָפּזעצן...

— וואָס־זשע ווילט איר?

מילער האָט זיך צעטומלט.

— פאַרשטייט סאָף־קאָל־סאָף, אַז איר האָט ניט וואָס צו פאַרלירן... אַנטאָניאָ האָט זיך אומגעדולדיק אַ באַוועג געטאָן.

— מיר ווייסן שוין, ווי פון אַ נעווײלע — יעדער איינער וויל עפּעס געניסן....

— אַנטאָניאָ!... כאַווער אַנטאָניאָ!...

מילער האָט ניט געוווּסט פון וואַנען אַנצוהייבן אַף צו פאַרטרײַבן אַנטאָניאָס אומצוטרוי.

— כאַווער אַנטאָניאָ! איך ווייס פונוואַנען עס קומען צו אײַך די געדאַנקען, דאָס זײַנען זיי, יענע, די שוטפים צו דער גאָלדענער יויך בײַ דער רעגירונג, וועלכע זוכן אײַך צו צעטומלען און אָפּשוואַכן אײַער ווידערשטאַנד...

אַנטאָניאָ האָט זיך אויפגעהויבן און אָנגעהויבן נערוועיש שפּאַנען אַרום דעם בעטל —

— וואָס גייט עס מיר אָן!

מילערס אויגן האָבן זיך געקלאַמערט אין אַנטאָניאָס אַקסלען. „אַט

ווען מ׳קען אָט דעם ריז אויפשטעלן! ווען מ׳קען אים אַרײַנבלאָזן גלויבן און מוט״!

— הערט זיך אײַן אַנטאָניאָ: די זאַך איז גאַנץ פּאַשעט. אָט וועל איך אײַך זאָגן אין די אויגן: וואָס האָט איר? גאָרניט מיט גאָרניט. ברויט אין שטוב שטעלט זי דאָך צו... זײַט ניט בייז!... דאָס איינציקע וואָס איר האָט, איז — דאָס ראַנטשעלע מיטן פּלאַץ — די שטיקעלעך מענטשן. איצטער גייט מען דאָס אויך בײַ אײַך אַוועקנעמען. באַרעכנט וואָס דאַרפט איר טאָן, שווײַגן? עמעס? זיך לאָזן. אַזוי לאַנג מ׳האָט אײַך נאָך ווי אָקסן ניט אויסגעקוילעט, איז ניט געפערלעך. איך מוז אײַך זאָגן, כּאָוועד אַנטאָניאָ, אַז אַן אָקס וואָלט זיך אויך ניט געלאָזט קוילען, ווען מ׳ביגדט אים ניט צוערשט.

אַנטאָניאָ איז אַרויס אין הויף אַרײַן און האָט זיך געשטעלט מיטן פּאָנעם צום גראָז, וועלכער איז געווען פאַרצויגן מיט אַשיקער גראָקייט פונעם אויסגעלאָשענעם טאָג.

ענקאַרנאַסיאָן האָט זיך אָפּגערופן:

— איך ווייס ניט, אַנטאָניאָ, פּאַרוואָס דו ביסט ברויגעז?... מילער איז גערעכט: וויפל פּעלט נאָך אַז מ׳זאָל אונדז פירן אין שעכט־הויז?

— ניט נאָר דאָס, כּאָוועדטע. איך גאַראַנטיר אײַך, אַז ווען איר אַלע דאָ אָרגאַניזירט זיך און מאַניפעסטירט אײַער באַשלוס פון ניט רירן זיך פון אָרט, צווינגט איר זיי זיך צו רעכענען מיט אײַך.

אַנטאָניאָ האָט זיך אומגעקוקט. ער האָט מילערן אָנגעקוקט מיט כּשאַד. אָבער מילער האָט זיך אויפגעהויבן.

— איר זענט אַ באַלדן אַנטאָניאָ מיט מיר צו מאַכן אַ שפּאַציר צום טײַך צו?

— אַזוי שפּעט? וועסט, אַנטאָניאָ, אָנטאָן דאָס רעקל?

— צו וואָס?

זיי האָבן זיך ביידע אַראָפּגעלאָזט אין גראָז, אַקסל אין אַקסל — אַנטאָניאָ, אַ הויכער און ברייטפּלייציקער און מילער, אַ נידעריקער און שמאָלער.

ווען זיי האָבן זיך אומגעקערט, איז דער הימל שוין געווען גוט אויס־געשטערנט און דורך די שפּאַלטן פון די ראַנטשע־ווענט האָבן אַרויס־געלויכטן שוואַכע פײַערן פון נאַפט־לאָמפּן.

פון אַרומיקע שטיבלעך, זײַנען זיי באַפאַלן הינט מיט אַ הילכיקער־בילערײַ.

ענקאַרנאַסיאָן, מיט אַן אַרומגעבונדענעם קאָפּ האָט זיך געפּאָרעט בײַ די קוילן הינטערן טשײַניק. זי איז זיי אַנטקעגנגעקומען מיט אַ אַ מאַטע.

— וואָס איז דאָס?

— אַ גאַנצן טאָג אַזוי — אַ שטאַרקער קאָפּווייטיק... — און שמייכלט.

די קינדער זײַנען אין בעט געשלאָפן, ווער אין וואָס ס׳איז גע־גאַנגען, צעוואָרפענערהייט.

נאָך אַלעמען איז דאָס געווען אַ מוידעדיקער פּלאָנטער. עמעס, מילער איז געווען אַ גאַנץ פּאַראַנטוואָרטלעכער און דיסציפּלינירטער כאַווער, אָבער אַ מענטש איז דאָך ניט מער ווי אַ מענטש! שוין ניט גערעדט פון יענעם פאַל, ווען מ׳האָט אים אָוועקגענומען פון אַ ראַיאָן, ווו ער האָט זיך אײַנגעלעבט און ווו די אַרבעט איז אים געווען צום האַרצן... ער קומט אָן אַף אַ פּלאַץ ווו ס׳איז ניטאָ קיין אינדוסטריעלער אַרבעטער. ס׳איז דאָ אַ קליינבירגערלעכע אַרעמשאַפט, אָבער דער אַר־בעטער פעלט. נאָך מער: אַרום און אַרום פליסט איבער אַן אַרעם אומ־צופרידן פויערטום, אַ צוואַנציק מאָל אָפּגענאַרטס אין

זײַנע האָפענונגען און אויסגעלאַכטס. דאָ איז שוין ניט די פֿראַגע: מי־לער. מילער זעט אין דעם פּויערטום אַן איבערוועגנדיקן סאָציאַלן באַ־שטאַנד, אַף וועלכן מ׳דאַרף לייגן אַ סאַך אויפֿמערקזאַמקייט. מילער־שרײַבט, שטורעמט און באַקומט איין ענטפֿער: — אײַנפּאַסן זיך אין דער דיסציפּלין!

ס׳שווימט אַרויס דער טעראַפּליען. מילער וואַרפֿט זיך אין דער אַרבעט. אַן אַרבעט ניט קיין דירעקטע, וואָרעם נאָך אַלעמען איז עס אַ קאַמף פֿאַר באַזיך־רעכט פֿון אייגנטום, אָבער אומדירעקט האָט עס אַ שטאַרקע באַדײַטונג: די בורזשואַזע געמיטלעכקייט ווערט אויפֿ־געטרייסלט . . . די שטאָט איז קליין. מילער ווערט גלײַך געגומען אַפֿן אויג און פֿאַרלירט זײַן אַרבעט אַלס דרוקער. אַ מאָמענט זייער אַ וויכ־טיקער פֿאַר קאַמפּס־לוסטיקייט, אָבער זייער אַ באַגרענעצטער פֿאַ־קאַמפּס־מעגלעכקייט. ביפּראָט אַז שטיצע איז ניטאָ פֿון דאַנען אַהין און דאָ — אַ פּראָקלאַמאַציע, אַן אויפֿרוף — וויכטיק ווי דאָס לעבן!

רוקט זיך אונטער — מאַריע. אַ מיידל — אַ ברען. שוואַרץ־אויגנ־דיק, ריירעוודיק, געקרײַזלטע הערלעך אפֿן פֿאַרברענגטן פּאָנעם און קלעפּט זיך צו אים — סמאָלע. זי העלפֿט אים צווישן דער אָרעמקייט פּונעם טע־ראָפּליען און אַדאַנק איר ווערט ער דאָרט גלײַך היימיש. די ערשטע לי־בע־דערקלערונג זייערע ענדיקט זיך דערמיט, וואָס ער כאַפּט זיך מיט אזא אימפּעט צום שטיקל ברויט, וואָס זי דערלאַנגט אים, אַז ער הייבט זיך אָן צו ווערגן. אַ ריי טעג פֿאַר דעם, וואָס ער האָט קיין שטיקל ברויט פֿאַר די אויגן ניט געזען.

אָבער אַזאַ צוגעלאָזנקייט האָט געקענט ווער ווייס ווהין פֿאַר־פֿירן. מאַריע איז דאָך ניט מער ווי אַ יאָר זיבעצן אַלט געווען. האָט איר מילער געוואָרנט און דערציילט, וואָס אַזוינס „מילער" שטעלט מיט זיך פֿאַר אין פּערזענלעכן לעבן: הונגער, נאַוועגאַד, טפּיסע און אויסגע־רונענע — אויב ניט פֿאַר דער צײַט אונטערגעהאַקטע — לונגען. פֿאַר אַ פּרוי פֿון אַזאַ „מילער" איז, אין מילדסטן פֿאַל: אַרבעט איבער די

קויכעס, זאָרג פאַר די קינדער, עלנט און טרערן, טרערן דורך טעג און דורך יאָרן.

און דאָ כאַפּט מילער אַ קוק און זעט, אַז מאַריַעס רייַנקייט איז ווייַט ניט אַריבער די רייַנקייט פון יענע, פונעם טעראַפּליען. בלויז מיט דעם אונטערשייד, וואָס מאַריַעס אָרעמקייט איז געווען אַ שטאַטישע, איז אנשטאָט פון שטרוי, די ראַנטשע געווען געקנאָטן פון ליים. און אויך מער שטאָטיש צוגעפּוצט — גלייַך און פּירקאַנטיק, מיט צוויי לענגלעך אויסגעשניטענע לעכער פאַר טירן, וועלכע האָבן זיך געפונען איינע קעגנאיבער די אַנדערע און האָבן געגוצט צו לופטיקן דעם איינציק לענגלעכן צימער. אין אַ רעגן און באַדערנאַכט האָבן זיך די לעכער־טירן פאַרהאנגען מיט פאָרהענגלעך, פון זעק צונויפגענייט. אין צימער — אַ טיש, אַ קאָמאָד, צוויי אייַזערנע בענקלעך און אַ שמאָל בעטל. אינעם צימער האָבן געוווינט צוויי: די מאַמע מיט מאַריען. איז טאַקע פון דרויסן, צו דער וואַנט פון שטיבל, געשטאַנען אַ קאַטרע. אַפן טיש — אַן אויסגעפּוצטער נאַפט־לאָמפּ; געלעבט האָט מען פון וואַשן וועש, וועלכע די מאַמע האָט אויפגענומען און ביידע האָבן געוואַשן. האָט טאַקע בלויז מילער געפּעלט צום רומל.

אָבער וואָס קומט אַרויס, אַז מאַריַע גיט אים אַ כאַפּ אַן פאַר די הענט, אַ טוליע זיך צו און פּלוצלינג גאָר צוויי שטאַרקע קושן, און לויפט ווי אַ צעדולטע אַוועק?

הייַנט איז שוין דער קאָמאָד ניטאָ. די אַלע שמאַטעס פונעם קאָמאָד ליגן אין אַ הילצערנעם קעסטל אין ווינקל שטוב. און דאָרט ווו דער קאָ־מאָד איז געשטאַנען, שטייט אַ ניי־מאַשין און מאַריַע שטעפּט, שטעפּט . . .

אָט אַזאַ אייַזערנע קראַפט און אַזאַ ברענענדיקער ווילן שטעקט אין דער מאַריַען. ווי שטייַף און גלייַכריטמיק זי באַוועגט מיט דער מאַשין! זי ווייס אַז זי דאַרף דערגאַנצן מילערן. איין גלייַכער וועג: קאַמף און געדולד: טאָ קעמף־זשע, מילער, קעמף! מאַריַע האָט געדולד! אייַזערנע געדולד!

ווי שוואַך מילערס קאַמף איז קעגן מאַריַעס געדולד! און עפּ־שער... פּאַר הונגער איז דאָס? אַ הונגעריקער גייט מילער אום גאַנצע טעג, ער וואָגט ניט, ער וועט דאָך ניט זאָגן: „אויסער אַף פּראָקלאַמאַ־ציעס, דאַרף איך אויך, מאַריַע אַף עסן — עסן גיב מיר, מאַריַע...

איז אַז ס׳געשעט גלאַטיק, אַן שפּילעס — עסט ער, מילער, מיט איר צוזאַמען. און אַז זי פרעגט אים: ביסט הונגעריק, מילער? — גייט ער אַוועק און קומט עטלעכע טעג ניט.

באַ די רעזשעס האָט אַנטאָניאָ אָנגעטראָפן אַזאַ בילד: קאַרמען איז געשטאַנען מיט די הענט פאַרדעקט דאָס פּאָנעם, די האָר צעשוי־בערט, און האָט געוויינט. אַף דער ערד, נעבן איר, איז געלעגן אַ גיטאַ־רע מיט צוויי־דריַ געפּלאַצטע סטרונעס. קעגנאיבער איר איז געשטאַנען כואַן, מיט רויט־פאַרלאָפענע אויגן און צעשפּרייטע פיס. ער האָט גע־האַלטן אין אַרויפציִען די הויזן, וועלכע האָבן זיך אים אַראָפּגעלאָזט אי־בערן בויך. אַניטאַ, אַ מיידעלע פון אַ יאָר דריַ, איז געשטאַנען צוגע־שפּאַרט צום באַוול און האָט געקוקט מיט פונאַנדערגעעפנטע צעשראָ־קענע אייגעלעך. דאָס שוואַרצע היגטל זייערס, קאַראַל, איז גע־שטאַנען אין אַריַנגאַנג מיט די דינע פיסלעך איַנגעשטאַרצט אין דער־ערד און מיט אַן אויסגעצויגענעם קאָפּ. ער האָט אינגאַנצן אויסגעזען ווי אַ דערטרונקן הינטל אַפן דריטן טאָג; בלויז דער פאַרדרייטער ווידל זיַנען אַף אַרויף האָט געוויזן סימאָנים פון לעבן.

אַז אַנטאָניאָ איז אַריַן, האָט זיך דאָס גאַנצע פאַרגליווערטע בילד־ל אַ ריר געטאָן: קאַרמען האָט אָנגעהויבן הילכיקער צו יאָמערן, כואַן האָט צוזאַמענגענומען די פיס, אַניטאַ האָט אָפּגעזיפּצט און קאַראַל האָט אָנ־געהויבן צו טאַנצן אַרום אַנטאָניאָס פיס.

פון קאַרמענס יאָמעריַ האָט זיך אַנטאָניאָ דערוווּסט אָט וואָס: אַז קאַרמען איז שוין מיד פון אַרבעט און זאָרג... אַז איידער אַזאַ לעבן, וועט שוין קאַרמען גיין וווהין די אויגן וועלן טראָגן... אַז קאַרמען

הייבט זיך אינדערפרי אויף, ברעכן איר אַלע אייוורים — זי קען דעם קאָפּ ניט אויפהייבן און ער, דער פאַרדינער אירער, שפּילט זיך אַף דער גיטאַרע פון אינדערפרי אָן... אַז זי זעט, אַז ס׳לוינט זיך אינגאַנצן ניט צו לעבן....

און דאָ מאַכט קאַרמען גלײַך דעם כעשבן: „וואָס האָב איך פון אַזאַ לעבן, כ׳בעט אײַך? אַ פערד גיט מען דאָך אויך גענוג צום עסן, עס זאָל האָבן קויעך? אַרבעט מער ווי אַ פערד און זוך צו קריגן אַרבעט! מ׳קריכט יעדער פאַרשיווער אַנגעפּרעסענער קורווע איבער די הענט, שמייכל צו יעדער פאַסקודסטווע און ערשט — קיין פּיצל ברויט נישטאָ אין שטוב״...

און קאַרמען צעיאָמערט זיך ווידער: „דאָס קינד איז אַוועק פון דער וועלט, פון הונגער... מיט וואָס האָב איך עס געזאָלט קאַרמענען, אַז די בריסט זײַנען בײַ מיר אויסגעדאַרט — ניט קיין מילך און ניט קיין בלוט?... אַף וואָס דאַרף איך אים?...״

כוּאַן האָט זיך אויסגעדרייט מיט דער פּלייצע און האָט אַ בורטשע געטאָן:

— קאַזשאַטע! (שווײַג!)

אָבער קאַרמען האָט זיך ניט געשטילט: „דאָס מויל וויל ער מיר פאַרמאַכן... וועסט ניט פאַרמאַכן. מיט דער גיטאַרע וועט ער מיר דעם קאָפּ שפּאַלטן... שפּאַלט! און זאָל שוין איינמאָל נעמען אַ סאָף צו אַזאַ לעבן... דאָס שטיקעלע קיווער איז זיי אויך גרויס אין די אויגן און ער״...

דאָ האָט אַנטאָניאָ געפונען פאַר פּאַסיק זיך אַרײַנצומישן:

— כוּאַן, איך בין געקומען צו דיר טאַקע וועגן אָט דעמזעלבן איניען...

קאַרמען האָט זיך ניט געקענט שטילן: „בײַ לײַטן מענער״... אַנ־טאָניאָ האָט זי איבערגעשלאָגן.

— אָבער, קאַרמען... באַרויקט אײַך! הערט אויף צו וויינען! וואָס איז ער שולדיק, כואַן, אַז ס׳איז ניטאָ קיין אַרבעט? וועמען פון אונדז לעבט זיך בעסער? און אַז ער וועט וויינען צוזאַמען מיט אײַך, וועט אײַך שוין זײַן גרינגער? הערט שוין אויף... כואַן!

כואַן האָט זיך אומגעקערט צו אים מיטן פּאָנעם.

— ווייסט כואַן, איך האָב אַזוי געטראַכט און אַרומגעטראַכט די גאַנצע זאַך אונדזערע און ס׳זעט מיר אויס, אַז דאָס דײַטשל האָט רעכט: די כעוורע בלאָפן אונדז...

— ערשט איצטער? איך ווייס דאָס שוין פון לאַנג!

אַנטאָניאָ האָט אויפגעלעבט.

— מירן זיי זיך איבערגעבן אין די הענט און זיי וועלן דאָרט פירן פּאָליטיקע... און ביז וואַנען וואָס־ווען, וועט מען אונדז מיט גוואַלד אַראָפּזעצן...

כואַן האָט זיך פּלוצלינג עפּעס דערמאַנט.

— איך האָב אַ נײַס, הערסט, אַז דו וועסט די אויגן עפּענען! איך האָט גערעדט מיטן אַלטן סעזאַרן, האָט ער מיר דערציילט, דער זון זײַנער איז דאָך אַ וויכילאַנט... נאַר, געדענק, ס׳איז אַ סאָד! קיינער טאָר דערפון ניט וויסן! אַלזאָ... די וויכילאַנטן זײַנען דאָך מיט אונדז!... שוין אַכט כאַדאָשים אַז מ׳האָט זיי ניט אויסגעצאָלט די פּענסיעס.

אַנטאָניאָ, וואָס האָט צוערשט מיט נײַגער געשלונגען יעדער וואָרט כואַנס, איז געוואָרן ערנסט.

— דאָס, מיין איך, האָט ניט קיין באַדײַטונג... ערשטנס, וועט מען זיי אַ ליאַדע טאָג דאָך אויסצאָלן די פּענסיעס און דאַמאָלסט... צווייטנס, וועלן אונדז אַראָפּטרײַבן ניט די פּאָליציי, נאָר די באָמבעראָס — דאָס ווייס איך אָף זיכער...

דער שמועס האָט זיך איבערגעריסן. קאַרמען האָט אויסגעווישט די אויגן און האָט אָנגעהויבן אָפּצוקלײַבן פון אַ גרויסן פּאַק, וואָס איז געווען פאַררוקט אונטערן בעט, וועש צום וואַשן.

אַנטאָניאָ האָט באַנײַט דעם שמועס:

— איך מיין, אַז מיר מוזן נעמען די גאַנצע זאַך אין אונדזערע אייגענע הענט... וואָס וועלן מיר פאַרלירן, וואָס?

— איך מיין אויך אַזוי.

— דאָס דײַטשל, אַזוי לאַנג ער בלאָפט אונדז ניט, וועט אונדז צונויץ קומען, ווי מיינסטו?

— ווי געפעלט דיר, ווי ער רעדט שפּאַניש? פּערפעקט! וואָס?

— און מיר וועלן אַרויסגיין צו די שכיינעם און מיר וועלן מיט זיי איבעררײדן. סײַ ווי סײַ פאַרלירן האָבן זיי ניט וואָס.

— וואָס האַלטסטו דאָרט אין איין זאָגן „פאַרלירן", „פאַרלירן"! קיינער פון אונדז וועט ניט אַראָפּ פון די פּלעצער, ניט מיט גוטן און ניט מיט בייזן און — באַסטאַ! מעגן דאָרטן זײַן „באַמבעראָס", צי דער גובערנאַטאָר אַליין. די מיינסט עפּעס אַז מירן שווײַגן?

פאַר אַנטאָניאָן איז דאָס געווען אַ נײַס. מיט אַ האַלב אָפן מויל האָט ער געפרעגט:

— וואָס גייט איר טאָן?

— וואָס מיר גייען טאָן? גאָרניט. אָבער דאָס איז נאָך ערגער ווי געטאָן! מירן זיך ניט רירן... גיי זע, ווי דער אוילעם איז פאַרביסן!

אַנטאָניאָ איז ניט מאַסקים.

— אַז מ'טוט גאָרניט, קומט גאָרניט אַרויס. שטעל דיר פאָר דאָס בילד, ווי דו זאָגסט. די באָמבעראָס שטייען ניט מיט צונויפגעלייגטע

הענט — זיי הייבן אָן מיט די קישקעס שניידן וואָסער אינעווייניק אַריין. די קינדער הייבן אויף אַ געוואַלד, נאָר מיר זיצן. די באָמבערּאָס הייבן דערווייל אָן מיט די העקלעך אונטערצוהאַקן אונדזערע ראַנטשעס...

כואַן האָט אויפגעפלאַמט.

— וועלן מיר שווייגן? מיט זייערע אייגענע העקלעך וועלן מיר זיי צעהאַקן אין ביפן!

— כאַפּ זיך ניט. און ווו איז די פּאָליציי? און ווו איז דאָס מיליטער? מ׳וועט דיר לאָזן אַזוי גוטווייליק זיי צעהאַקן אין ביפן? איך האָב די זאַך גוט באַטראַכט... אין בעסטן פאַל, וועלן פאַלן קאָרבאָנעס פון ביידע זייטן...

— אָט דאָס ווילן מיר!

— כואַן, איך זע אַז איר גייט אַף אַ פאַלשן וועג. אַזוי אַרום, וועלן מיר זיכער פאַרשפּילן. כוץ דעם, דאַרף מען זיי צווויסן געבן, אַז מיר גרייטן זיך — אַז ניט מיינען זיי דאָך אַז ס׳גייט אַלץ גלאַטיק?

— וואָס־זשע דאַרף מען טאָן?

— לאָמיר זיך צוזאַמענריידן... ווייסט וואָס, כואַן? לאָמיר גאָר צוזאַמענרופן אַ פאַרזאַמלונג...

— געמאַכט!

ערשט איצטער האָט זיך כואַן דערמאָנט אָן דער גיטאַרע, ער האָט זי אויפגעהויבן. ער האָט אויסגעצויגן די צונויפגעדרייטע, געפּלאַצטע סטרונעס און האָט — צו זיין צופרידנקייט, דערזען אַז ס׳איז נאָך דאָ זאַפּאַס אַף זיי קענען אָנציִען פונדאַסניי.

ער איז אַרויס אין הויף און האָט אַ לייכטן גלעט געטאָן איבער קאָר־מענס איבערגעבויגענער פּלייצע.

קאַרמען האָט זיך אַ גלײַך אױס געגעבן פֿון די נאַסע װעש, אַף אַ קוק צו טאָן כּואַנען אין די אױגן און האָט זיך אַ כאַפּ געגעבן פֿאַרן רוקן — פֿאַר װײטיק האָט זי אַזש אַ געשרײ געטאָן.

צונױפֿגעקומען איז מען זיך אין דער נידער, צװישן גראָז. געקומען זײַנען אַלע — אי די מענער, אי די פֿרױען מיט די פּיצלעך קינדער אַף די הענט. קינדער עטװאָס עלטערע, ביז גאָר שױן דערװאַקסענע, זײַנען געקומען זעלבשטענדיק. נאָך זײ זײַנען נאָכגעלאָפֿן די הינט. פֿאַר די הינט איז דאָס גאָר געװען אַ מוירעדיקער יאָנטעװ — זײ זײַנען פֿאַרלאָפֿן פֿאָרױס, געלאָפֿן אַף צוריק, זיך געיאָגט אײנע נאָך די אַנדערע, זיך גע־דרײט אַרום דעם אײגענעם װײדל, זיך געקװילערט קופּעסװײַז און דאָ אַפֿן אָרט טאַקע, זיך געפּאָרט.

די מאַמעס האָבן מיט קאַאס געשטופּט זײערע ברוסטן די פּיצלעך קינדער אין די פּיסקלעך, אָבי זײ זאָלן לאָזן צורו. די מענער זײַנען גע־קומען מיט פֿלעקער און מיט אײַזנס, אַט גלײַך װי דאָ אינעם גראָז װאָלטן זײ געדאַרפֿט אַרױסטרעטן קעגן סױנע.

אומגעדולדיקער פֿון אַלע האָט זיך אַרױסגעװיזן דער אַלטער סע־זאַר. מיטן געבראָכענעם רוקן, אָנגעשפּאַרט אַפֿן שטעקן, אַזױ אַז מיטן שטעקן צוזאַמען האָט ער אױסגעזען װי אַ „ח" — האָט ער נישט אױפֿ־געהערט צו שפּײַען און צו שילטן.

— קורװישע מוטער! מאַכן נאָך די הינטישע זין! אָבי מ'האָט דאָ דעם אױלעם צוזאַמענגעבראַכט...

כּואַן איז אַרומגעלאָפֿן אַ פֿאַרפּלאָנטער און צעהיצטער און האָט געצײלט: גאַרסיאַ איז דאָ? סאַטטאַ געקומען? גאָמעז! א־א, ער איז דאָ? אַלע זײַנען דאָ?... האָק אַנטאָניאָ!

דער אױלעם האָט זיך געגעבן אַ נעם צוזאַמען, צוזאַמענגעדריקטער.

פלוצלינג איז אַף אַ קאָפּ העכער פונעם אוילעם אויסגעוואָקסן מילער:

— שכיינים און כאַווײרים! איך קום צו אײַך ווי אַ ברודער צו אַ ברודער, ווי אַן אַרבעטסלאָזער צו אַרבעטסלאָזע, ווי אַ הונגעריקער צו הונגעריקע . . .

ער איז געוועזן בלייך, אָבער רויק און ווי שטאָל קאַלט.

— כאַווײרים!

פון עטלעכע ערטער האָבן זיך דערהערט אויסרופן:

— אַוועק פון דאַנען!

— מיר דאַרפן ניט קיין אונטערפירער!

— אַף דעם האָט מען אונדז גערופן?

אָבער די מערסטע שטימען, צווישן וועלכע ס'זײַנען געוועזן אַ סאַך פּרויישע, האָבן איבערגעשריגן:

— לאָזט ריידן, כאַיעס!

מילער האָט אָפּגעוואַרט ביז וואַנען ס'איז אינגאַנצן רויק געוואָרן און האָט מיט דערזעלבער שטאָלענער רויקייט ווידער גערעדט:

— איך קום אײַך באַגריסן אין נאָמען פון גרופּעס אַרבעטער אין שטאָט — שנײַדער, שוסטער, שלאָסער און שאָפערן! אין זייער נאָמען און אינעם נאָמען פון דעם אַלוועלטלעכן פּראָלעטאַריאַט, דעם אַרבעטער און אָרעמען פון דער גאַנצער וועלט, וועלכער ווערט פונקט אַזוי באַהאַנדלט ווי איר דאָ, בעייס די אָנגעפרעסענע בורזשואַזיע קען ניט רויק צוזען, אויב דער אַרבעטער זשיפּעט נאָך, — אין זייער אַלעמענס נאָמען און . . . אויך אין מײַן נאָמען . . . קום איך אײַך באַגריסן! מוט, כאַווײרים! שטאָלץ אין קאַמף! דער זיג איז אונדזערער!

און נאָך איידער וואָס־ווען פאַרשווינדט זײַן קאָפּ, און אָפּן זעלבן

אָרט שווימט אַרויס — מאַריאַ. צעפּלאָקערט די אויגן, עטוואָס איבער־געשראָקן, קוקט זי שטאַר אַפן אוילעם.

און דער אוילעם — ווער ס׳שמייכלט, אָבער באַ אַלעמען זײַנען צעעפנט מויל און אויגן. מ׳דריקט זיך צו נאָך נאָענטער. עמעצער שוש־קעט אַרײַן: „מאַריאַ וויסענטע, פון שטאָט...״ אָבער פון אַלע זײַטן ענטפערט מען בייז אָפּ: „ש־ש־ש־ש־!״

— כאָווערטעס!

— אין דעם טאָג... הײַנט... אָן אַנטשיידנדיקער ניט נאָר פאַר אײַך, נאָר אויך פאַר דער גאַנצער אָרעמשאַפט פון אונדזער גאַנצער פּראָווינץ... אין דעם טאָג, כאָווערטעס, נעם איך מיר דאָס רעכט, איך, אַ פרוי פון דערזעלבער אָרעמקייט געקנאָטן ווי איר, אויסגעהאָדעוועט אין נויט און אין הונגער, נעם איך מיר דאָס רעכט צו זאָגן אַ פּאָר ווער־טער, פון אָט דעם אָרט, צו אײַך, הויפּטזאַכלעך צו אײַך, פרויען אָרע־מע פרויען און מוטערס...

שאַ, שטיל. דער אוילעם איז אָנגעשטרענגט. און מאַריאַ, שוין זי־כערער אין זיך און שטײַפער, הייבט העכער דעם קאָל:

— מיר, אַף וועמענס גורל ס׳איז אויסגעפאַלן צו טראָגן די שווער־סטע לאַסט פון אָט דער הינטישער אָרדענונג, מיר וועלכע זײַנען באַ־רופן ניט נאָר צו זײַן מוטערס, נאָר אויך צו טראָגן די זאָרג פאַר דער־כאַיונע, שטייען הײַנט פאַר דער פראַגע: לעבן, ציִען ווי ס׳איז אַף ווײַ־טער אָט דאָס אומדערטרעגלעכע לעבן אָדער — ניט לעבן? פון טאָג צו טאָג ווערט פאַרמינערט דער ביסן פון אונדזער מויל. צוערשט האָט דער־מאָן פאַרלאָרן די אַרבעט און באַקומען די אַרבעט האָבן מיר, ווײַל אונדז האָט מען געקענט מער עקספּלואַטירן, ווײַל די פרוי איז געווען מער פאַרשקלאַפט, הײַנט האָבן מיר שוין אויך קיין אַרבעט ניט. דאָס ביסע־לע איז שוין אויך צופיל. דאָס איז נאָך ווייניק. מיר האָבן נאָך געהאָט אַ שטיקעלע קאָנורע, ווו אונדזערע אויסגעהונגערטע...

דאָ איז געשען עטוואָס אומדערוואַרטס. פון אַלע זייטן האָט מען אָנגעהויבן צו שרייען און צו קלאַפּן:

— אַ טויט!

— קומט אין שטאָט אַריין!

— מירן זיי אויסהאַרגענען ווי די וואַנצן!

— ס׳האָט זיך אַפילו געפונען איינער, וועלכער האָט אויסגערופן: „כעוורע! נעמט מיט די מעסערס און מאַטשעטעס און קומט אין שטאָט אַריין!״

ס׳איז געוואָרן אַ טומל. דער עולם האָט זיך אָנגעהויבן צו באַוועגן. פון עטלעכע זייטן האָט מען גערופן: „כאַווירים!.. שכיינים!.. כאַווערטעס!.. באַרויקט איַיך!״ דאָס האָבן פּאַר איין מאָל גערופן אי מאַריאַ, אי אַנטאָניאָ, אי מילער.

קוים־קוים זיך איַינגעשטילט. ווידער האָט מילער גערעדט:

— ס׳וועט צו איַיך ריידן דער כאַווער אַנטאָניאָ. מיר בעטן אים אויסצוהערן מיט אויפמערקזאַמקייט און פאָלגן די באַשלוסן, וואָס וועלן אָנגענומען ווערן. כאַווער אַנטאָניאָ!

און כאַווער אַנטאָניאָ האָט עס געזאָגט גאַנץ פּאַשעט:

— הערט זיך איַין, שכיינים. אַזוי וועלן מיר גאָרניט מאַכן. אַלע וועלן טומלען און קיין טאָלק וועט דערפון ניט אַרויס. מיר דאַרפן פון זיך אויסשטיילן אַ שכיינים־קאָמיטעט און דער קאָמיטעט וועט באַטראַכטן די זאַך און וועט איַיך מעלדן די באַשלוסן. דאָס, וואָס איר וועט באַשטעטיקן, וועט זיַין אָנגענומען. איַינשטימיק?

— איַין־שטי־מיק!!!

— — — — — — — — — — — — — —

אַף צוריק איז שוין דער עולם געגאַנגען מיט לעבעדיקערע פּענעמען און האָט צווישן זיך דיסקוטירט.

און פון דער צווייטער זײַט פּאַרק האָט די שטאָט נאָך אַלץ גע־וועבט איר ניט אויסגעכאַלעמטן כאָלעם. אין הייסע מיטאָג־שאָען גע־קנייטשט אין די בעטן מיט אירע פּולע, שווער פאַרדײַענדיקע מאָגנס און אין די גאַסן האָט ווילד און העפקערדיק אַרומגעיאָגט אַ גראָ־רויטלעכער שטויב. דער שטויב האָט געשניטן גאַסן, פאַרווישט די פּלאַ־סע, אַ שמעק געטאָן צום וואָקזאַל, זיך געהויבן אין דער הייך און מיט אַ פײַף זיך אָנגעשלאָגן אָן די ווענט פון דער פּראָווינציעלער רעגירונגס־הויז. בלויז פאַרנאַכטצו האָט די שטאָט, אַ באַוואַסערטע און אָפּגעפּריש־טע, אויפגעלעבט אונטער דעם שימער פון זײַדענע קליידלעך און פאַר־פומירטע לײַבער. אויטאָס און פורלעך האָבן געיאָגט איבער די גאַסן. קאַפעען האָבן אַרויסגעשטעלט זייערע טישן און בענקלעך אין דרויסן. און אַף דער צענטראַלער פּלאַסע, קעגן רעגירונגס־הויז, האָט אָפט גע־שפּילט די שטאָט־מוזיק.

די קליינע צאָל אַרבעטער, וואָס זײַנען געווען צעשאָטן אין פאַר־שיידענע טאַזשערלעך, האָבן געאײַלט זיך אַרומצעוואַשן און אַרויפּצוזען אַף זיך זייער יאַנטעוו, קעדיי צו קענען אַרויסגיין אין גאַס אַרויס, כאַפּן אַביסל לופט. דאָס פלעגט באַ זיי אַרויסקומען ערשט לאַנג נאָכדעם, ווי די גאַס־עלעקטרע פלעגט באַהערשן די שטאָט און די אויסגעפּוצטע מיידלעך פלעגן מאַכן זייער לעצטן רונד אַרום דער פּלאַסע. וואָרעם אַרום אַכט אַזייגער אין אָוונט איז יעדערער געגאַנגען עסן זײַן וועטשערע און די שטאָט איז ווידער אָפּגעליידיקט געוואָרן אַף אַ שאָ אָנדערהאַלבן.

אָפט פלעגט זיך אין דעם שטאָטישן געוועב אַרײַנפּלאָנטערן אַ דאָר־פיש פּאַרל — ער, אַ באַוואַקסענער, באַבערדלטער, אין הויזן וואָס זײַנען אים געפאַלן איבער די שיך, מיט אַ שטאַרק קאָלירטער פאַנטשאָ אַף די אַקסלען און זי, אַ קײַלעכדיק אָנגעקליידלטע פון אונטער דער גאָמבע ביז איבער די שפּיץ שיך אַראָפּ, מיט צעשויבערטע האָר ווי ס׳איז פאַר־דרייט אין אַ קאָק און אַף דעם אַ שטרויענער מענערישער הוט, מיט אַן אויסגעצוצטער דעק. פלעגט זיך אַזאַ פּאָרל פאַרפּלאָנטערן אין דעם

שטאָטישן געוועב און ניט וויסן וויאַזוי זיך אַרויסצופּלאָנטערן —
פלעגט עס האַרט פאַרגליווערט שפּאַנען איבער די שטאָט־גאַסן, האַלטנ־
דיק זיך פאַר די הענט, שאַ־אײַן שאַ־אויס.

דער האָטעל, וועלכן ד״ר איגלעסיאַס האָט געבויט, האָט שוין געַ־האַלטן באַם פאַרטיק ווערן. וועגן אָט דעם האָטעל האָט מען אין שטאָט דערציילט גאַנצע מײַסעס און אַלע מײַסעס האָבן זיך געענדיקט דערמיט, אַז אַזאַ האָטעל האָט נאָך די וועלט ניט געזען. ריידנדיק וועגן האָטעל, האָבן מענטשן שוין ניט פאַרגעסן צוצוגעבן אַז אויך דעם גאַנצן ברייטן פּאַס ערד וואָס צווישן פאַרק און דעם קינפּטיקן טעראַפּליען, האָט דער ד״ר איגלעסיאַס אָפּגעקויפט פאַר אַ שיבעש און ערשט אַף דעם פּאַס ערד וועט ער עס, דער ד״ר, פאַרבויען און פאַרפּוצן — אַזוינס און אַזעלכעס.

געווײנלעך, ריידנדיק וועגן דעם ד״ר איגלעסיאַס, האָבן מענטשן זיך ניט געקענט אָפּזאָגן פון פאַרשווײַגן די אַלע טונקעלע און ליכטיקע מאָמענטן וועלכע האָבן זיך געוויקלט אַרום אַזאַ פּערזאָן ווי ד״ר איג־לעסיאַס, וועלכער איז — דער מאַרגנדיקער ראָקפעלער פון דער שטאָט. אַזוי האָט מען דערציילט, אַז פון אַן אָרעם ייִנגל האָט ער זיך אַרויפגע־דראַפּעט צום טיטל „אַדוואָקאַט״, אַז פון אָט דער אַדוואָקאַטור האָט ער עס געמאַכט אַ פאַרמעגן. מײַסעס וועגן ירושעס, נאַכלעס, באַשווינדל־טע אַלמאָנעס — אַלץ איז באַ אים געבליבן. האָט מען אויך דערציילט, אַז לעצטנס איז ער געוואָרן זייער ווילטעטיק, אַז ער שטיצט יעדן וואָס זוכט צו הייבן די פּראָדוקציע פון לאַנד. אָט אַזעלכע און ענלעכע מײַ־סעס האָט מען דערציילט וועגן דעם ד״ר איגלעסיאַס.

אַ דירעקטע שײַכעס צו ד״ר איגלעסיאַס ווילטעטיקייט, האָט גע־האַט עלמאַן. בעיס ער האָט אַרײַנגעשטעלט שויבן אין דעם דאָקטערס

נײַעם האָטעל, איז צו אים אָנומלט דער ד״ר צוגעגאַנגען, אַרויפגעלייגט אַ האַנט אַפֿן אַקסל און אַ פֿרעג געטאָן:

— עלמאַן, זאָג מיר, דו ביסט דאָך אַ פֿעיִקער „רוסאָ״, פֿאַרוואָס זאָלסטו זיך ניט אײַנשטעלן, מירן זאָגן אַ שפּיגל־פֿאַבריק?

עלמאַן איז ניט איבעראַשט געוואָרן. פּאַשעט: ער האָט אָנגענומען דעם דאָקטערס ווערטער פֿאַר אַ באַלעבאַטישן גענעץ. איז עס דען ניט געווען לעכערלעך? עלמאַן, אָ יינגל פֿון אָרעמע עלטערן, בלעכערס, אין אַ קליין שטעטל אין רוסלאַנד, ווי ס׳איז ניט זיך דערשלאָגן קיין אַרגענ־טינע, ווערט אַ גלעזער פֿאַר זיך, ווײַל ער האָט ניט באַ וועמען צו אַר־בעטן. הײַנט, אַ פֿאַרעלטערטער און געבויגענער, קען עלמאַן מער ניט ווי שטיין אין דער שפּיץ פֿון דער לינקער יידישער ביבליאָטעק. ער שעמט זיך גאָרניט וואָס אין שטאָט גילט ער פֿאַר אַ קאָמוניסט — פֿאַר־קערט: האַלעווײַ וואָלט ער עס געווען! און דאָ — עלמאַן און אַ שפּיגל־פֿאַבריק... דעריבער האָט עלמאַן ניט מער ווי אַ שנעלן פֿרעג געטאָן: „און געלט?״

ווײַטער איז עס געגאַנגען שנעל. אַף אַן אומפֿאַרשטענדלעכן אויפֿן האָט ד״ר איגלעסיאַס געעפֿנט עלמאַנען אַ פֿרײַען קרעדיט אין באַנק. עלמאַנס שפּיגל־פֿאַבריק וואַקסט און זײַן געוועלב ווערט פֿון טאָג צו טאָג בײַכיקער. צווישן באַנק, געשעפֿט און ביבליאָטעק, פֿאַרגעסט ניט עלמאַן צו דערמאָנען דאָקטאָר איגלעסיאַס נאָמען מיט דאַנקבאַרקייט.

פֿאַרטיפֿט אין זיך, שפּינט יעדערער באַזונדער דאָס אייביקע געוועב פֿון דער שטאָט: אַ געוועלבל אַרויף, אַ געוועלבל אַראָפּ.

בלויז אין די טאַזשערלעך קײַט מען אַן אומקלאָרן קלאַנג: שטרײַק?

מ׳ווייס ניט ווען, מ׳ווייס ניט וואָס, נאָר עפּעס האָט מען גע־הערט וועגן דער אָרעמקייט פֿון הינטערן שטאָט — איז מען אויפֿגערעגט: וואָס הייסט טרײַבן? ווי בעהיימעס טרײַבן?

און דער שטרײַק אַליין, פֿאַר זיך, זעט אויך ניט אויס צו זײַן קרוב. נאָך אַלעמען מוז מען דאָך זיך אַמאָל אָפּפרישן. לעבט מען אַזוי, אין אַזאַ שטאָט, צו צווײ, דרײַ אַרבעטער אין אַ טאַזשערל און היט דײַן אַר־בעט און קוק דעם באַלעבאָס אין די אויגן! אַז קיין פֿאַריינען זײַנען ניטאָ און קענען ניט זײַן . . . ווו וועסטו דאָ מאַכן אַ פֿאַריין פֿון עטלעכע אַרבעטער אין אַ פֿאַך, ווו אַלע זײַנען אַנגעלאָפֿענע און פֿונוואַנען יע־דערער זוכט וואָס פֿריִער צו אַנטלויפֿן? שטופּט מען די צײַט אַלס צײַט־ווײַליקייט און די צײַט דערווײַל פֿאַרגייט . . .

אויך אין רעגירונגס־הויז האָט מען דעמזעלבן קלאַנג געקײַט. ווער וועט שטרײַקן? ווו? וואָס? וואָס פֿאַראַ אַ שײַכעס האָבן אַרבעטער מיט יענע פֿונעם טעראָפּליען?

האָט מען אָט דעם אומקלאָרן קלאַנג געקײַט אין רעגירונגס־הויז, געקײַט, זיך אויסגעלאַכט און אויסגעשפּיגן. וואָרעם פֿיל וויכטיקערע קלאַנגען האָבן זיך אין רעגירונגס־הויז געטראָגן — אַ סוואָרע אַז די צענטראַלע רעגירונג איז מיט דער אָפּאָזיציע, און דאָס זײַנען געווען קלאַנגען וועלכע האָבן אַנגערירט פֿונעם גובערנאַטאָר ביזן קלענסטן רע־גירונגס־אַנגעשטעלטן — אַ קלייניקייט, פֿאַרלירן די פּאָסטנס?

נאָר דערווײַל האָט אָן אויפֿהער אַנגעהויבן זיך אַרומדרייען אַרום מאַריִעס ראַנטשע אַ פֿאַרדעכטיק פֿאַרשווינדל.

גאַנץ אינדערפֿרי האָט זיך מאַריִא אויפֿגעכאַפּט. האָט זיך געגעבן אַ וואַש אַרום און אַ קוק אין דרויסן. דאָס פֿאַרדעכטיק פֿאַרשווינדל האָט הין און צוריק אַרומגעשפּאַנט אין דער גאַס.

האָט אים מאַריִע אָפּגעטאָן: אין אַ מאָמענט ווען ער האָט זיך אַביסל דערווײַטערט, האָט זי זיך אַרויסגעכאַפּט אין הויף אַרויס און אנשטאָט גיין צום גאַס צו, איז זי אַוועק טיפֿער אין הויף, צו אַ שכיינע. דאָרט

האָט זי ווידער אָפּגעוואָרט און איז פון דער צווייטער גאַס ווידער אַרײַן צו אַ שכיינע טיף אין הויף. ערשט מיט דער דריטער גאַס איז זי אַוועק צו אַנטאָניאָן.

מילער איז שוין פון דאָרט אַוועק. ער איז אַוועק אין שטאָט אַרײַן צו די אַרבעטער.

די שכיינימשאַפט פון טעראַפּליען איז שוין לאַנג געוועזן וואַך. אַלעמאָל אין דער צײַט שטייען די דרײַ פּיסלעך אין דרויסן און ריי־כערן און וואַרעמען אַ מאַטע; קינדער האַלב־נאַקעטע, דרייען זיך אַרום אין הויף און רײַבן די אייגעלעך. די פרויען אָנגעטאָנענע, האַלב־פאַרפּוצ־טע ווער אין וואָס ס׳האָט, גרייטן זיך צו גיין אין שטאָט זוכן אַרבעט. דאָס מאָל פעלן די דרײַ פּיסלעך אין די הייפן. אַלע זײַנען אין דרויסן. די קינדער, וואַכנדיקע, דרייען זיך אַרום די עלטערן און קוקן זיי נאָך מיט אַ טיפן ערנסט און דערעכערעץ. אומגעלומפּערטער ווי אַלע זעען אויס די פרויען, וועלכע קענען זיך ניט געפינען קיין אָרט אין אָט דער צײַט — שטייען זיי מיט די פּענעמער צום אויפגעגליטן פרימאָרגן־ני־דער און באַטראַכטן גאָר די נאַטור, ווי די זון פאַרכאַפּט אַלץ מער שע־טעך און זעצט זיך איבער איר, ווי אַ הון איבער אַן איי; אָדער גאָר גיבן זיי זיך אַ דריי אויס צום פינצטערן פאַרשלאָפענעם נאָך פּאַרק און קוקן מיט פאַרקריצטער סינע אין די אויגן און פאַרשפּיצטע אויערן אין זײַן טיפער ווײַט, זוכנדיק אַ וועלכע ס׳איז ניט פאַרדעכטיקטן קלאַנג. אָדער, זיי גיבן זיך גאָר אומגעלומפּערטערהייט אַ זעץ אַנידער מיט צענויפ־געלייגטע הענט אַף די ביינערדיקע קניִען, וועלכע טיילן זיך אויס פון אונטער דעם קליידל. דעמאָלט זעען זיי שוין גאָר אויס קאָמיש: ווי הילצערנע מענטשעלעך, וועלכע מ׳האָט אַוועקגעזעצט און וועלכע וועלן אַ ליאַדע רעגע אומפאַלן.

די שטאָט דערוואַכט מיט איר רעגילעס. צוערשט שפּילט זיך די זון אַן אַף אַ דאַך און וועגט, שפּיגלט זיך לאַנג ערגעץ אין אַ פאַרלאָזטער שויב און דראַפּעט זיך אַף די שפּיץ ביימער פון דער פּלאַסע. דערנאָך

דערהערט זיך איין בראַזגיקער רוק אַרויף אַ שטאָר, אַ צווייטער, אַ דריי־טער, פערטער; ס'טרובעט אַדורך אַן אויטאָ, א פורל קלאַפּט פּלינק אַדורך מיט די קאַפּיטעס איבער די שטיינער. ס'פּאַרטראַגט פון ערגעץ אַ מענטשלעך קאָל, ס'רײַסט אַדורך אַ געלעכטער; נאָכדעם הייבן אָט די אַלע קלאַנגען אָן צו ווערן עפּטער, מישן זיך אויס, פּלאָנטערן זיך, פאַר־שטאַרקן זיך און איבערן שטאָט פאַרשפּרייט זיך די דיקע גען פון איין הודזשענדיקן קלאַנג — פון טאָג.

דאָס מאָל האָט די שטאָט אין איר דערוואַכונג אַ ציטער געטאָן, צי אַ שלעכטער כאָלעם, צי אַ קאַלט ווינטל, נאָר מענטשן פון שטאָט האָבן זיך קאַלט אָנגעקוקט: א־א? ערשט, נאָך צען, ווען די זון האָט שוין אָנגעהויבן אָנגלִיען דעם ברוק, האָט עמעצער געענטפערט: אַ שטרײַק...

האָבן זיך מענטשן צעוואַרעמט און צעריסן דעם ניט קלאָרן הודזשענ־דיקן קלאַנג פון טאָג און האָבן אַף זײַן אָרט אַרײַנגעשטאָכן אַ קלאָרן, שנײַדנדיקן קינזשאַל: אַ שטרײַק!

האָט זיך דער טאָג געצאַפּלט און געפיבערט, און איבער אים, אי־בער דעם טאָגס געדערים, געגלאַנצט און געפינקלט אין טויזנט קאָלירן, דאָס קליגל — אַ שטרײַק...

לויפן מענטשן און פרעגן איינער דעם צווייטן: „ווער שטרײַקט?"

און דערווײַלע, צוליב פאָרזיכטיקייט לאָזן זיך שטאָרן אין דער העלפט אַראָפּ. אין דער העלפט מאַכן זיך טויערן צו. קינדער ווערן פאַר־האַלטן אין די שטיבער. איינער קוקט מיט פאַרדאַכט אַפן צווייטן: אַ קאַשע אַף אַ מײַסע... אַז מ'ווייס ניט ווער ס'שטרײַקט און שטרײַקן שטרײַקט מען פאָרט...

און אַז מען שטרײַקט איז דער בעסטער באַווײַז דער, וואָס הײַנט זײַנען דאָ מער מענטשן אין גאַס, שאַ־שאַ! וואָס דאַרפט איר מער? קיין אויטאָס זעט מען דאָך ניט אין גאַס! און קיין פורלעך אויך ניט!

צי האָט זיך דאָס מיר געכאָלעמט, צי וואָס? איך האָב דאָך הײַנט אינדערפרי אַליין געהערט פורלעך אַדורכפאָרן און אויטאָס ווי אַלעמאָל?

אָבער ווער וועט גיין פאָרענטפערן אַזעלכע פאַרעווע שײַלעס, אַז ניט אויטאָס און ניט פורלעך זעט מען פאַרט ניט אין גאַס?

עמעצער איז געפאָלן אָפן סייכל. דער עמעצער איז געוועזן ניט קיין אַנדערער, ווי אַ מאָסאָ פון אַ רעסטאָראַן. באַדינענדיק אין זײַן שוואַרצן רעקל אָפן ווײַסן פאַרטעך מיט אַ פריש אויסגעפרעסטן סערוועטל אין האַנט, האָט ער אַ זאָג געטאָן צו אַ גאַסט: „ווער קען עס נאָך בעסער וויסן ווי די פּאָליציי?” און האָט אַ גענעץ געטאָן. ער האָט גאָר קיין אַנונג ניט געהאַט, דער מאָסאָ, וואָס פאַר אַ געניאַלן געדאַנק ער האָט אַרויסגעזאָגט. אָט דער געדאַנק האָט זיך בליץ־שנעל צעטראָגן איבערן שטאָט און אַלע זײַנען געלאָפן, פון אַ זײַט אַרום, כאַפן אַ קוק אַרײַן אין רעגירונגס־הויז — ווער קען נאָך בעסער וויסן ווי די רעגירונג, וואָס ס׳קומט פאָר, וואָס ס׳גרייט זיך?

דער עמעס איז אָבער, אַז אויך די רעגירונג האָט ניט געוווּסט וואָס ס׳קומט פאָר. דערוווּסט האָט זיך די גאַס אַז די רעגירונג ווייס אויך גאָרניט, ניט פון קיין אַנדערן, ווי פון מוישע נאָדעלן. אַ טאַמעוואַ־טער, מיט אַן אַראָפּגערוקטן הוט איבער די אויערן, האָט ער זיך אַרויס־געגליטשט פון רעגירונגס־הויז (ווען ער האָט זיך אַרײַנגעגליטשט האָט געוווּסט נאָר דער אַלטער שימשעלעוויטש) און אַדורכגייענדיק האָט ער דורך די ברילן אַ זאָג געטאָן: „זיי ווייסן ניט פון זייערע הענט און פיס ... ש־שאַ!” און איז זיך ווײַטער אַוועק מיט זײַנע טמימעסדיקע צעעפנטע אויגן דורך די גרויסע ברילן־גלעזער.

ערשט דאָ האָט מען באַמערקט, אַז די אָנגעשטעלטע אין רעגירונגס־הויז זוכן דורך די פענצטער אין גאַס אַרויס דאָס, וואָס די גאַסיקע אין די רעגירונגס־פענצטער.

אַרום צוועלף אַזייגער האָבן דורכגעיאָגט אַ גרופּע רײַטער־פּאָליציי

און זײַנען געקומען מיט גאַרנישט. אין אַ פּאָר מינוט נאָכדעם איז אַרויס־געשוווּמען אַ טויבער טומל.

שטאַרן האָבן זיך אַף גיך אַראָפּגעלאָזט, און ערגעץ האָט זיך אַ קינד צעוויינט.

ס'איז אָנגעקומען.

ניט געלאָפן ווי אַנומלטן און ניט אַף די טראָטוארן, נאָר מיט אַ גלײַכן טראָט, אַף דער מיט גאַס, האָט זיך געצויגן אַ לאַנגע ריי אָפּגעריסענע אָרעמקייט מיט פינצטערע פּענעמער. מענער, פרויען און קינדער —אויסגעמישט. אויסגעמישט אַלטע מיט יונגע. זיי זײַנען געגאַנגען מיט אַ געפּענטעטן טראָט און האָבן אומגעדולדיק געקוקט פאָרויס. פאָרויס איז געגאַנגען מילער מיט אַ פונאַנדערגעוויקלטער רויטער פאָן, בײַ זײַן זײַט — ענקאַרנאַסיאָן מיט אַ מיידעלע — האָבן געטראָגן אַף צוויי שטאַנגען אַ ווײַסן טאָוול מיט דער אויפשריפט: „מיר ווילן ברויט!״ „מיר ווילן אַ דאַך איבערן קאָפּ!״ כואַן, אַנטאָניאָ און מאַריאַ, מיט רויטע בענדער אַף די הענט, זײַנען פאַרלאָפן פון פראָנט אַף הינטן בײַ די זײַטן און האָבן געהיט די אָרדענונג.

אַף דער מיט גאַס האָט מען זיך אָפּגעשטעלט. מילער האָט זיך אומגעקוקט אַף הינטן. אַן אַלטער מאַן, אין דער מאַסע, האָט אויפגעהייבן אַ ציטערדיקע האַנט, „מענטשן, — האָט ער אויסגערופן, — הײַנט זײַנען מיר, ערגער ווי הינט. זעט ווי מענטשן לעבן!״ און איידער די אָרדענונגס־היטער האָבן זיך אָפּגעגעבן רעכענונג, האָט אויפגעפלאַצט און זיך צעשאָטן אַ שויב.

כאַוויירים! שכיינים! — האָבן עטלעכע מיט אַמאָל געראָפן, — געדענקט וואָס מיר האָבן אײַך אָנגעזאָגט! אויב איר ווילט אַז אונדזער זאַך זאָל געווינען — היט די אָרדענונג!

נאָך ניט געענדיקט און ס'פּלאַצט און צעשיט זיך אַ צווייטע שויב.

— כאַ־ווייריִם! ! — שרײַט מען שוין אויך פון דער מאַסע — באַ־הערשט אײַך!

קוים־קוים, זיך צוריק אײַנגעצוימט, די מאַסע ציט פאָרויס.

פון אַ זײַט גאַס, מיט שנעלן טראָט ציט אָפּ אַ וויכילאַנט.

די מאַסע דערנענטערט זיך צו דער פּלאַסע.

מיט אַלץ אַ ברייטערן רינג נעמט די אָרעמקייט אַרום די אויסגעפּוצטע שטאָטישע שטרײַקער. זיי זוכן אַ דערנענטערונג. די אָרעמקייט איז פאַר־ביסן און פאַרטאָן מיט זיך.

אַף אַ באַנק, באַ דער פּלאַסע, כאַפּט זיך אַרויף אַן אַרבעטער און רופט אויס: „כאַווייריִם פון הינטער דער שטאָט! הײַנט, אין דעם טאָג פון אײַער זאַך, האָבן מיר זיך מיט אײַך פאַראייניקט און אַרויס אין שטרײַק: מיר האָבן אײַך געוואָלט דערווײַזן אַז אומעטום און שטענדיק איז דער אַרבעטער פאַראייניקט! אײַער זאַך איז אונדזער זאַך! זאָלן לעבן די אַלוועלטלעכע רעוואָלוציע! זאָל לעבן דער דריטער אינטערנאַציאָ־נאַל!"

— זאָל לעבן ! !

בלויז געציילטע שטימען האָבן געענטפערט. די מאַסע האָט געגאַפט. די אַרומיקע האָבן זיך אָנגעהויבן פאַרזיכטיק אָפּצורוקן.

כואַן, מילער, אנטאָניאָ, מאַריאַ, דער אַלטער סעזאַר, ענקאַרנאַסיאָן און נאָך אייניקע — האָבן זיך צוזאַמענגעשלאָסן. אַ קורצע באַראַטונג. ענקאַרנאַסיאָן רויטלט זיך און שמייכלט. די איבעריקע העלפן איר אַרויפצושטעלן זיך אַף דער באַנק.

זי גיט זיך אַ וואַקל, אָט־אָט און זי וועט אומפאַלן, עס געלינגט איר דאָך אַרויסצוזאָגן —

— ברידער און שוועסטער! די אויסגעטיילטע דעלעגאַציע וועט גיין

אין רעגירונגס־הויז פאַרשטעלן אונדזערע פאָדערונגען. די פאָדערונגען זײַנען: שענקען אַנדערע פלעצער, גאָענט פון דער שטאָט, וועלכער זאָלן זײַן באַזאָרגט מיט וואַסער. אַ הונדערט־פּעזעדיקע פאַרגיטיקונג פאַר יע־דער אַראָפּגענומענער ראַנטשע, אומזיסטע וועגענער אַף אַריבערצופירן דאָס ביסל באַלעבאַטישקייט און באַזאָרגן אונדזערע מענער מיט אַרבעט בא דער טעראַפּליען־אַרבעט. פאַרהאַלט זיך רויק, כאַוויירים! און וואַרט געדולדיק אָפּ...

אַנטאָניאָ און כואַן האָבן זי אונטערגעכאַפּט און אַוועקגעזעצט אַפן באַנק — זי האָט געכאַלעשט.

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

די דעלעגאַציע איז צוריקגעקומען. דער גובערנאַטאָר האָט אַלץ צו־געזאָגט, נאָר ניט אונטערגעשריבן.

אַ פּרויען־שטים האָט אָנגעהויבן און עטלעכע מענער־שטימען האָ־בן אונטערגעהאַלטן —

— „שטייט אויף איר אַלע, ווער ווי שקלאַפן"...

כאָטש קיין צוזאַמענהאַנג אין דעם שמועס האָט עלמאַן ניט געזען און אויסגעוויזן האָט עס גיכער אַף נערוון ווי אַף עפּעס מאַמאָשעס־דיקס האָט זיך עלמאַן דאָך געשפּירט ווי נאָך אַ פּלוצלינג איבערגעריסע־נעם, זיסן כאַלעם. ווי נאָך קיינמאָל ניט, קימאַט אָן אַ „גוט־מאָרגן", האָט אים ד"ר איגלעסיאַס אויפגענומען מיט די ווערטער:

— איר זײַט אַ קאָמוניסט, אָדער איז זײַט ניט?

פון אַזאַ שאַלע איז עלמאַן צעטומלט געוואָרן. ס'איז געווען קלאָר אַז עלמאַנס ענטפער דאַרף זײַן אַ שטרענג נעגאַטיווער — ניט נאָר אַז

ער איז ניט קיין קאָמוניסט, נאָר ער האָט צום קאָמוניזם אַפילע קיין שײַכעס ניט. אָבער דער אָרט פרעגן דעם דאָקטערס האָט געשמעקט מיט אַ מעסירעלע. קיינמאָל איז עלמאַנען ניט אײַנגעפאַלן אַז דאָס קאָקע־טירן מיטן וואָרט „קאָמוניזם" אַף דער יידישער גאַס וועט אַזוי ווײַט קענען אָנשפּאַרן! עלמאַן האָט אָנגעהויבן בעקען: ס'הייסט: קיין קאָמו־ניסט איז ער קיינמאָל ניט געווען, נאָר אין דער יוגנט, שטימונגען... הײַנט — און עלמאַן גיט אַ קורץ לאַכל — ווי קום איך צום קאָמוניזם?

דעם דאָקטערס פּאָנעם איז געוואָרן נאָך שטרענגער און האָט אָפּ־געגלאַנצט מיט עקל:

— און איך האָב געמיינט, אַז אַלע „רוסאָס" זײַנען באָלשעוויקעס...

דאָס איז שוין געווען אַ באַליידיקונג, אַ שפּײַ אין פּאָנעם דעם „קלאַל יִיסראָעל". עלמאַן האָט פאַרשוויגן. דער דאָקטער האָט צוגעגעבן שאַרף און מיט געציילטע ווערטער:

— איך וויל ווי אַמשנעלסטן אַ רעכענונג איבער די געלטער וואָס איר האָט באַ מיר גענומען! און איך וויל זיך אויך זען מיטן רעוועך וואָס ס'קומט אַף מײַן כיילעק.

רעוועך? עלעמאַן האָט פּאַשעט אויפגעציטערט. ער האָט קיינמאָל ניט גערעכנט... אַז דער ד"ר איגלעסיאַס מאַכט מיט אים געשעפטן. כוין דעם... ס'איז גאָר אַ פראַגע צי ס'איז דאָ רעוועך. ער האָט געוואָלט עפּעס זאָגן, האָט ער זיך אָנגעשטויסן מיט אַזאַ שפּאָטישן קוק, אַז ס'איז אים צום צווייטן מאָל דורכגעלאָפן אַ ציטער איבערן לײַב. און דער ד"ר איגלעסיאַס האָט זיך גאָר פלוצלינג צעלאַכט:

— כאַ־כאַ־כאַ... און דעם האָב איך עס אָנגענומען פאַר אַ קאָמו־ניסטישן הויפּט!

און פלוצלינג, שטרענג:

— געענדיקט!

איין באַליידיקונג, שטאַרקער פון דער צווייטער. עלמאַן האָט אַראָפּ־געלאָזט די הענט.

דעמזעלבן טאָג האָבן צוויי ציווילע, אַ קאָמיסאַר און צוויי וויכי־לאָנטן אַרומגערינגלט מאַריאַ וויסענטעס ראַנטשע. זיי זײַנען געווען פאַרביסן שטרענג. אנשטאָט אָן ענטפער אויף אירער אַ צעשראָקענער פראַגע האָט מאַריאַס מוטער געכאַפּט אַ שטויס אין זײַט. זיי האָבן אי־בערגעטרייסלט יעדער שטיקל קויטיק גרעט, די ביי־מאַשין האָבן זיי פאַר־גאַנדערשרויפט און צענומען — שיר צעבראָכן, זיי האָבן געזוכט אין די ווענט, אינעם פּעסל וואַסער וואָס איז געשטאַנען אין הויף, אויפן דאַך און ווידעראַמאָל אינעם קויטיקן גרעט, ווי זיי וואָלטן די אָרעמע ראַנטשע ניט געקענט אַרויסלאָזן פון די הענט.

מילער איז געווען באַ אַנטאָניאָן.

און אין אַ פּאָר טעג אַרום איז די ערשטע גרופּע פון צוועלף פּאַמי־ליעס אַרויסגעוואָרפן געוואָרן אויפן פּאַשעטסטן אויפן: ס'זײַנען געקומען פּײַערלעשער, האָבן אָן צערעמאָניעס אַרויסגעטראָגן די בעבעכעס פון די ראַנטשעס, האָבן עס אַוועקגעטראָגן ווײַט אויף אַ זײַט און האָבן זיך גענומען צעלייגן די שטיבלעך. זיי האָבן עס געטאָן אַזוי פּאַשעט און מיט אַזאַ קאַלטקייט, אַז ווי ס'וואָלט זיך געהאַנדלט וועגן אויסראַמען פּערדיש מיסט פון די שטאַלן. די מענטשן פון די שטיבלעך האָבן ניט געוווסט וואָס דאָס הייסט, זײַנען זיי געשטאַנען פון דערווײַטן, יעדע־רער באַ זײַן פּעקל אָרעמקייט, און האָבן געגאַפּט. און צעלייגן די שטיב־לעך, וועלכע זײַנען באַשטאַנען פון בלויזע שטרוי און שטאַנגען, איז גע־ווען ניט קיין גרויסע זאַך — איינס און צוויי און זיי זײַנען מיט דעם פּאַרטיק געוואָרן. האָבן זיי די קופּעס שטרוי איבערגעלאָזט אויפן אָרט און די שטאַנגען אָנגעוואָרפן באַם בידער, וואַל אַראָפּ. נאָכדעם האָבן זיי דעם גאַנצן שעטעך אַרומגענומען מיט שטעכיקן דראָט און אין עטלעכע

ערטער אַף אַרײַנגעהאַקטע סלופּעס, אויפגעהאַנגען פון דער מוניציפּאַליטעט אַן אַזהאָרע, אַז — איבערטרעטן דעם צאַם, וואָס ניט איז רירן אַף איי־גענער אַכראַיעס, מאַכן וועלכן ס׳איז ניט שאָדן — וועט שטרענג באַ־שטראָפט ווערן.

ערשט ווען די פײַערלעשער זײַנען אַוועק, האָבן זיך די מענטשן גע־נומען צורוקן איינער צום צווייטן און איינער באַם צווייטן האָט געזוכט אַן ענטפער: וואָס זאָל דאָס באַדײַטן? וואָס דאַרף מען טאָן?

די אָרעמקייט פון טעראַפּליען האָט זיך אויפגעהויבן. יעדערער פון די נאָך ניט אָנגערירטע האָט דערשפּירט דעם גוירל אַף זײַן אייגן לײַב. מ׳איז געלאָפן איינער צום צווייטן, אַלע צוזאַמען האָבן גערעדט, אַלע צוזאַמען זײַנען געווען איבערגעשראָקן און צעכושט, און איבערן גאַנצן שעטעך פון קינפּטיקן טעראַפּליען האָט זיך פאַרשפּרייט אַ טויבער טומל, ווי דאָס זשומען פון בינען.

דער שכיינים־קאָמיטעט איז זיך אַף גיך צוזאַמענגעקומען באַ די רעזשעס. אָבער איידער זיי האָבן נאָך דערוויזן עפּעס אָנהייבן צו באַ־האַנדלען, איז שוין דער הויף פול געוואָרן מיט זײַטיקן אוילעם. מ׳האָט געשריגן, געשאָלטן און געשפּיגן. פרויען האָבן געקווטשעט:

— אַ מאַגייפע אַף זיי! די דזשומע זאָל זיי אויסשטיקן! זיי מיט זייערע קינדער צוזאַמען!

אַנדערע האָבן שוין געווישט זייערע פײַכט געוואָרענע נעזער און האָבן ווי קעלבער, מיט יִיעש געוואַרט אַף דער שכיטע.

מענער האָבן זיך געריסן אין ראַנטשע אַרײַן, צום שכיינים־קאָמיטעט.

— וואָס סוידען זיי זיך דאָרטן? דאָ וואַרפט מען פון די שטיבער און זיי סוידען זיך! עך, לאָמיר נעמען די מאַטשעטעס און קומט אין גאַס אַרויס!

— שכיינים!...

אָבער דער אַלץ מער אָנגעפּילטער הויף האָט שוין געזאָדן אַף אַלע פּאַרעס —

— וואָס מיר „שכיינים״! ווער מיר „שכיינים!״ איר זעט דען ניט וואָס עס טוט זיך? פון די שטיבער וואַרפט מען דאָך אונדז און דאָס וואָס דער גובערנאַטאָר האָט צוגעזאָגט, איז ווי אַ הונט וואָלט געבילט!

— לאָמיר זיך אַ לאָז טאָן אַף דער שטאָט און אונטערצינדן זי פון אַלע זײַטן...

— איך, ברידער, — האָט דער אַלטער סעזאָר אַרויסגעכריפּעט —

נעם אַף מײַן כיילעק צען שטיבער. היינטישע זין...

— איך הונדערט...

— די גאַנצע שטאָט זאָל ברענען!

דער שכיינים־קאָמיטעט האָט זיך קיין אייצע ניט געקענט געבן. זיי זײַנען אַרויס אין הויף אַרויס צום אוילעם. זיי האָט געפעלט מילער.

און אָט איז מילער. דער אוילעם רײַסט אויף מיט אַ „וויוואַ״! עמעצער, וועלכער איז אַרײַן אין גאָר גרויסער היספּײַלעס, האָט אויסגעשריען: „זאָל לעבן דער קאָמוניזם!״ זיי האָבן זיך צוזאַמענגעדריקט און געמאַכט אַ פּרײַען דורכגאַנג. מילער האָט זיך אויפגעהויבן אַף אַ קעסטל.

— שכיינים און כאַווײרים! די פאַרזאַמלונג ווערט אָפּגעלייגט אַף צוויי שאָ. פונקט אין צוויי שאָ אַרום וועלן מיר זיך דאָ ווידער צוזאַמענבנעמען... רויק! דער שכיינים־קאָמיטעט וועט איצטער אָפּהאַלטן אַ קורצע באַראַטונג און וועט אוועק צום גובערנאַטאָר נאָך אַ דערקלערונג און פאָדערן, אַז ער זאָל אונדז אונטערשרײַבן דאָס, וואָס ער האָט אונדז שוין איינמאָל צוגעזאָגט. אין צוויי שאָ אַרום וועלן מיר זיך צוזאַמענקומען אַף אויסהערן דעם ענטפער און אָננעמען באַשלוסן. אײַנשטימיק?

— אײַנשטימיק!!

— ווי־וואַ ! ! !

נאָר רירן זיך פון אָרט, רירט זיך קיינער ניט. מיט פאַרביסענע פּנעמער, שווײַגנדיקע, שטייען זיי דאָ צוזאַמענגעדריקט און וואַרטן.

מילער שטייט שוין ווידער אַפן קעסטל —

— שכיינים און כאַוויירים! איך לייג פאָר אַז איר זאָלט איצטער אַלע אַוועק צום טײַך און אָפּהאַלטן באַזונדער אַ באַראַטונג. איך וועל באַלד אויך קומען. און לאָמיר ניט שטערן דעם שכיינים־קאָמיטעט — די צײַט איז קורץ.

איצטער האָט זיך דער אוילעם אַ ריר געטאָן, זיך אויפגעשפּאָלטן און צעשאָטן געוואָרן אין אַ געלויף צום טײַך צו.

דער שכיינים־קאָמיטעט איז אַוועק צום גובערנאַטאָר און מילער צום אוילעם, באַם טײַך.

אין צוויי שאָ אַרום איז דער אוילעם צוזאַמען מיט מילערן געקו־מען אויסהערן דעם באַריכט. דער באַריכט איז געווען אַ קורצער:

— דער גובערנאַטאָר האָט ניט אָנגענומען און מ׳האָט זיי פּאַשעט אַוועקגעטריבן.

אָט דער קורצער באַריכט האָט דעם אוילעם געטראָפן ווי מיט אַ טעמפּער האַק איבערן קאָפּ. ס׳האָט באַ אַלעמען אָפּגענומען דער לאָשן. ס׳איז אַלעמען געוואָרן קלאָר, וואָס ס׳דערוואַרט זיי. איז וואָס האָבן זיי איצט געקענט טאָן?

אַנטאָניאָ האָט זיך אויפגעהויבן —

— שכיינים! מיר זײַנען געווען פינף, ניט מער ווי פינף אירע, איז אונדז לײַכט געווען אַוועקצוטרײַבן. אָבער אונדז אַלעמען, עטלעכע הונ־דערט, וועט מען ניט אַוועקטרײַבן. לאָמיר, מאָרגן, אַלע צוזאַמען מיט

די פרויען מיט די קינדער, אַוועק צום רעגירונגס־הויז. מירן פון דאָרטן ניט אָפּטרעטן ביז וואַנען מ׳וועט אונדז ניט נאָכגעבן!

און פון אונטן אַף אַרויף, ווי פון דער ערד אַרויס, האָט אויסגעברומט אַ קרעכץ פון הונדערטער הערצער: „אַ טויט!״

מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ און ניט קיין גערן טראָט האָט זיך דער אוילעם אָנגעהויבן פונאַנדערגיין.

לויט מילערס אייצע איז דער שביינים־קאָמיטעט אַרויסגעלאָפן און האָט געמאָלדן אַלע קלייטניקעס פון די גאַסן, איבער וועלכע די דעמאָנסטראַציע האָט געדאַרפט אַדורכגיין, אַז מ׳זאָל פון האַלב צען ביז צוועלף צומאַכן די געשעפטן.

איין אַלמאַסענעראָ נאַר, אַ בלינדער אַף אַן אויג, האָט זיך געוויצלט:
— און אַז ניט?

ער האָט פּונקט אין דער צײַט געוויגן פּאַר צען סענט לאָקשן און האָט מיט זײַן איינציקן אויג געקלעפּט אין דער וואָג, ס׳זאָל דער ווײַזער ניט אַריבערגליטשן איבערן גרענעץ פון צען סענט. נאָכדעם האָט ער פּליגק אַ כאַפּ געטאָן די עקן פון פּאַפּיר אַף וועלכע די לאָקשן זײַנען געלעגן און צוזאַמענדרייענדיק עס, האָט ער שפּאָטיש איבערגעפרעגט:

— און אַז ניט?

— און אַז ניט, נעמען מיר פון זיך אַראָפּ יעדע פאַראַנטוואָרטלעכקייט.

דאָס איין איינציק אַלמאַסענערסקע אויגל האָט זיך אַרײַנגעשטאָכן אין די צוויי פּענעמער, וועלכע זײַנען פאַר אים געשטאַנען — ניין, די צוויי האָבן נאָך קיינמאָל בײַ אים ניט געקויפט. ער געדענקט אַפילו ניט, אַז זיי זאָלן ווען ס׳איז בײַ אים אויסטרינקען אַ גלעזעלע אַפילו. האָט זיך דאָס

אויגל אַרויסגעשטאָכן פון די צוויי פּענעמער און האָט זיך פאַרצויגן מיט אַ נאַסן גלאַנץ — אַ שמייכל אַזאַ —

— אויב אײַער פאַראַנטוואָרטלעכקייט וועט מיר באַצאָלן פאַר די צוויי מיט אַ האַלבער שאָ און אַן אויטאָ דערצו, פּוץ איך מיר אויס און פאַר מיט אײַך שפּאַצירן...

אָפּגעזאָגט און דאָס איינציק אייגל קוקט אַף דער קוינעטע וואָס וואַרט אַף די לאָקשן, צי זי לאַכט ניט. אָבער די קוינעטע האָט אַ כאַפּ געגעבן דאָס פאַרדרייטע פּעקל, האָט אַ וואָרף געטאָן די צען סענט און איז שנעל אַרויסגעלאָפן. דאָס האָט דעם אַלמאַסענעראָ אַרויסגעבראַכט פון די קיילים און אַריבערטראָגנדיק זיך אין אַ צווייטן טייל, ווו באַ אַ פּאָר טישלעך זײַנען געזעסן עטלעכע מענטשן, יעדערער מיט זײַן גלעזל און יעדער מיט זײַן ביטער און צעפּוילט האַרץ, האָט דער אַלמאַסענעראָ אַרויסגעשיפּעט מיט שוים אַף די ליפּן:

— אַט באַסורע, זיי וועלן מיר זאָגן אַ דייע צי איך זאָל יאָ פאַרמאַכן צי ניט פאַרמאַכן!

און וואַשנדיק אַ ביר־גלאָז, האָט ער נאָך צו זיך געבורטשעט:

— אַלץ די עסטראַנכעראָס... פריער האָט מען פון אַזוינס ניט געוווסט.

מילערס האַשאַרע האָט זיך באַשטעטיקט: גרייטנדיק זיך צו דער דעמאָנסטראַציע האָבן פּרויען מיט זיך פאַרכאַפּט קאַלט־געווער — ווער אַ מעסער און ווער אַ שטיק אײַזן. ס'האָבן ניט געפעלט אַזעלכע, וועלכע האָבן אַפילו די לאַנגע און ברייטע מאַטשעטעס געשטופּט אין בוזים אַרײַן. ס'איז ניט געווען קיין אָפּגערעדטע זאַך. יעדע האָט עס געטאָן אַף איר פאַראַנטוואָרטלעכקייט, ניט איבערפרעגנדיק און ניט זאָגנדיק וועגן דעם קיינעם. האָבן די מענער דאָס געזען און האָבן מיט זיך אויך פאַרנומען דאָס מאַסיוווסטע וואָס ס'האָט זיך אונטער דער האַנט געפונען.

קינדער האָבן געזוכט די שווערסטע שטיינער. אומזיסט איז אַנטאָניאָ מיט מילערן אומגעלאָפן פון ראַנטשע צו ראַנטשע און האָבן זיך באַ די מענטשן געבעטן, אַז מ׳זאָל גאָרניט מיט זיך מיטנעמען, אַז געווער מיט זיך קען אַרויסרופן דאָס גרעסטע אומגליק. דער אוילעם האָט ניט געזאָגט ניט יאָ ניט ניין. פאַרביסן שטיל האָט זיך יעדערער געטאָן דאָס, וואָס די בלוטן האָבן אים דיקטירט. אַפילו ענקאַרנאַסיאָן האָט אויך בישטיקע אַרײַנגערוקט אין בוזים אַ שרויפן־פאַרדרייער פון אַן אויטאָ.

מילער האָט געפילט די מאַסע, געפילט איר שטימונג. ס׳האָט אויסגעזען ווי איין גרויסער טאָפּ פאַרזאָדן בלוט. אויבן — שאַ און גלאַט, נאָר דאָס שטילע מורמלען האָט געוואָרנט וועגן אויפזידן, וועגן אַרויסזעצן מיט שוים און קויעך דאָס גאַנצע אויפגעקאָכטע, דאָס גאַנצע אויפגעלאָפענע פון אינעווייניק, פון דעק ביז אַרויף: וואָס טוט מען? וואָס טוט מען?

מילער איז געלאָפן צו די רעזשעס, פון די רעזשעס צו סאַטאָן, צום אַלטן סעסאַרן — אומעטום האָט ער זיך אַנגעשטויסן אָן קאַלטע אײַזערנע ווענט. הארט און אָפּגעשלאָסן. זײַנע ווערטער האָבן ניט אַנגערירט, זײַנע ווערטער זײַנען ניט דערגאַנגען. מילער האָט אָפּגעלאָזט די הענט — אָט אַזוי וועט די מאַסע גיין איר אייגענעם גאַנג, דעם גאַנג פון אויפגעזידטן בלוט.

און ערגער פון אַלץ איז געווען דאָס, וואָס הינטער דעם אויפברויז האָט מילער ניט געזען קיין ווײַטערדיקן וועג פאָרויס. פאַרקערט — ער האָט געהאַט דאָס פאַרגעפיל אַז אָט איצטער שפּילט דער טעראָפּליען זײַן לעצטע קאָרט. איז כאַטשבי צוימען די מאַסע, דיסציפּלינירן און פאַרהיטן פון אומזיסטע קלעפּ. ניט אויסשפּילן דעם אויפברויז ביז זײַן לעצטן טראָפּן . . .

מילער איז געווען איינער. מילער איז געווען מאַכטלאָז.

איז געגאַנגען מיט דער מאַסע. איז צוגעגאָסן דאָס אייגן בלוט אין

דעם אַלגעמיינעם טאָפּ אַרײַן. איז אויסגעמישט און אויסגעקאָכט מיטן טעראַפּליען צוזאַמען און פון טעראַפּליען אַרויס — אַ טרייסל די אַלטע וועלט. יעדערער נאָך זײַנע קויכעס און נאָך זײַנע מעגלעכקייטן. און נאָכדעם וועלן קומען אַנדערע, שטאַרקערע, און וועלן מיט מער מוט נאָך צעטרייסלען די אַזוי אויך צעטרייסלטע געבײַדע. אַרײַן מילער אין קאָן. מיט דער מאַסע!

און צו וואָס, מילער, שטיקן און לעשן יענץ קאָכנדיקע און זודיקע באַ דיר, אַף דײַן דעק? האָבן אָט די צעפּוילטע הינט ניט פאַרמאָסטן זיך דירעקט אויך אַף דיר? האָבן זיי דען פאַר דיר ניט פאַרהאַקט טיר און פענצטער און וואַרטן מיט אומגעדולד ביז וואַנען דו וועסט אַ פאַר־כאַלעשטער פון הונגער ערגעץ צוזאַמענפאַלן אין אַ קופּקע מיסט?

הײַנט זאָל אַנפירן אַנטאָניאַ. מילער איז הײַנט אַנאָנים. מילער איז הײַנט די מאַסע. נאָר, וואַרט... מילער רויטלט זיך, מילער שעמט זיך. מילער קען שווערן אַז ער איז ריין. ער גיט אַ שנעלן קוק אַרײַן און אַ מיש דורך זײַן גאַנצן אָוועד, ביז הײַנטיקן טאָג, און קען שווערן מיט דער שטאַרקסטער פּראָלעטאַרישער שוווע, אַז אַלץ דאָס וואָס ער האָט געטאָן, איז געווען פון טיפסטן באַוווסטזײַן. אַז ער האָט קיינמאָל פון קיינעם ניט דערוואַרט קיין באַלוינונג... נאָר הײַנט — איז דען דאָס אַ בעט? — מילער וויל גיין אין דער שפּיץ, מיט דער פאָן... ניט פאָרויס דער מאַסע, נאָר אין איר שפּיץ, בלינד ווי די מאַסע אַליין און כאַלעמען און זען, ווי דאָס אַלטע, צעפּוילטע, זינקט און מיסטיקט די ערד, פון וועלכער ס׳שפּראָצט אַ נײַ, פריש לעבן...

האָט מילער אַ רעכט אַף דער פאָן?

דער אוילעם האָט אַרויסגעמאַרשירט, פאָרויס מילער. ס׳זינגען אַ צענדליק שטימען, קוויטשיק און צעצויגן. דער אוילעם שפּאַנט מיט שווערן טראָט און אַראָפּגעהאַנגענעם קאָפּ — אָט גלײַך מ׳וואָלט דאָ גאָר אַ טויטן באַגלייט. פון אינמיטן דער מאַסע, הויך איבער די קעפּ, קנייטשט אַ ווײַס אויסגעצויגענער לײַלעך, אַף וועלכן ס׳שטייען אויסגע־

שרײַבן, מיט גרויסן שריפֿט, די פֿאָדערונג פֿונעם טעראַפּליען. דער אוילעם ציט זיך מאַט און פֿינצטער. געוועלבער, טיר און לאָדנס זײַנען צוגעמאַכט. איבער דער הייסער לופֿט הענגט אַ גראַקייט. מילער הייבט די פֿאָן אַלץ העכער און העכער. דער איינציקער וואָס גייט מיט אַן אויפֿגעהייבענעם קאָפּ און וועמענס קאָל ס'קלינגט פֿריש און מונטער.

דער אוילעם שפּאַנט צונויפֿגעדריקט און שווער. פּלוצלינג רײַסט אויך אַ „וויוואַ"! און מישט זיך אויס מיט די הילכיקע פֿרייד־געשרייען. די מאַסע גיט זיך אַ וואַקל, ווערט אויפֿגעבלאָזן און שיטערער. מילער בלײַבט שטיין, דרייט עטוואָס אויס דעם קאָפּ און הייבט אָן זינגען נאָך הילכיקער. זײַנע אויגן זוכן אַנטאָניאָן און דאָס מויל זינגט אַלץ שטאַרקער און מוטיקער און די פֿאָן אַלץ העכער און העכער.

ס'דערהערן זיך שטימען: „כאַוויירים! שכיינים! באַהערשט אײַך"! און מישן זיך אויס מיט די פֿײַפֿערייען און געלעכטער. פּלוצלינג פֿאַרשלאָגט די לופֿט אַ ווײַן־גערוך. דער אוילעם ציט מיט די נאָזלעכער און דאָס ווײַן־גערוך ווערט אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער. אונטער די פֿיס הייבט אָן ווערן פֿײַכט. פֿליסט עס ווײַן? און דאָ הייבן גאָר אָן אין דער לופֿטן צו פֿליִען בלעכענע פּושקעס קאָנסערוון, בוימל, ביסקוויטן; אַ פֿעסל זעצט אַרויס אין גאַס און פּלאַצט. ס'פּלאַצן שויבן און אין גאַס אַרויס פֿליִען פֿלעשער, שטיקער מעש, אַ הילצערנע קאַסע.

בייזע ברומערײַ מיט יובל מישן זיך אויס און פֿילן אָן די לופֿט.
דאָס האָט מען צורעכט געמאַכט דעם בלינדנס אַלמאַסען.

אַנטאָניאָ און כואַן לויפֿן אַרום דער מאַסע, ווי פֿאַרסאַמטע. קוים־קוים צוריק אײַנגעשטילט די אָרדענונג.

די מאַסע ציט פֿאָרויס. פֿאָרויס מיט מילערן.

איצט שפּאַנט די מאַסע מיט לײַכטן טראָט. שוין אַביסל צו אײַליק. די קעפּ פֿאַרדריסן, עס רײַסן אויף די לופֿט פֿאַרשיידענע אויסרופֿן. ס'ענטפֿערט אָפּ אַ קוויטשערײַ מיט אַ פֿײַפֿערײַ.

די רויטע פאָן קערט אָפּ אַף אַ זײַט. דאָס האָט די ערשטע רײ פאַר־קערעוועט צו דער פּלאָסע צו. דער אוילעם ווערט אָפּהענטיקער. אָט נאָך אַביסל און מען וועט שוין שטיין פאַרן רעגירונגס־הויז. ס'באַפאַלט אַ זאָרג און אַן איימע. און ווי איז אַז די רעגירונג וועט אָפּזאָגן? און ווי איז אַז אויך הונדערטער מענטשן וועט זי אַוועקטרײַבן?

די מעסערס און אײַזנס אין די בוזימס שטערן.

און אָט שלענגלט זיך די מאַסע אַרום דער פּלאָסע. די רויטע פאָן האָט שוין פאַרקערעוועט. אין רעגירונגס־טויער ווײַזן זיך רײַטער־פּאָלי־ציי. די אוילעם קוקט אָנגעשטרענגט צו דער רויטער פאָן. די רויטע פאָן ציט פאָרויס.

— ברויט!!

— אַ דאָך איבערן קאָפּ!!

— האָלט וואָרט!

די רויטע פאָן האָט זיך אָפּגעשטעלט. פון קאָפּ צו קאָפּ און איבער די קעפּ טראָגט זיך אַדורך, ווי אַ ווילדער ווינט: „צעגייט זיך" און רײַסט אויף מיט אַ שאַרפן פײַף: „אַנטלויפט!..." דער אוילעם הייבט זיך אַף די שפּיץ פינגער. די רײַטער־פּאָליציי האָבן זיך אַרויסגעיאָגט אין אַ לאַנגער ריי און האָט אַרומגערינגלט די דעמאָנסטראַציע פון דרײַ זײַטן.

די מאַסע האָט זיך אַ וואַקל געטאָן: ציִען אַף צוריק?

און ווידעראַמאָל, נאָך שאַרפער און נאָך העכער ווי פריִער —

— האָלט וואָרט!!

— אַ דאָך איבערן קאָפּ!!

— ברויט!!

און די גאַנצע מאַסע רײַסט אויף:

—פּאַר־ויס ! ! !

ווי אַ שווערן דיקן שטיין שיקט די מאַסע איר אויפברויז פּאַרויס און באַקומט צוריק אַ שאַרפן, שנײַדנדיקן „צעלויפט! . . .״

די רויטע פאָן האָט עטלעכע מאָל אַ פלאַטער געטאָן אין דער ברייט און אַ צי געטאָן פאַרויס. די מאַסע האָט אויסגעברומט אַ ווילדן „אר־או!״ און געשטעלט אַ טראַט.

ווידער זיך אָפּגעשטעלט. איז וואָס־זשע שטייט מען אַזוי! אַ מאַ־טשעטע האָט אַ פאָכע געטאָן אין דער לופט. נאָך איר — אַ מעסער. אַ שטיין האָט איבערגעשניטן איבער קעפּ.

— בעוו־רע־ע!

די מאַסע גיט זיך אַ בייג צו דער ערד. איבער די קעפּ יאָגט אַדורך דאָס וואָיען פון געקרייצטע בײַטשן. פּלוצלינג האָט מען אָנגעהויבן צו לויפן אויף אַלע זײַטן מיט אַ יאָמערדיקן געשריי. די פּאָליציי האָט זיך אין גאַלאָפּ געלאָזט לויפן נאָך דער מאַסע . . .

די פּלאַסע איז אָפּגעליידיקט געוואָרן. אָפּגעליידיקט געוואָרן די גאַסן. בלויז דרײַ פלעקן זײַנען פאַרבליבן. באַ אַ בוים איז געלעגן ענ־קאַרנאַסיאָן און האָט זיך געקאַרטשעט פאַר ווייטיק; אויף אַ ווינקל גאַס איז געלעגן אַניטאַ ווי אַן איבערגעפאָרן הינטל מיט אַ צעבראָכן שאַרבן און אויסגעקוועטשטע געדערים. און נעבן רעגירונגס־הויז, אָנגעשפּאַרט אויף אַ זײַט, האָט זיך מילער געשטאַרקט צו באַהאַלטן די רויטע פאָן.

דרײַ פלעקן.

צוויי וויכילאָנטן האָבן זיך דערנענטערט צו מילערן און האָבן אים אַרײַנגעשלעפּט אין רעגירונגס־הויז.

א. מאַרגאָלין

די טעראָפּליען־אַרבעט איז אָפּגעלייגט געוואָרן אַף אַ אומבאַ־שטימטער צײַט.

מילער ווערט ווי אַ הונט אַף אַ קייט, געפירט פון טורמע אין רע־גירונגס־הויז און פון רעגירונגס־הויז אין טורמע. בלוטדורשטיקע פּענע־מער זויגן זיך אין אים אַרײַן און נאָגן, מאַטערן מיט שטענדיק די זעלבע נאַרישע און נוצלאָזע פראַגעס מיט אַ סאַדיסטישן פאַרגעניגן — טראָפּנ־ווײַז, ביסלעכווײַז, צו צוויי, דרײַ מאָל אַ טאָג.

אַ בעקער שאַרט זיך צו צו מילערן רוימט אים אַרײַן:

— איר וואָלט די שטאָט ניט דערקענט. אַ מעהומע, אַלע בורטשען, אַלע זײַנען ניט צופרידן. איינער געטרויט ניט דעם צווייטן. גלײַך נאָך יענער דעמאָנסטראַציע האָבן פאַרשטרײַקט די מויערערס, נאָכדעם די שלאָסערס, נאָכדעם מיר. איצטער...

מילער לעבט אויף: אָט וויאַזוי! איז דער טעראפּליען ניט געגאַנגען לעאיבעד!

ווערן מילערן ליב די איגוים און די טורמע איז אים שוין ניט שווער, ניין, פאַרקערט — די טורמע איז גאָר מילערן איצט נייטיק. ער שפּירט אַ צופלוס פון קויכעס. דאָ דאַרף מען מאַכן אַ כעשבן האַנעפעש, דאָ דאַרף מען זיך צוגרייטן ווי זיכערער און פעסטער דערלאַנגען דעם צווייטן קלאַפּ.

מילער שטיקט זיך אַזש פאַר פרייד. עס ווערט אים הייס און ענג, ער פאַרגעסט וווּ ער געפינט זיך און רופט אויס:

— זאָל לעבן דער טעראָפּליען!

כמאַרעס

ביבליאטעק אין אנדענק די
קדושים פון לודמיר
זון אומגעגנט
ביים לודמירער
ל.ל. פארין אין בועגאס איירעס

כמאַרעם

דאָס שטעטל האָט דורכגעמאַכט · אַ מינוט טויטשרעק. איצטער ווען דער קאָמיסאַר פּיסעדאַ גייט שוין געלאַסן מיטן אַרויסגעשטעקטן בויך און מיט דער נאַגײַקע אין האַנט און בעט זיך פונאַנדערצוגיין, איצטער שאַצט דאָס אָפּ דאָס שטעטל, אַז די שרעק איז געווען איבערגעטריבן און דערלויבט זיך שוין דאָ און דאָרט אַ לאַך צו טאָן.

די געשיכטע איז אַזאַ:

שוין פון אַ צײַט לאַנג, אַז אין שטעטל פּלאָנטערן זיך און פּאַרפּלאָנטערן אַלץ מער פאַנטאַסטישע קלאַנגען און דער אוילעם שטעלט צו זיי צו אַן אויער.

דערווײַל האָט אַנגעיאָגט דער שניט פון מאַיס. אַ ווײַלע איז אין שטעטל געוואָרן לעבעדיקער. פון באַגינען ביז אַ שטיק נאָך זון־פאַרגאַנג האָבן זיך איבער די וועגן געצויגן שווערע וועגענער אָנגעלאָדענע מיט הויכע בערג זעק. וועגענערע געשפּאַנט מיט אַ זעקס־אַכט פערד און שווערע לאַסט־אויטאָמאָבילן. די וועגענער אַהינצו האָבן זיך אַ ווײַלע אָפּגעשטעלט באַ די באָליטשעס, מען האָט אַף דער גיך אַראָפּגעשלונגען אַ צוויי־דרײַ לעכאַימס און מען איז ווײַטער געפאָרן. צוריקוועגס האָבן זיי זיך שוין אַף לענגער אָפּגעשטעלט. מען האָט באַשטעלט ביפעס „אַף קאַוואַזשאַ“

און דערוויַיל געטרונקען אַ ווערמוט, אָנפילנדיק די באַליטשעס מיט טומל און רויך.

ס'פלעגן דערביַי אויך ניט פעלן די טראַדיציאָנעלע גאַוטשאָ, וועלכע פלעגן, ריַיטנדיק פון ערגעצוווּ, אָנקומען. זיי פלעגן האַסטיק אַראָפּשפּרינגען פון זייערע פערד און קלינגענדיק מיט די שפּאָרן, מיט שטיַיפע טריט צוגיין צום פאַרקויף־טיש. אַרומגענומען מיט לעדער און באַהאנגען מיט אַן אַ צאָל זילבערנע מאַטבייעס, מיט אַ לאַנגן מעסער באַ דער זיַיט אַריַינגעשטעלט אין א זילבערנער שייד, פלעגן זיי שוויַיגנדיק אַריַינגיסן איין לעכאַים נאָכן צווייטן און פלעגן זיך גרויסמוטיק לאָזן באַטראַכטן פון דעם האַלב־פאַרשיקערטן און האַלב־מידן עולם. נאָכדעם פלעגן זיי אַרויסוואַרפן דעם באַטרעף אַפן נאַסן בלעך פון פאַרקויף־טיש, פלעגן מיט די זעלבע שטיַיפע טריט, קלינגענדיק מיט די שפּאָרן, אַרויס אינדרויסן און מיט איין שפּרונג אַף די פערד און — הײַדאַ!

די פּעאָנעס, וואָס האָבן געלעבט אין שטעטל, האָבן אויך אויפגעלעבט. ביז דאָ ניט לאַנג זיַינען זיי געווען די שוואַרצע מאַסע, וועלכע האָט געשטערט דער שטעטלס רו. מיט זייערע פינצטערע פּענימער, מיט זייער ניט זיכערן טראָט און בעטלדיקע אויגן; מיט זייער אָפט אַריַינגיין אומגעבעטענערהייט אין געוועלב־טירן, זייער שטיין דאָרטן מינוטןלאַנג אין שווערן שוויַיגן און זייער אַרויסשאַרן זיך פון דאָרט מיט קעציִשע טריט זיַינען זיי געפאַלן אַפן שטעטל מיט שווערער לאַסט. ווער דאַרף זיי! נאָכוואָס קומען זיי! וועלכע געדאַנקען טראָגן זיי אין זייער שווערן שוויַיגן?!

אין זייער שווערן אומעט האָבן זיי אַלע פאַרן שטעטל געהאַט איין פּאָנעם — די פינצטערע אָרעמקייט פון די הינטערשטאָט־ראַנטשעס. דאָרט, אין זייערע ליימיקע פינצטערע און בלאָטיקע שטיבלעך, זיַינען זיי אויסגעזעסן דעם האַרבסט און ווינטער. קיינער האָט ניט געוואָלט וויסן פון זיי. קיינער האָט זיך מיט זיי ניט אינטערעסירט. בלויז אַ לעוואַיע פלעגט דאָס אָנגעטראָפענע שטיבל אַרויסלויכטן פון די איבעריקע.

דעמאָלט פּלעגט דאָס שטיבל באַקומען אַ נאָמען און אַפּט פּלעגט מען אויך זיך דערמאָנען וויפל נעפּאַשעס האָט דאָס שטיבל פאַרמאָגט. איצ־טער אָבער, באַם שניט פון מאַיס, האָבן זיך די כווישעכדיקע שטיבלעך צעעפנט און קרעמער מיט צעלייגטע סכוירעס שמייכלען צו די אויסגע־דאַרטע און אײַנגעבויגענע פּרויען: „קומט, קומט אַרײַן, קוקט אָן... פּאַרן אָנקוקן וועלן מיר בײַ אײַך קיין געלט ניט נעמען...״ די מענער זייערע האָבן באַקומען פּלוצלינג נעמען: „טשע כימענעז, וואָס מאַכסטו? שוין לאַנג דיך ניט געזען... ניט הי געווען?״ אָדער: „מאַרטינעז! גע־הערט עפּעס... איז דאָס דײַן ווײַב געווען שלאָף?״

און די פּעאָנעס אַליין, דערשפּירנדיק זייער צײַט, לעבן אויף. דאָס איז דאָך די איינציקע צײַט פון יאָר, וואָס שפּײַזט — מוז מען געבן אַ גלײַך אויס די פּלייצעס, מוז מען אַ צי אָן געבן די מוסקולן פון די הענט. הינטערשטעליק בלײַבן, הייסט פאַלן. און נאָך ערגער, באַקומען אַ שלעכטן שעם. אָן אַרבעטער מיט אַ שוואַכן שעם מעג זיך אַ גרוב אויסגראָבן. יאָגט מען איינער איבער דעם צווייטן. פּלײַסט איינער אי־בער דעם צווייטן שנעלער און פלינקער כאַפּן דעם זאַק אַף די פּלייצעס. יאָגט איינער איבער דעם צווייטן אַ גרעסערע צאָל זעק איבערטראָגן, פלינקער און בעסער זיי אויסלייגן.

ס׳טליִעט אין האַרצן אַ פאַרדראָס און סינע צום שטעטל פאַר „יע־גע״ טעג. ס׳וואָלט זיך געוואָלט פונעם שטעטל נעמען נעקאָמע. אָבער דער שווייס רינט טײַכנווײַז, דער האַלדז איז אויסגעטריקנט און די פּליי־צע און די פיס — ברעכן. ס׳ווילט זיך צופאַלן צו אַ בענקל בײַ אַ טיש, אָפּרוען. און אָט איז שוין דער באַליטשעראָ מיט זײַן הינטישן שמייכל... ע״עך — דער שטאָטישער פּעאָן האָט איצטער ניט קיין קויעך און ניט קיין צײַט פאַר נעקאָמע.

די שפּײַכלערס זײַנען פול. באַנען נאָך באַנען קומען אָן, גייען אַוועק.

דאַכט זיך גוט? נאַר — ניין! דער מאַיס האָט ניט קיין פּרײַז.

און דאָ ווײַזט זיך אַרויס, אַז דער גאַנצער טומל איז דאָס יאָר געַ־ווען אַ געבלאָפטער. באַליטשעראָס ווײַזן מיט פּאַרדראָס אָף די פּולע פּאַליצעס מיט פלעשער און מאַכן דעם פאַרגלײַך מיט פאַראַיאָרן, פאַר־קרימענדיק דערבײַ מיטן פּאָנעם: „ניט אַפילע אַ העלפט״... שניט־קרעמער זיפצן: „די גאַנצע סכוירע, קימאַט, איבערגעבליבן...״

אַלץ מער צעטראָגט זיך איבערן שטעטל, אַז כואַן באָסקאָ וועט דאָס יאָר שלעכט אָפשנײַדן.

די אַלע קלאַנגען קומען פון דרויסן. וואָרעם אינעווייניק איז אַלץ ווי געווען. דאָס געוועלב איז אָנגעפּולט מיט אַלדאָס גוטס. שפּײַז־אַר־טיקלען, פערד־מאַכשירים, שניט, אײַזנוואַרג, טעפּ אַלקאָהאַלישע גע־טראַנקען, אויטאָמאָביל־צודאַטן, פּאַרפומען, געבעקס, מעבל — אַלץ איז אָנגעפּולט, איבערגעפּולט, אָף ווענט, אַפן דאַך, אָף פּאַליצעס, אָף דער ערד — מיט אַ זײַט זיך דורכצושפּאַרן, אין דער גאַנצער לענג, אַ קוואַד־רע אַ גאַנצע, פון איין עק ביז דעם צווייטן. כוץ די שפּײַכלערס, די גאַל־פּאָנעס, די הויפן — אַקער־שנײַדער און דרעש־מאַשינעס. אומעטום לעבט. צענדליקער אָנגעשטעלטע לויפן פון איין עק צום צווייטן צו באַדינען די קוינים. זיי לויפן, זיי פּלאָנטערן זיך פאַר די פיס, קריכן אָף לייטערס, טראָגן פּעק. אין געוועלב איז אַן אייביקער טומל. פון דרויסן שטייען, צום אײַזערנעם פּאַרענטש וואָס אַרום געוועלב צוגעבונדן פערד, וואָס וואַרטן אָף זייערע באַלעבאַטים. סולקעס, וועגענער און אויטאָמאָבילן. איבערן דורכגאַנג, וואָס פירט אין הויף אַרײַן, ציט זיך די צווייטע אָפּ־טיילונג, די ביוראָ. דאָרטן זעט שוין אויס ווי אין אַ באַנק. צוויי אָנגע־שטעלטע באַ אַ טיש, פול מיט פאַרשרײַב־ביכער און פּאַפּירן — שרײַבן, מעקן און קלאַפּן אָף שרײַבמאַשינקעס. פון דער זײַט, באַ אַ ברייטן אָמעד, איבער אַ דיקן פאַרשרײַב־בוך, שטייט דער בוכהאַלטער אַליין מיט אַ געקנייטשטן שטערן. באַ דער צעעפנטער אײַזערנער קאַסע, מיטן קאָפּ און מיט ביידע הענט אין איר אַרײַנגעטאָן, שטייט כואַן באָסקאָ אַליין.

ווי שטענדיק און ווי אַלעמאָל. פון דער ביוראָ ציט זיך כואַן באָס־

קאָס וווינונג — אַ סאַמעטענע, אַ פּליושענע, אַ מאַכאַגיאָווע, אַ באַהאַנ־גענע מיט איילבילדער אין גאָלדענע ראַמען. דורך די געהאַפּטענע פּאַר־האַנגען רײַסן זיך אַרויס שטורעמדיקע און פאַלשע פּיאַנאָ־קלאַנגען פון טאַנגאָס. דאָס כאַלעמט אירענע, כואַן באַסקאָס ווײַב.

אָבער אין שטעטל שמועסט מען אַז כואַן באַסקאָ וועט דאָס יאָר שלעכט אָפּשנײַדן. און דער שמועס נעמט זיך דערפון, וואָס לויט אַלע סימאָנים וועלן די קאָלאָניסטן אויך דאָס יאָר זייערע כויוועס ניט קענען צאָלן.

וואָלט דאָך געווען ניט שרעקלעך. צוויי יאָר געוואַרט, וועט כואַן באַסקאָ נאָך אַ דריטס וואַרטן. דער רועך וועט אים ניט נעמען — גע־נוג אָנגעשטאָפּט איז ער. ער קאָן אויך אויסהאַלטן אַ פערט יאָר און אַ פינפטס. און מערער אויך. די קרעמער פון שטעטל קוקן אַף אים מיט קינע און ייִראַס־האַקאָווער — אָט האָט זיך עס אַ מענטש אין אַ קורצער צײַט אַרויפגעאַרבעט. געקומען — אַ גאַרניט און האָט זיך עס צע־שפּרייט, דעם גאַנצן געגנט קאָלאָניסטן צו זיך אַרײַנגענומען. האָט זיי פאַרשולדיקט און פאַרמאַשקנט, מיט טויזנט שטריק געבונדן. איצטער איז כואַן באַסקאָ דער מיליאָנער, דער גוטער טאַטע, וואָס באַרגט און רײַסט אַראָפּ דעם קאָפּ און זיי, די קרעמער, וואָס זײַנען זיי? פליגן, וואָס שפּײַזן זיך מיט ברעקלעך, צופעליק פאַרבליבענע אָפּן טיש. — „שמייכל צום לײַזיקן פּעאָן אָדער צו דער אָפּגעריסענער ווײַב זײַנער — וואָס איז? עפּשער אַ פּאָר סענט לייזן... איין מאָל אין אַ שמיטע, וואָס אַ קאָלאָניסט פאַרבלאָנדזשעט...״

וואָלט נאָך געווען ניט שרעקלעך ווען ניט דאָס, וואָס אין שטעטל האָט מען שטאַרק אָנגעהויבן ריידן, אַז די קאָלאָניסטן בונטעווען זיך; זיי קענען ניט נאָכקומען דעם הויכן אַרענדע־אָפּצאָל.

און דאָס האָט שוין געשמעקט מיט עפּעס אַזוינס, וואָס מ׳שרײַבט אין די בלעטער וועגן אַנדערע לענדער — וועגן שפּאַניע אַ שטייגער, אָדער וועגן דײַטשלאַנד — רעוואָלוציע.

האָט דאָס שטעטל אָנגעהויבן ציטערן און צושטעלן אַן אויער. קוידעמקאָל האָט מען געמוזט געוווי וויסן, וואָס באַ כּוהן באָסקאָן טוט זיך. כּוהן באָסקאָ איז דער ערשטער. ער שטייט אין פאַרבינדונג מיט דער הויפטשטאָט און ווייס אַלע נײַסן. כּוץ דעם איז ער אויסגעפלאָכטן און אויסגעבונדן מיט די קאָלאָניסטן. עס ווייס יעדער קער זייערן ניט נאָר פון הײַנט, נאָר אויך אַף מאָרגן. דעריבער האָבן אַלע נײַסן, וועלכע האָבן זיך געטראָגן אין שטעטל, געטראָגן דעם שטעמפּל פון כּוהן באָסקאָ.

— מ׳דערציילט, אַז באַ כּוהן באָסקאָן האָט מען געהערט . . .

און דערציילט האָט מען שרעקלעכע זאַכן. אַז דאָ און דאָרט, ווו קאָלאָניסטן זײַנען ניט נאָכגעקומען מיטן אַרענדע־אָפּצאָל, האָט מען זיי אַרויסגעטראָסקעט בעקאָוועד גאָדל — מיט די בעבעכעס, מיט ווײַב און קינדער, אָפּן ברייטן שליאַך אַרויס. דערציילט האָט מען, אַז ערגעצוו האָט זיך אַ קאָלאָניסט, פאַר גרויס אַגמעסנעפעש, גענומען דאָס לעבן. אַז דורכפאָרער האָבן באַ כּוהן באָסקאָן דערציילט, אַז ערגעץ דאָרט, פאָרנדיק מיט דער באַן, האָבן זיי געזען גאַנצע קאַראַוואַנען פון פויערים־מישפּאָכעס מיט צעבראָכענע וועגענער און אויסגעהונגערטע פערד ליגן צעשפרייט אַף די וועגן. אַז אַנדערע דורכפאָרער האָבן באַ כּוהן באָסקאָן דערציילט, אַז באַ די וואָקזאַלן באַלאַגערן פרויען און קינדער די וואַגאָנעס מיט אויסגעשטרעקטע הענט, — אַ נעדאָווע בעטן.

און פלוצלינג דערוויסט זיך שטעטל, אַז — כּוהן באָסקאָ האָט אויפגעהערט צו באַרגן.

אַז כּוהן באָסקאָ, דער, וועלכער האָט פון באָרגן געמאַכט זײַן מאַיאָנטעק, אַז ער האָט שוין אויפגעהערט צו באָרגן — איז געווען דער עמעסדיקער סימען. שטעטל האָט אַ שוידער געטאָן און אײַנגעשרומפּט. באַ אַזעלכע צײַטן דאַרף מען גוט האַלטן דאָס אויג אָפּן סענט. שטעטל האָט אויפגעהערט צאָלן, פּאָשעט — ס׳איז ניטאָ קיין געלט.

און באַ כּוֹאַן באָסקאָס געוועלב האָבן זיך טאָג איַין טאָג אויס גע־זאַמלט הרודעס גאַנצע מיט קאַלאָניסטן, מיט פאַרזאָרגטע פענעמער. זיי האָבן צווישן זיך געטיַינעט, זיך געסוידעט, אַריַין פאַרנוויַיז אין גע־וועלב, האָבן גערעדט מיט כּוֹאַן באָסקאָן און מיט די זעלבע פאַרזאָרגטע פענעמער זיַינען זיי אַרויס און האָבן ווידער געטיַינעט און זיך געסוידעט.

אַזוי טאָג איַין טאָג אויס. אָט גלײַך ווי דאָס זאַמלען זיך אַרום כּוֹאַן באָסקאָס געוועלב וואָלט געווען זייער איינציקע פאַרנאָסע. און וואָס אַ טאָג מער זיַינער זייערע פענעמער געוואָרן האַרטער, פאַרשפּיצ־טער. איצטער האָבן זיי שוין ווייניק גערעדט. זיי פלעגן זיך צונויפזאַמ־לען און שוויַיגן. בלויז אַן אָפּגעזונדערט פאָרל, וויַיט פון געוועלב, פלעגט זיך דערלויבן — „קענטיק ער האָט שוין גענוג... אויס גוטער געוואָרן".

און דערוויַיל האָט דער ווייץ געצײַטיקט. מיט יעדן טאָג זיך אַלץ מער אויסגעגרינט. טעג זיַינען געשטאַנען הייסע, טרוקענע און דער שניט איז שוין געלעגן אָפן נאָז. אָבער מיט וואָס וועט מען שניַידן, אַז כּוֹאַן באָסקאָ וויל ניט אַרויסהעלפן?

אַז טווע האָט ניט און וועט האָיאַר ניט האָבן קיין פּריַיז, האָבן אין שטעטל געוווּסט קינד און קייט. סיבעס? אָבער, וואָס איז דער אונ־טערשייד וועלכע, אַז דער ניטגוטער האָט זיך צעשפּילט און צײַט לויפט אין טהאָם אַריַין? איז זאָלן צעהיצטע פערד דורך וויכער טראָגן אין הימל אַריַין צעפלאַקערטע און צעפלאַמטע נאַקעטע פאַנטאַזיעס, ליגנס, נאַרעשקייטן — אַז צײַט לויפט סיַיווי אין טהאָם אַריַין!

טראַכט דאָס שטעטל יעדן טאָג נײַע סיבעס אויס, רעדט, דערציילט און הערט זיך צו און גלייבט, גלייבט אין אַלץ.

און קאַלאָניסטן קומען שוין צו כּוֹאַן באָסקאָס געוועלב אַלץ ווײַ־ניקער און ווייניקער. קענטיק, זיך מעיאַשעוו געווען, קענטיק, אוועק זוכן אַנדערע קוועלן.

אינדעם האָט אין שטעטל אַ רודער געטאָן — פּאָליאַקן זײַנען געקומען.

און אין דעם אָנזאָג וואָס איז אַלע יאָרן אַ פרייד פאַרן שטעטל האָט דאָסמאָל דאָס שטעטל דערפילט עפּעס ווי אַ נײַע קלאָלע. צו וואָס זײַנען זיי געקומען, אַז דאָס שטעטל פאַלט האָפענונגסלאָז סײַוויסײַ? אַז די קאָלאָניסטישע אַזוי אויך פאַרצאָרנטע און פאַרשפּיצטע פּענעמער זײַנען ווי אויסגעטריקנט געוואָרן און פאַרטראָגן געוואָרן צוזאַמען מיטן ראָזן שטויב? וואָס וועלן זיי דאָ טאָן און ווען וועלן זיי אַרויסהעלפן מיט זייערע פאַרשמאָלצענע סענטן?

אין אָנהייב אָוונט קלײַבט מען זיך צוזאַמען בײַ ראָדריגעזעס פּאָנ־דע, מען שלעפּט אַלע בענקלעך אַרויס אין דרויסן און מען דערציילט זיך נײַס פון דעם נײַעם געשפּענסט. איז געקומען אַ נײַע סיבע צום קרי־זיס — דער אויסלענדער. דער אויסלענדער איז דאָס דער, וואָס שלעפּט אַרויס פונעם שטעטל די פאָר סענט און לאָזט זיי דאָ ניט איבער. און מען דערציילט זיך און מען דערמאָנט זיך און מען כאָזערט זיך צום ווייפלסטן מאָל איבער יענע גוטע צײַטן ווען מען פלעגט סטאָקן גאַנצע פאַרלעגערטע סכוירע אָפּלייזן פאַר גוט געלט. ניט דאָס, וואָס הײַנטי־קע צײַטן.

און איבער וועגן האָבן זיך געטראָגן גראָע מאָכנעס מיט אײַנגעדאָר־טע זעקלעך אַף די פּלייצעס. צעשאָטענע אין גרופּקעס און איינציקווײַז, מיט אײַנגעבויגענע קעפּ און שלעפּנדיקן טראָט. זיי זײַנען געגאַנגען אַלץ פאָרויס און פאָרויס. זיי האָבן פאַרפּולט די וועגן און די באַן־שינעס. אָפּט האָבן זיי זיך צעלייגט אונטער דעם שאָטן פוןביימער. דעמאָלט פלעגן זיי אַראָפּוואַרפן די זעקלעך, אָפּווישן דעם קויטיקן שווייס, וואָס איז גערונען איבער זייערע פאַרוואַקסענע פּענעמער, און מיד זיך אויס־געצויגן איבער דער ערד. אַנדערע זײַנען קרעפּטיקע געווען, פלעגן זיי נאָך אויסטאָן זייערע דורכגעווייקטע רעקלעך און זיי אויפהענגען קעגן דער זון צו טריקענען. אָפּגעלעגן אַ שאָ, צוויי אין יִעשדיקן שווײַגן, האָט מען זיך שטום אויפגעהויבן און ווידער געשפּאַנט אַלץ פאָרויס, פאָרויס.

אַן אנדער מאָל, ווען אַ פראַכט־באַן איז דורכגעגאנגען מיט לאַנג־זאמען גאנג, האָבן זיך שטיקער גראָקעטן אָפּגעריסן און באַפאַלן די אָפענע לײדיקע וואַגאָנעס, זײ האָבן זיך געטשעפּעט אָף טרעפּ, קײטן, פּלאַטפאָרמעס. די איבעריקע האָבן ניט פאַרמינערט זײער טראָט, זײ האָבן זיך ניט אומגעקוקט, בלויז דאָ און דאָרט פלעגט זײ אײנער באַגלײטן מיט אַ ייִעשדיקן קוק.

באַ די וואָקזאַלן פלעגט מען זיך אָנטרעפן מיט גרופּעס פריִער גע־קומענע. פרעגן איז ניט געווען וואָס — אַז מ׳ליגט באַ די וואָקזאַלן, איז אַ סימען אז ס׳איז ניטאָ קײן אַרבעט. פלעגט מען זיך ערגעץ אין אַ גראָז אָפּזוכן אַ געלעגער און בלײַבן די נאַכט איבערנעכטיקן.

אין שטעטל זײַנען אַרײַן דרײַ פוסגײער, פאַרשטויבטע, מיט דורכגעשווײסטע בגאָדים און פאַרוואַקסענע פּענעמער. זײ האָבן זיך גע־האַלטן אַלע צוזאַמען, פאַר יעדן דורכגײער, פורל אָדער אויטאָ, האָבן זײ זיך אָפּגעשטעלט גרײט זײַענדיק זיך צו באַגריסן. זײ האָבן אַרײַנגע־קוקט אין די צעעפנטע געוועלב־טירן, אַלע ווײַלע זיך אָפּגעשטעלט און אומבאַהאָלפן זיך אַרומגעקוקט. לעסאָף האָבן זײ זיך צוגעשפּאַרט צו אַ שאָטנדיקער וואַנט און זײַנען אַזוי געבליבן שטײן. אין אַ היפּשער ווײַלע אַרום האָבן זײ זיך אומאַנטשלאָסן אויסגעגליכן און פונקט אַזוי אומ־באַהאָלפן ווי זײ זײַנען געקומען זײַנען זײ אַוועק.

דער ווײץ איז שוין געווען אָט־אָט צום שנײַדן.

אין שטעטל, האָט מען זיך דערצײלט, אַז מער ווי צו דרײַ פּעזעס דעם טאָג וועט מען האַיאָר ניט צאָלן.

פאָרויסן שטעטל, אינעם גראָז האָט מען דערפון ניט געוווּסט. מען איז געלעגן אין גראָז אין זיך צוגעהערט צום יאָמער פון די אײגענע גע־דערים און אויסגעקוקט די באַלעבאַטים, וואָס וועלן קומען נאָך אַר־בעטס־הענט, באַלעבאַטים זײַנען ניט געקומען.

אַלץ אָפטער און אָפטער זײַנען אַרבעטער אַרײַן אין שטעטל. אײ־

ניקע פון זיי זײַנען אַרײַן אין אַלמאַסטען קויפן אַ ברייטל מיט אַ שטיקל ווורשט און האָבן זיך דערוויסט צוגעהערט צו די שמועסן, וועלנדיק דערגיין פאַרוואָס מ׳קומט ניט נאָך אַרבעטס־הענט. דאָס זײַנען געווען די, וועלכע האָבן שוין די שפּראַך פאַרשטאַנען. פונעם שטעטל האָבן זיי זיך עס דערוווסט, אַז דאָס יאָר וועט מען שנײַדן די פּרײַזן. זײַנען זיי אַוועק אין גראָז און איבערגעגעבן.

די גראָע מאַכנע האָט זיך אַ באַוועג געטאָן: וואָס הייסט? פון זון־אויפגאַנג ביז זון־פאַרגאַנג פאַר בלויז דרײַ פּעזעס? און דאָס בלויז סעזאָן־אַרבעט? און נאָכן שניט וואָס — פון הונגער שטאַרבן? אָט ליגן זיי דאָ, מיט אײַנגעפאַלענע קישקעס, די בעשאַמע וואָס זי האַלט זיך אַף אַ האָר, און זיי וואַרטן אַף אַרבעט און יענע שפּעקולירן גאָר — דרײַ פּעזעס וועלן זיי צאָלן...

און אויגן צעציגדן זיך: גליקן געפּאָרן זוכן!... צעבינדן זיך ציג־גער און רעדט זיך איינער פאַר דעם אַנדערן אויס. באַ זיך אין לאַנד, בין איך דאָך געווען צווישן אייגענע, מיט מײַן אייגענער שפּראַך. הינ־טיש בלוט! באַ מיר אין לאַנד האָב איך דאָך געקענט זאָגן אַ וואָרט און דאָ, וואָס?

כאַפּן אַנדערע אונטער און דערציילן מײַסעס פון אַוולעס, וואָס מען האָט אָפּגעטאָן באַ זיי אין די דערפער און פונדעסטוועגן, אַז דאָס דאַרף האָט זיך געגעבן אַ שטעל אַנידער... אַ־האַ! געווען פאַלן ווען פאַ־ליציי איז איבערגעגאַנגען אַף זייער זײַט.

געפינט זיך אויך עמעצער, וועלכער איז אין סאָוועטן־לאַנד שוין געווען, און טראָגט אַרויס דעם סאַכאַקל, אַז אַזוי לאַנג ס׳וועט ניט זײַן קיין סאָוועטן אַף דער גאַנצער וועלט, וועט אַלץ זײַן אין דר׳ערד.... סאָוועטן מוזן מיר האָבן.

אָבער ווייניק זײַנען דאָ, וועלכע זײַנען מיט אָט דעם סאָוועט־מאַן מאַסקים. ערשטנס, האָבן זיי געהערט, אַז באַ די סאָוועטן איז ניטאָ קיין

פרײַהייט; צווייטנס, האָבן זיי געהערט, אַז דאָרטן הונגערט מען און דריטנס, אַז טאָמער האָט עמעצער עפּעס מער ווי די רעגירונג האָט פאַר אים באַשטימט, נעמט מען דאָס בײַ אים צו און מען קויפט דערפאַר אײַן גאָרדאַמעריקע מאַשינעס.

לאַכט זיך דער סאָוועט־מאַן פונאַנדער גאָר גאָרניט ווי אין הונ־גער־טעג. „אָט נאַראָנים, וואָס איר זײַט! ווער האָט אײַך אָט די אַלע מײַסעס דערציילט? די בורזשואַזע פּרעסע? נו, איז ווי אַנדערש האָבן זיי אײַך געזאָלט דערציילן? די סאָוועטן־מאַכט איז דאָך זייער סוינע!”

און ער איז ניט פויל און הייבט אָן זיי באַאַריכעס צו דערציילן און צו דערווײַזן, אַז פרײַהייט זוכט דער פאַרשקלאַפטער, דער אַרבע־טער זוכט פרײַהייט בײַ דער בורזשואַזיע און בײַ דער סאָוועטישער רע־גירונג ווער ס׳זוכט פאַרײַהייט, איז — די בורזשואַזיע, נאָר — אַ מאַקע! אָט וואָס מיר וועלן איר געבן!

און ער גיט אַ טרייסל מיט דער פויסט אין דער לופט.

נאָכדעם דערציילט ער, אַז ס׳איז מעגלעך, אַז בײַ די סאָוועטן הונ־גערן, „ווייסט איר אָבער ווער? אָט־אָ־די, וועלכע האָבן פריִער געגעסן פרישע בולקעלעך מיט פוטער, געפרעגלטע גענדז און האָבן אויסגעפּאַ־שעט אָט אַזעלכע בײַכער...”

ער בלאָזט אָן און שטופּט אַרויס דעם אייגענעם בויך פון וואָס דער אוילעם לאַכט זיך פונאַנדער.

ס׳ווערט היימישער. מען קריגט צו דעם מענטשן צוטרוי. און ווי קינדער, וועלכע די מאַמע זוכט צו פאַרליידן זייער הונגער מיט אַ מײַ־סעלע, רוקן זיי זיך צו אים נענטער. אָט ווי די טרערן וואָלטן נאָך גע־גלאַנצט אַף זײַנע באַקן, נאָר זיי זיפצן שוין מיט צוטרוי אָפּ — דער־ציילט ווײַטער.

און ער דערציילט זיי לאַנג, קלאָר און פּאָשעט. „דאָס האָבן יענע

פאַראַזיטן אויסגעטראַכט דעם געפּיל פון האָבן מער ווי אַ צווייטער, פון אַרויפאַרבעטן זיך. יענער זאָל ליגן אין דר׳ערד און איך וועל לעבן אַ גוטן טאָג. די אַרבעטער־רעגירונג זאָרגט פאַר אַלעמען גלײַך. און פאַר דאָס איבעריקע קויפט זי מאַשינעס, וועלכע געהערן ווידער צו דעם אַר־בעטער״.

די אַרבעטער הערן שאַ שטיל. ווער ווייס פון וואָס זיי טראַכטן? די נאַכט ציט זיך אַ פרעמדע און ווײַטע. די לופט איז פול מיט גלי־ווע־רעמלעך, וועלכע צינדן זיך אָן און לעשן זיך אויס. און איינער הייבט אויף דעם קאָפּ און זאָגט אַנטשלאָסן: „ווען איך וועל קומען אַהיים ווייס איך שוין איצטער, וואָס איך האָב צו טאָן!״

אַלץ גרעסערע און גרעסערע גרופּעס קומען אָן אין שטעטל אַרײַן. זיי זײַנען געוואָרן היימישער. זיי צעזעצן זיך אַף די טראָטואַרן, צעשטעלן זיך באַ די ווענט, שמועסן צווישן זיך.

און טעג זײַנען געוואָרן הייסע — פײַער. דער קלענסטער ווינטל הייבט זײַלן שטויב.

באַהאַלט זיך דאָס שטעטל אין די שטיבער, פּראָוועט די נאַכמיטיק־רו לענגער, ביז די זון זעצט זיך גוט אָפּן ראַנד. אַז לייזן, לייזט מען סײַ־ווי־סײַ גאָרניט. בלויז פון צײַט צו צײַט גיט זיך אָן עפּן אויף אַ לאָדן און גיט אַ בייזן געשריי אויס „דרעקישע מיסט! איר וועט דאָ אָוועקגיין פון מײַן פענצטער צו קאַלאַקאַטשען ? !״

ס׳טרעפט זיך אויך, אַז אַ פּאָליציימאַן אַף אַ פערד פאָרט גלײַך אין זיי אַרײַן. הייבן זיי זיך דאַן ניט גערן אויף, מײַדן אויס דעם פערדס קאָ־פּיטעס, דרייען זיך אַזוי לאַנג, ביז זיי מאַכן דעם פּאָליצייסקן מיד און צעזעצן זיך ווידער אַף זייערע ערטער.

ערגער איז, ווען דער בײַכיקער קאָמיסאַר קומט אָן. ער שנײַדט גלײַך מיט דער נאַגײַקע וווּ ער טרעפט נאָר. אָבער פאַרן קאָמיסאַר איז זיך נאָר צו היטן אינדערפרי און ווען די זון זעצט זיך.

זאַמלט זיך דאָס שטעטל אין די אָוונטן צוזאַמען און וויל טרעפֿן מיט וואָס אַזאַ צײַט קען זיך ענדיקן. אַ סוואָרע, אַז די קאָלאָניסטן האָבן גאָר קיין כיישעק ניט צו שנײַדן. צוליב וואָס? אַז העלפֿן צום שניט, העלפֿט מען זיי ניט; אַז שנײַדן די הויט שנײַדט מען פֿון זיי און די טוווע אַליין איז ווערט אַ זעץ אין דר׳ערד...

און קלאַנגען גייען, אַז כוזאַן באַסקאַ האָט גאָר כיישעק צו ליקווידירן זײַן געשעפֿט. מ׳דערציילט, אַ סוואָרע, אַז ער האָט גאַנצע צווייטאַלהונ־דערט טויזנט פּעזעס אַרײַנגעלייגט עפּעס אין אַ פֿאַבריק, דאָרט אין דער הויפּטשטאָט. איז מיט וואָס וועט זיך אַזאַ צײַט ענדיקן פֿאַרן שטעטל? און פֿונוואַנען קען מען דערוואַרטן די יעשועֿ?

אָט אַזעלכע אומעטיקע און האָפֿענונגסלאָזע זײַנען פֿאַרגאַנגען טעג פֿאַרן שטעטל. טעג וואָס אָטעמען מיט פֿײַער.

און אין איין טאָג אַזאַ האָט זיך אַפּן שטעטל אַ שאָט געטאָן אַ מאַכנע ווי אַ היישעריק. פֿון אַלע זײַטן זײַנען זיי אָנגעקומען. אין איין מינוט האָבן זיי אָנגעפֿילט דעם ברייטן וועג וואָס פֿאַרן שטעטל.

מענטשן זײַנען אַרויס אַף אַ בייז ווונדער. אין דער מינוט האָט ווי פֿון אונטער דער ערד אויפֿגעריסן אַ שטורעמדיקער יאָמער פֿון הונ־דערטער ברוסטן אַרויס:

„פּ אַ ן !" (ברויט).

האָבן מענטשן אַף דער גיך געכאַפּט צו פֿאַרהאַקן טיר און לאָדן. און די מאַסע האָט צום צווייטן מאָל מיט אַ שרעקלעכן ברום פֿון אַ פֿאַרווונדעטער כאַיע אויסגעשריגן:

„פּ אַ ן !".

איצטער האָבן זיי אַ שפּאַר געטאָן אין דער זײַטיקער גאַס, דאָרט ווו ס׳האָט זיך געפֿונען כוזאַן באַסקאַס געוועלב.

אַף די טירן פון כואַן באַסקאַס געוועלב זײַנען געשטאַנען די אָנ־געשטעלטע און געוואַרט, וואָס דאָ וועט זײַן.

און די מאַסע האָט גאָרניט געוואָלט. זי האָט נאָר געוואָלט דער שטאָט געבן צו וויסן, אַז זי הונגערט, אַז ס'איז ניט יוישערדיק אַליין צו עסן מיטאָגן און אַנדערע זאָלן געשוואָלן ווערן פון הונגער, זי האָט פּאַ־שעט געוואָלט מוידיע זײַן דעם שטעטל פון איר הונגער.

אָבער דער הונגער האָט ווי ס'ווײַזט אויס דערשפּירט ברויט אין כואַן באַסקאַס געוועלב און די מאַסע האָט אַ שפּאַר געטאָן אַף די טירן: —

„פּאַן!״

איצטער איז דאָס שוין געווען דער אויסגעשריי פון אַ הונגעריקן, וואָס שפּירט דעם ברויט אין דער נאָענט. אַ רעווען פון אַ הונגעריקער כאַיע.

אין דער טיר האָט זיך געוויזן כואַן באַסקאַ אַליין, מיט אַ רע־וואָלווער אין האַנט: „איך וועל שיסן!״

די מאַסע האָט אַרײַנגעשפּאַרט אינעווייניק — —

— — — — — — — — — — — —

ווען די מאַסע איז דורך דער פּאָליציי און מיט כואַן באַסקאַס הילף אָפּגעשטופּט געוואָרן צום וואָקזאַל צו, איבערלאָזנדיק אַ פּאָר פאַרוווּנ־דעטע און אַ צענדליק אַרעסטירטע, האָט דאָס שטעטל אַרויסגעשטעקט איר קאָפּ פון די שטיבער און מיט שרעק זיך איבערגעפרעגט:

— מען שלאָגט זיך נאָך?

צווייטער טייל

„פּאַטאַגאָניע"

שביטע

ש ב י ט ע

1) שעפטן

טריבער טאָג. גראָע, שווער־וואָגיקע וואָלקנס האָבן זיך ברייט צעלייגט איבערן הימל און האָבן ווי נאָר איינגעדרעמלט מיט אַ האַלב־צוגעמאַכטן אויג. אַ דין ווינטל, ווי אַ יונג אָפּיצירל אַף אַ ניט־געצוימטן פערד, האָט אַרומגעיאָגט איבערן פעלד, האָט זיך געדרייט אַרום איינזאַמעביימער, איז געלאָפן אין גאַלאָפּ, האָט געריסן מיט די קאָפּיטעס די דינע שטיינדלעך פונעם באָדן, האָט איבערגעלאָזט הינטער זיך אַ דינעם אויפגעריסענעם שטויב און אין מיטן געלאָף זיך פלוצלינג פאַרהאַלטן, איבערכאַפּנדיק דעם אָטעם.

די צוויי קוימענס פונעם שעכטהויז האָבן זיך געשניטן אין דער גראָקייט ווי צוויי טײַכלעך פאַרגליווערט בלוט, טונקל רויט.

צום שעכטהויז איז נאָך געווען ווײַט. פון דער צווייטער זײַט, נאָכן אָפּנייג פונעם קאַנאַל, באַרג אַראָפּ, צום פּאָרט צו — דאָרטן, אין אַ לאַנגן פּאַס, האָט זיך צעלייגט דאָס שעכטהויז מיט זײַנע רויטע געבײַדעס.

אין די דרײַ סעזאָן־כאַדאָשים — יאַנואַר, פעברואַר און מאַרץ — האָט דאָס שעכטהויז אַרײַנגענומען דורך זײַנע טויערן צענדליקער טויזנטער לעבעדיקע שעפּסן און אַרויסגעלאָזט דורכן הילצערנעם בריקל צו די פאַראַנקערטע שיפן טויזנטער טאָנען צעשניטן געפרוירן פלייש.

צום שעכטהויז האָט נאָך געפעלט אַ צוועלף־פופצן קילאָמעטער.

באַרג אַראָפּ, מיטן ברעג, האָט מען געטריבן אַ מאַכנע שעפּסן. אַן אומגעהײַערע צאָל, אַ פעלד אַ גאַנצס. און איבערן העל־גראָען פעלד פון זייערע קערפּערס האָבן זיך באַוועגט זייערע קעפּ, ווי זאַנגען אָפּן ווינט. עס האָבן זיי געטריבן דרײַ רײַטער און אַכט הינט. די רײַטער, אײַנגעהילט אין זייערע טראַדיציאָנעלע פּאַנטשעס, האָבן געריטן הינטער די שעפּסן, אַכטונג געבנדיק מיט אַ געניט אויג אויף דער אָרדענונג. די הינט האָבן זיך געפלײַסט, זיי זײַנען פאַרלאָפן אין פאָרויס, בײַ די זײַטן, פון הינטן. האָבן געבילט, זיך געוואָרפן אויף די שעפּסן, זיי געביסן, געיאָגט. דאָס זײַנען געווען גרויסע אויסגעקאָרמעטע שעפּסן־הינט, יאַכסאָנים. אין אַ גוט היט מען אַזעלכע הינט — מען וואַרפט זיי צו גרויסע שטיקער שעפּסן־פלייש.

די שעפּסן האָבן געפאָלגט. זיי זײַנען געלאָפן קימאַט געניו אין דער אָרדענונג, ווי די הינט האָבן זיי געטריבן נאָך מער — אייניקע פון זיי האָבן געטראָגן דעם געוויסן פון אָפּגעשטאַנענע און זיי האָבן זיך געפלײַסט צו דעריאָגן דאָס, וואָס יענע האָבן פאַרשפּעטיקט — זיי זײַנען געשפּרונגען פאָרויס, גיכער צו דעריאָגן און פאַרקירצן דעם שטעטך צום שעכטהויז.

אויף אַן ענג־געפּרעסטן פעלד, ווו דער געלאַף פון קעפּ זעט ניט מער אויס ווי די באַוועגונג פון זאַנגען אָפּן ווינט, איז שפּרינגען פאָרויס אַ קונץ־זאַך, אויף וועלכער בלויז שעפּסן זײַנען מײַסטערס. זיי לויפן, לויפן און פּלוצלינג גיט אַזאַ שעפּס אַ שטופּ די כאַוועריטעס מיטן הינטן אין די זײַטן, גיט אַ שפּרונג אין דער הייך און רײַסט זיך אַרײַן,

מיט דער שווערקייט פון איר קערפּער, פּאַרויס אַף אַ מעטער. אַזאַ שטיקל אַרבעט באַליידיקט ניט קיינעם פון די שעפּסן, פּאַרקערט — דאָס דער־מוטיקט נאָך אַנדערע און אַ סאַך כאַזערן איבער דאָס זעלבע קונץ־שטיק. אַזוי אַרום ווערט וואָס ווײַטער אַלץ מער פּאַרקירצט דער שעטעך פון דער מאַכנע שעפּסן ביז צום שעכטהויז.

די דרײַ רײַטער פּאַררייכערן ציגאַרן. די אַכט הינט שפּרינגען, בילן און שטיפן צווישן זיך. דאָס פעלד שעפּסן לויפט געהאָרכזאַם אין שעכטהויז אַרײַן. צום שעכטהויז איז שוין געווען נישט ווײַט. זײַנע רויטע געבײַדעס אין דער גראָער ליכטיקייט האָבן אויסגעזען ווי אַ גרויסער פלעק וואַרעם בלוט.

דער ווינט האָט זיך אײַנגעשטילט. ס׳האָט געטריפט אַ רעגן.

2) סאַנטאַ־קרוז

אויגן פאַרטיפט אין די אויגן־לעכער, עלענבויגנס שווער אָנגע־שפּאַרט אַפן אײַזערנעם ווענטל — זיכרוינעס?

אַ בייסוילעם־ווינט, פאַרפּוצט אין זון, שנײַט מיט אַ גלאַנציק מע־סער געלע בלעטער, האַרבסטיקע בלעטער.

פון וואַנען דער רייעך?

זון איז קאַלט. ווינט שפּרינגט מיטן שאַרף פון אַ מעסער. די שיף „כאָסע מענענדעז" הוידעט זיך אַף די כוואַליעס פון סאַנטאַ־קרוזער ברעגן.

עס קלינגט מי אַט זילבערנעם געלעכטער דער ערשטער קלאַס. זאַרג־לאָז, מיידליש אין זײַד און פאַרפומען —

— ט ע נ י ע נ ט ע, גייען מיר עסן?

— אַ רעגעלע. איך וועל מיך נאָר צערעכענען מיט די אויסוווּרפֿן.
און ער שפּאַנט אַוועק, דער טעניענטע, אָנפֿירנדיק מיט אַ גרופּע סאָלדאַטן , וואָס פֿירן פֿאַרנומענע אַרבעטער.

אין אַ ווײַלע אַרום אַ האַק מיט ביקסן־שלעסער און אַ זאַלפּ האָבן געגעבן צו וויסן, אַז דער טעניענטע האָט זיך שוין מיט די „אויסוווּרפֿן" צערעכנט . . .

ערשטער קלאַס עסט מיט בלומען אַפֿן טיש. ער איז זאָרגלאָז, שטי־פֿריש און עסטעטיש. בלאַנקענדיקע סערוועטלעך רירן קוים אָן די ווינק־לען פֿון זייערע מײַלער. און ער איז וויציק, דער ערשטער קלאַס.

דער געשטופּלטער סאַרכענטאָ איז פֿעיִק. עס וואַרט אַף אים אַ גאָלדענע צוקונפֿט. ער האָט איבערגענומען זייער וויץ.

איינער פֿון די אַרײַנגעשאָסענע אין די זעלבסט־אויסגעגראָבענע גריבער האָט נאָך געלעבט. ער איז געלעגן פֿון אויבן און די ערד האָט אים ניט אינגאַנצן פֿאַרדעקט. אין אָוונט האָט ער זיך אַרויסגעשאַרט פֿון גרוב און האָט זיך אַוועקגעשלעפּט צום וואַלד. די גאַנצע נאַכט איז אים אַוועק אַף צו קענען בײַקומען אַ וואָסערע אַכציק מעטער. אינדערפֿרי האָט אים דער סאַרכענטאָ געפֿונען. דער אומגליקלעכער האָט אַפּעלירט צום יוישער, האָט געבעטן ראַכמאָנעס, גערעדט וועגן דער מאַמען, גע־געבן צו פֿאַרשטיין אַז איינמאָל האָט מען אים געשאָסן און איצטער איז זײַן גליק . . .

אומזיסט — דער סאַרכענטאָ, אַ שטענדיק צופֿרידענער, אַ שטענ־דיק לאַכנדיקער, האָט אָנגעשטעלט זײַן רעוואָלווער און וויצלענדיק זיך — „טשע, קע סאָס דוראָ פּאַראַ ענטערעגאַר על קוערּאָ" (דו, ווי האַרט דו ביסט אַף אָפּצוגעבן די פֿעל!) — האָט ער אים דערשאָסן.

דער ווינט טאַנצט מיט אַ רויטן עק און קאַלטער זון און פֿאַרטראָגט דעם בייסאַלמען־רייעך דאָ אַף דער גאַנצער לענג און ברייט, אַף דעם

טויזנט־קילאָמעטערדיקן שעטעך, האָבן זיך אַוועקגעלייגט הענט, געצייל־טע פעטע הענט, און אייגע פון זיי, די פעטסטע — צום שטאַרקסטן, צום ברייטסטן — כאָסע מענענדעז.

מיט אַרויסגעקראָכענע אויגן און מיט סליונע איבערן מויל, זײַנען אַלע פאַר אים געקראָכן, אַלע, אַלע האָבן געטאָן מענענדעזעס ווילן אין געוואַרט אַפּן געצאָלט. און מענענדעזעס האַנט, אַלע מאָל פעטער, האָט זיך צעשפּרייט אַלץ ברייטער און שווערער.

ס׳איז געווען . . . יענס מאָל איז עס געווען אַן אָפענע שפּיל: אָט אַזוי ווילן מיר! אָט אַזוי טוער מיר! און שוין.

די אַרבעטער, דער גראָער דריטער קלאַס. האָבן זיך אַ ריר געטאָן. דאָ זײַנען געווען אַ סאַך דריטע קלאַסן, צוזאַמענגעפירטע אַף צו שערן די וואָל פון מיליאָנען שעפסן, וואָס האָבן געהערט צו מענענדעזן און נאָך אייניקע. מיליאָנען שעפסן אַף טויזנטער קילאָמעטער פאַרכאַפּטער ערד. דער פּרײַז פון וואָל איז געווען אַ גוטער, דער בעסטער, וואָס האָט זיך ווען געצאָלט. יעדער שניט האָט מענענדעזן איבערגעלאָזט מיליאָנען. די אַרבעטער האָבן באַקומען אַ נישטיקן לוין און נאָך אַן ערגער עסן און געלעגער. האָבן זיי געפאָדערט אַן אויסבעסערונג. זיי האָבן פאַרשטרײַקט.

דעמאָלט האָט מענענדעז אַ רוף געטאָן: איך דאַרף אײַך! און זיי זײַנען געקומען. מיט ברען און מיט אימפּעט און גלײַך צו דער אַרבעט —

אַן אָפּטיילונג סאָלדאַטן מיטן באַקאַנטן טעניענטע אין דער שפּיץ. פירהונדערט אָפּטיילונגען גוט באַוואָפנטע מיט קוילן־וואַרפערס.

זיי האָבן זיך צעלייגט איז מענענדעזעס גאַלפּאָנען, אין זײַנע געשעפט־הײַזער און אַדמיניסטראַציע־פּאַלאַצן. אַף די גאַסן און וועגן האָבן זיך באַוויזן „באַפעלן” און „פאַראָרדענונגען”!. ניט צו באַווײַזן זיך אַף די גאסן נאָך נײַן אזייגער, ניט טראָגן געווער, ניט צונויפקלייבן זיך אין גרופּקעס. אויב ניט — פעלד־געריכט.

דערוווּילע האָבן זיך אַ טייל סאָלדאַטן אַרויסגעלאָזט צו רעקוויזירן אויטאָמאָבילן — פּונקט ווי אין קריגסצײַט. עס זײַנען באַ די שאָפערן צוגענומען געוואָרן די אויטאָמאָבילן. און זיי זײַנען איבערגעגעבן געוואָרן צו די באַלעבאַטישע קינדער, מיטגלידער פון דער „ליגאַ פּאַטריאָטיקא״, וועלכע זײַנען אַרומגעפאָרן איבערן שטאָט און אויסערן שטאָט, געניסנדיק פון שפּאַציר אַף דער פרײַער לופט.

די אויטאָמאָבילן פון די גוטבאַזיצערס האָט מען ניט גערירט, קעדיי ניט צו שטערן דעם האַנדל. אין די אָוונטן איז מען איבערגעפאַלן אַנגעוויזענע הײַזער און אַוועקגעשלעפּט די פּאַרדעכטיקטע. „פּאַרדעכטיקע״ האָבן אויך געהייסן אַזוינע, וועלכע האָבן אַף זיך געהאַט דעם כעס פון האָבן שטעקן באַ זייערע באַלעבאַטים ניט קיין אויסגעצאָלטע געהאַלטער. אַזוי אַרום האָבן אייניקע גוטבאַזיצער ליקווידירט זייערע כויוועס פאַר מאַנאַטן־לאַנגער אַרבעט.

עס איז געווען אַ שפּיל אַף קויעד, אין וועלכער די אַרבעטער האָבן געמוזט נאָכגעבן. זיי האָבן געשיקט דעלעגאַציעס וועגן פאַרגלײַכן זיך. האָט מען די דעלעגאַציעס צוריקגעשיקט מיט אַ פּאַרבאַדינג — יעדע גרופּע אַרבעטער זאָל אָפּוואַרטן דאָס אָנקומען פון מיליטער, אויסגעשטעלט אין אַ ריי מיט די הענט אין דער הייך און דאָס געווער וואָס זיי האָבן — באַ די פיס. די אַרבעטער האָבן געפאָלגט.

פאָרויס דעם מיליטער איז אָנגעלאָפן דער געשטופּלטער סאַרכענטאָ. מיט זײַן שמייכעלע און דין־זיס קעלכעלע האָט ער אָנגעזאָגט —

— האָט׳ס ניט מוירע, מיר קומען ניט אײַך צו שעכטן...

מען האָט זיי צוזאַמענגעיאָגט אין גאַלפּאָנען און אַרומגערינגלט מיט אַ וואַך. פאַרטאָג האָט זיי דער גוטמוטיקער סאַרכענטאָ געוועקט —

— „וואַמאָס״!

פאַרן אַרויספירן האָט מען זיי באַזוכט, צוגענומען באַ יעדן וואָס

ער האָט נאָר פאַרמאָגט און מען האָט זיי אויסגעשטעלט אין אַ ריי. אַף דעם ליידיקן פּלאַץ צווישן די אַרבעטער־הײַזער. מיט דעם שטעג, וואָס פירט פון דעם אַדמיניסטראַציע־פּאַלאַץ, זײַנען אָנגעקומען די מיליטער־פירער, אויסגעפּוצטע, אָפּגעגאָלטע, לאַכנדיקע. זיי האָבן צווישן זיך גע־מיטלעך געשמועסט, אַרויפּצײַענדיק אַף די פינגער די געטוי־געפּאַסטע הענטשקעס. מיט זיי זײַנען געקומען די פּאָליציי־קאָמיסאַרן פון געגנט. עס זײַנען אויך בײַגעווען גוטבאַזיצערס.

און מען האָט געציילט. און יעדן, אַף וועמען אַ קאָמיסאַר אָדער גוטבאַזיצער האָט אָנגעוויזן מיטן פינגער, האָט מען אָפּגעשטעלט אָן אַ זײַט. און נאָכדעם...

און נאָכדעם האָט מען זיי גרופּנווײַז, צו צען, צוועלף, פופצן, צוואַנציק, פינפאונצוואַנציק, אַוועקגעפירט אַף עטלעכע מעטער ווײַט פון די הײַזער, מען האָט זיי געגעבן לאָמען און לאָפּעטעס צו גראָבן פאַר זיך אַליין גריבער.

עס האָט זיך זיי ניט געגלויבט, די אומגליקלעכע. זיי האָבן אַלץ געהאָפט. נאַרישע סענטימענטן. זיי האָבן געמוזט שטאַרבן! אַזוי האָט געוואָלט כאָסע מענענדעז!

אַף די סאַנטאַ־קרוזער פעלדער זײַנען אויסגעשאָכטן געוואָרן צוויי טויזנט אומשולדיקע שוצלאָזע מענטשן. זייער איינציקע שולד איז געווען, וואָס אויסער אַרבעט האָבן זיי אויך געוואָלט לעבן אַ ווירדיק לעבן. דאָס האָט די גוטבאַזיצער ניט געלוינט. צוויי טויזנט איז דאַן געווען אַ פינפטל פון דער סאַנטאַ־קרוזער באַפעלקערונג. דאָס איז געווען דער מי־נימום וואָס כאָסע מענענדעז האָט געמוזט אַוועקהאַרגענען, קעדיי באַ די איבעריקע פיר טיילן אַוועקצונעמען דעם כיישעק פון וועלן זיך באַ־זעצן אַף זײַנע פאַרכאַפּטע ערדן.

— טעניענטע, גייען מיר עסן?

— איין רעגעלע. איך וועל מיר נאָר צורעכענען מיט די אויסוואָרפן.

אַרום דעם שטעטל סאַנטאַ־קרוז האָט די ביקס ניט געקענט נאָכ־קומען די באַדערפעניש. האָט געשניטן אַ קוילן־וואָרפער. צווישן די גע־שאָכטענע זײַנען אויך געווען מינדעריעריקע, צו איינעם פון זיי, וואָס האָט ניט אויפגעהערט צו וויינען און בעטן ראַכמים, האָט דער וויצי־קער סאַרכענטאָ אַ געשריי געטאָן —

— טשע, פעוועטע! אַראָ וואָס אַ סאָוער לאָ קע עס בוענאָ! (הע־יאָטל! איצטער וועסטו וויסן וואָס גוט איז).

צווישן די אויסגעשאָכטענע, זײַנען געווען אַ סאַך מוטיקע, שטאָל־צע. איינער האָט זיך אָפּגעזאָגט צו גראָבן די גרוב.

— כאַוויירים! — האָט ער אויסגערופן — גראָבט ניט! אויב זיי ווילן אונדז באַגראָבן, זאָלן זיי אַליין עפענען די גריבער, זאָלן זיי כאָטש איין מאָל אַליין אַרבעטן. איז גוט צו שטאַרבן אויך אַף דער פרײַער לופט. מיט דער פרײַער לופט זײַנען מיר געווױנט.

— פאַרמאַך דעם פּיסק, מע...

— וויל איך ניט! מערדער! פאַכדאָנים! שיסט אין ברוסט... כאַ־וויירים, גראָבט ניט!

עס האָט אַ זעץ געטאָן אַ זאַלפּ און צען יונגען זײַנען צוריקגעפאַלן אין דער פלאַכער, ניט דערגראָבענער גרוב.

— — — — — — — — — — — — — —

די שיף „כאָסע מענענדעז” הוידעט זיך אַף די כוואַליעס פון סאַנ־טאַ־קרוזער ברעגן און אַ בייסאַלמען־ווינט, פאַרפוצט אין זון, שנײַדט מיט אַ גלאַנציק מעסער בלעטער, האַרבסטיקע בלעטער. אַ יונגע שטים, פול מיט האָפענונג און גלויבן, רופט אויס —

— מיר קומען אָן!

ש נ י ט ע

3) אויערן

אין דעם געווירבל פון פײַער און בלוט איז דאָ אויך צו דערציילן אַ געשיכטע וואָס קלינגט ווי אַ וויץ.

צו יענער צײַט, ווען מענענדעז האָט זיך אָנגעהויבן צו פֿאַרשפּרייטן איבער פּאַטאַגאָניע, האָבן נאָך אַף יענע ווײַטע ענדלאָזע פעלדער געוויגט אַ סאַך אינדיאַנער, ווײַסהויטיקע גוטמוטיקע אינדיאַנער, וואָס האָבן זיך פאַרנומען מיט פיצוכט און מיט ערד־אַרבעט. די ערדן זײַנען געווען רעגירונגס־ערדן און זיי האָבן געהערט צו די, ווער עס האָט זיי באַאַרבעט.

מענענדעז, אַ כיטרע גרויסשטאָטיש סויבערל, מיט אַן אײַזערנעם ווילן און ברוטאַלן כאַראַקטער, האָט זיך פאַרמאָסטן צו „צ י וו י ל י ־ ז י ר ן” יענע ווײַטע געגנט. צו דעם צוועק און קעדיי ניט צו פאַטערן קיין צײַט האָט ער געדונגען מענטשן צו באַפרײַען דעם באָדן פון די ווילדע, צאָלנדיק אַ פונט סטערלינג פאַר יעדן דערהאַרגעטן אינדיאַנער. די רעכענונג איז געווען אַ פּאַשעטע: אַזוי ווי די ערדן האָבן ניט קיין פּאַקטישן באַלעבאָס, און איינמאָל אָפּגעווישט די מענטשן וואָס זיצן אַף זיי, בלײַבט זייער איינציקער באַלעבאָס ער, מענענדעז. צורעכענענדיק נאָך אַ גרויסע צאָל שעפּסן, וואָס בלײַבן נאָך די אויסגעהאַרגעטע, האָט שוין דער אייסעק אינגאַנצן געלוינט.

מענטשן וואָס זײַנען גרייט דעם צווייטן צו דערהאַרגענען פאַר אַ פונט סטערלינג און נאָך ווייניקער האָט ניט געפעלט, און דעריבער האָט זיך ניט פאַרויסגעזען קיין מעניע אין אויספירן מענענדעזעס פּלענער.

איין טעכנישע שוועריקייט האָט יאָ געשטערט. דאָס איז דאָס ציילן און קאָנטראָלירן די צאָל הארוגים. ווען עס וואָלט זיך געהאַנדלט וועגן ציילן צענדליקער אָדער הונדערטער אַף אַ קאָנצענטרירטן שטעך וואָלט

מען זיך אָן אייצע געגעבן. עס האָט זיך אָבער געהאַנדלט וועגן טויזנ־טער, צעשפּרייטע אַף הונדערטער קילאָמעטער, און דאָס האָט שוין גע־שמעקט מיט צײַט־פאַרלוסט און מיט איבעריקע הויצאָעס.

אָבער פאַר אַזעלכע מעניִעס שטעלט מען זיך ניט אָפּ, ביפראַט ווען עס איז דאָ שטאַרקער ווילן און סייכל. געטראַכט און געפונען —

אויערן.

פון יעדן דערהאַרגעטן אָראָפּשנײַדן די אויערן און ברענגען אין דער אַדמיניסטראַציע. פאַר יעדע פּאָר אויערן — אַ פונט סטערלינג. די ענערגישע דינער האָבן זיך גענומען צו דער אַרבעט. עס איז אַוועק אַ יאַגד אַף אינדיאַנער.

ניט אַזוי לײַכט טוט זיך, ווי עס רעדט זיך. די אינדיאַנער, זעענ־דיק ווי זיי ווערן פּלוצים, אָן קיין פאַרוואָס, באַפאַלן און ניט האָבנדיק צו וועמען צו אַפּעלירן, ווײַל שטענדיק זײַנען זיי באַפאַלן געוואָרן פון הינטן, אין דער פינצטער, אומגעריכט — האָבן זיי אָנגעהויבן אויסצו־היטן זיך, אַנטלויפן. אַנטלויפן, דאָס איז געווען אַ שרעקלעכע זאַך... יעדער אַנטלאָפענער איז געווען אַ מעזומען־פאַרלאָרענער פונט סטערלינג. איבערהויפּט ווען עס האָט זיך פון די הענט אַרויסגעדרייט אַ גאַנצע פאַמיליע.

וויאַזוי האַלט מען זיי אײַן, די אינדיאַנער?

אַרומרינגלונגען האָבן שוין אויך ניט געהאָלפן, ווײַל די אינדיאַנער האָבן אײַנגעשטעלט שטענדיקע וואַכן, וועלכע פלעגן זיי אָנזאָגן ווען דער סוינע האָט זיך דערנענטערט.

דעמאָלט זײַנען די יעגער געוואָרן זייערע פרײַנט. פון סאָנים נעכטן זײַנען זיי הײַנט פּלוצלינג געוואָרן זייערע פרײַנט און נאָך וואָס פאַר אַ פרײַנט! דורך שליכים און מיט מאַטאָנעס האָבן זיי געשיקט אָנזאָגן, אַז זיי האָבן כאַראָטע אַף זייערע פריערדיקע מעַסים און אַז אַף ווײַטער

זאָגן זיי צו ניט נאָר זיי ניט צו פאַרפאָלגן, נאָר אויך צו שיצן. און ווי אַ צייכן פון כאַראַטע און פון נײַער פרײַנטשאַפט לאַדן זיי זיי אײַן אַף אַ מאָלצײַט.

אַביסל האָבן די אינדיאַנער געצווייפלט, מוירע געהאַט. און הזגן זיך געשאַרט צום אָפּגערעדטן אָרט מיט אַ ניט־זיכערן טראָט.

די „ציוויליזירטע" האָבן אַף אַ העלפט געהאַלטן וואָרט. זיי האָבן די אינדיאַנער אויפגענומען בעקאָוועד גאָדל, האָבן זיי געגעבן צו עסן און נאָך מער צו טרינקען. טרינקען גאָר אַ סאַך. שפּעטער, ווען די אינדיאַנער זײַנען שוין געווען גוט אָנגעשנאָקלט, האָבן זיי, מענענדעזעס מעשאָרסים, זיי אויסגעהאַרגעט אײנציקווײַז און אַראָפּגעשניטן פון יעדן האָרוג די אויערן.

אַזויפיל וועגן די אינדיאַנער. ניט אַלע פון די יעגער זײַנען געווען אַזעלכע אָן־האַרציקע. אייניקע פון זיי האָבן אויך פאַרמאָגט ווייכע הערצער. און דאָס געווען פון די קינדער, די יאָמערלעכע געשרייען פון די מאַמעס, דער איבערמענטשלעכער געראַנגל פון די מענער און זייערע יעסורים באַם ראַנגלען זיך מיטן טויט, און די יאַמים בלוט, דאָס אַלץ האָט זיי געמאַכט אומעטיק. זיי וואָלטן עס ניט געוואָלט זען. אָבער זייער ווייכהאַרציקייט האָט זיי אויך ניט געלאָזט זיך צו שיידן מיט די פונטן סטערלינגס. זיי האָבן עמעסדיק געליטן.

דעמאָלט איז זיי אײַנגעפאַלן אַן אויסוועג. עס איז דאָך אַזוי פּאַשעט און זיי האָבן אַזויפיל אומזיסט געליטן! — אַזוי ווי געצאָלט האָט מען פאַר אויערן, האָבן זיי געכאַפּט לעבעדיקע אינדיאַנער, זיי אָפּגעשניטן די אויערן און זיי געלאָזט לויפן.

און דאָ איז געשען דער וויץ. די אָן־האַרציקע, די וואָס האָבן ניט געהאַט קיין אויגן פאַר בלוט, ניט קיין אויערן פאַר געוויין און קרעכצן, און האָבן זיך אַלץ געקליגט וויאַזוי אַרײַנצונאַרן וואָס מער בעפּאַשעס אַף אויסצוהאַרגענען, האָבן זיך פלוצלינג געכאַפּט, אַז זייערע קאָרבאָנעס

האָבן ניט קיין אויערן... מערקווירדיק, אומגלויבלעך און דאָך אַזוי — מענטשן אָן אויערן. מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ זײַנען זיי געשטאַנען אין מענענדעזעס אַדמיניסטראַציע און האָבן געשווירן מיט קאָל האַ־שוועס, האָבן מיט טרערן אין די אויגן געבעטן אַז מען זאָל זיי גלייבן, אַז — די לעצטע אינדיאַנער האָבן ניט קיין אויערן...

— — — — — — — — — — — — — —

דעמאָלט האָט מענענדעז אַרויסגעגעבן אַ באַפעל — קעפּ! פאַר יע־דן אָפּגעהאַקטן קאָפּ צאָלט דאָס הויז אַ פונט סטערלינג. און פון דע־מאָלט אָן האָבן די יעגער אָנגעהויבן צו טראָגן אין מענענדעזעס אַדמי־ניסטראַציע פולע זעק מיט אָפּגעהאַקטע קעפּ...

פונטאַ אַרענאַס (מאַגאַזשאַנעס)

פּונטאַ אַרענאַס (מאַגאַושאַנעס)

אָט אַזאַ איז זי הײַנט, די שטאָט פּונטאַ אַרענאַס — רויטע דעכער, געפּערטלטע גאַסן, צוויי לאַנגע עקן אין דער ברייט און אַ גרויסער, טונקל־צעוואַקסענער קאָפּ. פּונטאַ אַרענאַס האָט בלויז אַ שטויס געטאָן אין די באַוואַקסענע בערג, אַליין האָט זי זיך צעלייגט אַף דעם פלאַכן ברעג און וואַרט. יאָר אײַן יאָר אויס וואַרט זי.

פּונטאַ אַרענאַס האָט אַ וואַקס געטאָן מיט אימפּעט, מיט אומגעדולד. אין געיעג צו פאַרכאַפּן, אין קרענקלעכן ווילן אויסצומענטשלען זיך וואָס גיכער, איז אויסגעוואַקסן אַ קריפּל.

פון דעם פאַרעלטערטן קאַסטן טראָגט מיט שימל פון לעגענדעס. ס'איז געווען אין יענע יונגע יאָרן. די פאַרב אין די באַקן און דער ברען אין די אויגן האָבן איבערגעלאָזט דעם שאַרפן רייעך פון זיסע דערינגערונגען — גאָלד, קוילן, נאַפט. אַפן דעק פונעם קאַסטן ליגן, מיט זײַנע ראָזע שנירלעך איבערגעבונדן, צעקוועטשטע און פאַרגעלבטע פאַרשיידענע שאַכטלעך — מאַטאַנעס פון פאַרערס. די פאָרערס זײַנען שוין לאַנג אַוועק, פאַרגעסן. אָבער דער קריפּל זיצט נאָך אַלץ און טרוימט, טרוימט.

פּונטאַ אַרענאַס.

א. מאָנגאַלין

די געשיכטע האָט זי פאַרפּוצט אין זייד און פּאַרפומען. דערציילט מען זיך אַן גיסים פון יענע טעג. אָבער מענטשן פאַרדרייען דערבײַ מיט דער נאָז און זיפצן שווער אָפּ.

די ניט־געשריבענע געשיכטע איז אַן אַנדערע.

די ניט־געשריבענע געשיכטע וואַרט אַף אַנדערע צײַטן. זי וואַרט שטיל און געדולדיק. פון עלטער בייגט די צײַט דעם רוקן... אַ צײַט אַ מיעסע, אַ מעכאַשייפּעדיקע מיט טאַצן געקלאַנגען און מיט גלעקער־גערויש; אויגן טיפע, גיריקע, פרעכער גלעכטער און שאַרפע, אויס־געשטעלטע ציין טאַנצן זיי נאָך אַלץ אַף זייערע גאָלדענע בעזעמער — איינס, צוויי, דרײַ — און שפּרינגען, צעקוועטשן און ראַמען אַראָפּ, ווי מיסט, ווי ווערעם, ווי זאַמד, קערפּערס, מענטשלעכע קערפּערס.

פּונטאַ אַרענאַס. די שטאָט פון אַנטוישונג, די שטאָט פון פאַר ביטערונג, די שטאָט אָן זון, די שטאָט אין ווינט און קעלט. זי טוליעט זיך אין רויט־געפאַרבטע בלײַערנע שטיבלעך, שוידערט פאַר קעלט און הונגער און וואַרט.

די געשיכטע שרײַט, הייזעריק און פאַרשיקערט: פּ ו נ ט אַ אַ ר ע־נ אַ ס ! דאָס רײַכע מאַגאַזשאַנעס!

די מעכאַשייפּעס — איינע, צוויי, דרײַ — טאַנצן מיט פרעכן גע־לעכטער, מיט טאַצן־געקלאַנג און גלעקער־גערויש, אַף זייערע גאָלדענע בעזעמער. פון דער גאַנצער וועלט האָבן זיי צוזאַמענגעשאַרט קערפּערס, מענטשלעכע קערפּערס, זיי אויסגעקוועטשט און אויסגענוצט און זיי איבערגעלאָזט אָט דאָ, אַף דעם אָרט —

פּונטאַ אַרענאַס.

די רעזידענץ־שטאָט פון געציילטע רײַכגעוואָרענע מאַגנאַטן.

אָט זײַנען זיי די לײַכטער פון פּאַטאַגאָניע: באָסע מענענדעז, מאָנ־טעס, בראַון און נאָך אייניקע. יעדערער אַף זײַן שטייגער.

כאָסע מענענדעז איז דער קאַפּעלמײַסטער. ער איז דער אַליגאַרכי־שער „מ ו י ש ע׳. ער צייכנט אָן דעם וועג — שנײַדט קעפּ, פאַר־כאַפּט באַזן, קויפט איבער רעגירונגס־מענטשן, פירט אײַן זײַן אַרבע־טער־פּאָליטיק, צעשפּרייט זיך איבער יאַם און יאַבאַשע און געוועלטיקט מיט האַנט און מיט קנאַפּל.

מאַנטעס, דער כיטרער פויער, טאַנצט נאָך. ניט דער פאַרנעם וואָס מענענדעז, אָבער וואָס איז פאַשעטער און זיכערער ווי ערד? ערד! וואָס מער ערד! מאַנטעסעס אַרבעטער־פּאָליטיק איז ניט אַזוי קאָמפּליצירט ווי אַ „סאַנטאַ־קרוז״! אָבער דאָ האָט איר אַ פויערשן שטריך: פּאַשעט און געזונט. אין מאַנטעסעס גיטער טאָרן קיין פּאָרלעך ניט האָבן קיין קינדער. פאַר אַזאַ כעט ווערט מען טייקעף אַרויסגעוואָרפן. דער סייכל איז אַ פּאַשעטער: ער און זי אַרבעטן, מוזן זיי עסן; זיי טאָרן אָבער אויף דער וועלט ניט ברענגען אַזאַ איינעם, וואָס עסט און אַרבעט ניט.

דער אַדעסער עליע בראַון האָט עס געמאַכט מיט געמאַרע־קאָפּ און מיטן גראָבן פינגער.

געווען איז אַ כאָסע נאַגעיראַ, אַן אַלטער און צעפוילטער באָכער, אַ מיליאָנער. און עליע בראַון האָט געהאַט אַ יונג שיין מיידל. האָט זיך דער אַדעסער עליע פאַרטראַכט: וויבאַלד עס איז געווען אַן אַכאַשווייר־ רעש און אַן עסטער האַמאַלקע, טאָ פאַרוואָס זאָל ער ניט אַוועקגעבן זײַן יונגע, צאַפּלדיקע סאָרעלע דעם אַלטן נאַגעיראַ? ער האָט עס ניט שלעכט צוגעטראַכט. אינגיכן יאָרשנט סאָרע אָפּ נאַגעיראַס מיליאָנען און פאַרדעקט די כאַרפּע, כאַסענע האָבנדיק מיטן אַדעליקן אַדמיראַל וואַלענזועלאַ, און גיט זיך אַ גלײַך אויס די פּלייצע. דער ציל איז דער־גרייכט. די פאַמיליע בראַון שטעלט זיך אין דער ריי.

וועגן מאַנטעסן ווערט דערציילט אַזאַ געשיכטע. מאַנטעס איז אַרויסגעפאָרן אין איינעם פון זײַנע ווײַטע גיטער. אַזוי ווי פאַר האָט ער באַקומען אַ מעלדונג פון דעם אַדמיניסטראַטאָר פון יענעם גוט,

אַז ער דאַרף אַ גרעסערע סומע געלט אַף אויסצאָלן סכירעס און געהאַל־טער, האָט מאַנטעס מיטגענומען אַ גרעסערע סומע געלט מיט זיך אַף אַלנפאַלס.. פאַרט מאַנטעס און פאַרט — די וועגן זײַנען ווײַטע, באַר־גיקע — און טראַכט און כעשבנט זײַנע כעשבוינעס. און דערווײַלע גליטשט זיך דער פאַרטפעל מיטן געלט אַרויס פונעם וואָגן און גאַרניט — קיינער זעט ניט, קיינער מערקט ניט. געפאָרן, געקומען, זיך צעשמו־עסט — כאַפּט זיך מאַנטעס דאָס געלט איז ניטאָ. די וועגן זײַנען ווײַ־טע, שאָען־לאַנגע, איז וויבאַלד אין דעם נאָענטן אַרום האָט זיך ניט גע־פונען, איז פאַרפאַלן — אַ פאַרטפעל איז ניט קיין נאָדל און מענטשן האָבן אויגן. עס זײַנען אַוועק טעג. דרײַ טעג, פיר טעג. מאַנטעס איז שוין צוריק אין זײַנע פּאַלאַצן, צוריק אין שטאָט, אַרומגערינגלט מיט דינער, הינט און קנעכט. אין דעם קלינגט דאָס טיר־גלעקל — אַ פעלד־אַרבעטער, אַ פאַרוואַקסענער, אין צעריסענע מאַלבושים, וויל זען מאַנ־טעסן, מאַנטעסן אַליין. עס בײַטן זיך די דינער און קנעכט איינער נאָך דעם אַנדערן, אַלע מאָל העכער־ראַנגיקע, שענער געפּוצטע, שטאָלצערע, ווײַסהויטיקערע; זיי פאַרשטעלן דעם פעלדאַרבעטער דעם וועג, זיי ווילן דערגיין, זיי פאָדערן צו וויסן, נאָך וואָס דער מענטש דאַרף מאַנטעסן. אָבער דער מענטש איז שטײַף אַף זײַן ווילן: ער דאַרף מאַנטעסן, מאַנ־טעסן אַליין. קערן זיך די דינער אום צוריק און דער לעצטער, דער הויך־געפּוצטער מיטן ברילי־אַנטענעם רינג, קלאַפּט אַף די שפּיץ פינגער אָן אין מאַנטעסעס קאַבינעט — אַזוי און אַזוי, אַ מענטש וויל זען מאַנ־טעסן אַליין.

מאַנטעס הייסט אַרײַנפירן. שטייט דער מענטש פאַר מאַנטעסן, קנעט דאָס היטל אין האַנט, דאָס פּאָנעם שוויצט אים און די אויגן ברע־נען — אַזוי און אַזוי, געפאָרן איז ער מיטן וועג רײַטנדיק, אַפן געפלעקטן פערד,אין אַ שליכעס פון דעם און דעם גוט. פאָרט ער אַזוי מיטן וועג און זעט, דאַכט זיך אַזוינס ווי אַ פאַרטפעל. פאַרהאַלט ער דאָס פערד, גיט אים אַ דריי אַף צוריק און אַ שפרינג אראָפּ — ערשט אַ פאַרטפעל

מיט געלט. פון די פּאַפּירן געזען אַז עס איז זיינס, מאַנטעסאָס, האָט ער עס איצטער אָפּגעבראַכט, אַט איז עס.

צעשמייכלט זיך מאַנטעס, שאָקלט מיטן קאָפּ, ציילט איבער דאָס געלט, באַהאַלט און דערלאַנגט דעם ערלעכן אָפּברענגער צוואַנציק סענט—

— נעם, ביידערער, — זאָגט ער — די צוואַנציק סענט און קויף זיך אַ שטריקל. אַ פּאַרמעגן האָסטו געהאַט אין האַנט און ניט געוווּסט עס אויסצונוצן. גיי, טייערער, קויף דיר אַ שטריקל און הענג זיך אויף — דאָס איז דאָס איינציקע, וואָס דיר איז געבליבן צו טאָן אין לעבן...

— — — — — — — — — — — — — — —

עס שטאַרבט מענענדעז. כאָסע מענענדעז.

דאָס לעבן פון אַ מענטשן איז קורץ, אָבער דאָס אָפּגעטוענע דורך דעם מענטשן אין לעבן איז אָפטמאָל ניט אויסצומעסטן. ווי לאַנג איז, אַז דאָס שפּאַנישע עמיגראַנטל איז געשטאַנען בײַ דער וואָג און האָט געוווייגן אָפּן גראַם לאָקשן און זשערבע? און אָט, אַ צײַט־פאַרלויף ווי אַ פינטל מיטן אויג! כאָסע מענענדעז איז שוין נישטאָ, אָבער — דאָס אָפּגעטוענע! — טויזנטער קילאָמעטער קאַמפּ, מיליאָנען שעפּסן, שעכטהײַזער, שיפן, קאָמערציעלע הײַזער, סכוירע־לאַגערן — מיליאָנען, מיליאָנען.

האָט ניט אָט דאָס פאַרמעגן דעם ווער פון אַ „סאַנטאַ־קרוז”, פון אַ פּאָר טויזנט אינדיאַנישע קעפּ?

האָט די געשיכטע אים אָפּגעגעבן זײַן רעכט?

דאָס אומרעכט פון דער געשיכטע איז שווער, דריקט. אָבער געלט באַצווינגט די געשיכטע. אַזוי איז עס. עס איז אַ געזעץ שוין פון יאָרן. און איבער דעם געזעץ גלײַטשט זיך די געשיכטע. דאָס ווייסט יעדערער וואָס האָט געלערנט. און כאָסע מענענדעזעס זין האָבן געלערנט.

דער איינפאַל:

א. מאָרגאַלין

אַ פונק גליט אויף אין מענענדעזעס שטאָם. דעם אַלטנס פונק — איינפאַל. מאַגאַזשאַנעסן האָט דאָך נאָך קיינער ניט אויפגעשטעלט קיין דענקמאָל!

געטראַכט און געטאָן. אין נאָמען פון דעם אַלטן, פאַראייביקן די זין דעם אָנדענק פונעם פּאָרטוגעזישן אַוואַנטוריסט אין שפּאַנישן דינסט, פערנאַנדאָ דע מאַגאַזשאַנעס.

מיט אימפּעט, מיט פאַרנעם, מיט ברען. אין צענטער פון שטאָט, אַרומגערינגלט מיט רעגירונגס־הײַזער, קלויסטער, פּאַלאַצן.

איצטער האָבן זיך אַ באַוועג געטאָן רעגירונגען. שפּאַניע, אַרגענטינע, טשילע. זיי שיקן קריגסשיפן צו די פײַערונגען, פאָרשטייער פונעם אַדל, קאַנאָנען־שאָסן.

הערלעך און שטאָלץ איז דער דענקמאָל. מיט קראַפט און ווילן טרעט מאַגאַזשאַנעס אַף אַ רער פון אַ קאַנאָן. און אונטן, בײַ די זײַטן, טוליען זיך די אינדיאַנער פון פּאַטאַגאָניע און פײַערלאַנד „מיט צוטרוי און ליבע״, צו דער נײַער, קומענדיקער וועלט.

מאַגאַזשאַנעס דער אַנטדעקער.

און אין פראָנט, אַף אַ פונאַנדערגעוויקלטער מעגילע, איז פאַראייביקט מיט צוויי גלײַכע שורעס און מיט די זעלבע אויסיעס גלײַך־אַף גלײַך —

פערנאַנדאָ דע מאַגאַזשאַנעס
כאָסע מענענדעז

מענענדעז דער פאַרבויער.

געאַרעמט און געבונדן, פון דאָר צו דאָר, דער אַנטדעקער און דער פאַרבויער.

— — — — — — — — — — — — — — —

אַט אַזאַ איז זי הײַנט, פונטאַ אַרענאַס — רויטע דעכער, געפּערטל־טע גאַסן; צוויי לאַנגע עקן אין דער ברייט, און אַ גרויסער, טונקל־צע־וואַקסענער קאָפּ.

וואָס האָט זיי אַהערגעבראַכט, די פאַרצאַרנטע און פאַרזאָרגטע, די אַנטוישטע און אָרעמע? געווען אַ צײַט פון גאָלד, געווען אַ צײַט פון נאַפט. און איבער דעם אַלעמען, דער פאַקט: מענענדעז, מאָנטעס, בראַון, סואַרעז, סטיפּישיץ. דאָס גאָלד איז צערונען, דער נאַפט אויסגעוועפּט, דער פאַקט איז געבליבן. איצטער ליגן זיי אין זייערע בלעכענע שטיב־לעך, פאַרצאָרנטע און פאַרדײַגעטע און וואַרטן.

און אויבן אַרויף אַף די בלאָטיקע געסלעך, דורך קרומע, גליטשיקע וועגן, ליגט די אָרעמקייט, די אויסגעשפּיגענע אַרבעטס־הענט. זי ליגט אַ צונויפגעקאָרטשעטע, אַ פרעמדע, אַן אײַנגעשלאָסענע אין איר אייגע־נעם ווייטיק. זי שליסט די שטאָט, זי איז די צענדליק טויזנטיקע ציפער! זי איז די באַפעלקערונג. זי שטאַרבט פון הונגער.

אין די זונטיקדיקע פרימאָרגנס פליסט די שטאָט, די קרעמערישע, די באַלעבאַטישע, אין קלויסטער אַרײַן. אַן אויסגעפּוצטע, אַ געפּודערטע, אַ פאַרפומירטע. גאָט און דער גאַלעך איז זייער פאַראייניקער. גאָט און דער גאַלעך גיבן זיי אַרײַן האָפענונגען. דאָרט טרעפן זיי זיך מיט די מענענדעז, מאָנטעס, סואַרעס. אַזוי גלײַך —ביידע אַף די קני! אַזוי נאָענט — בלויז טריט! עפּשער דאָך, אַ האָפענונג? די שטאָט, די קרע־מערישע, די באַלעבאַטישע, נעמט זיך אָן מיט מוט און שטאָלץ. זי קושט דעם גאַלעכס האַנט און דאָס סידערל.

דער מיליטערישער אָרקעסטער שפּילט אַף דער פּלאַסע. דאָס איז אַ געשאַנק פון דער רעגירונג פאַר דער באַפעלקערונג. זי גלעט זי מיט מוזיק.

דעמאָלט קלײַבט זיך די באַפעלקערונג, דורך די קרומע געסלעך, באַרג־אַראָפּ, צום צענטער; זײַטיק און אומזיכער. זי פאַרהאַלט זיך אין

די ווינקלען גאַסן, קוקנדיק מיט אומצוטרוי פאַרויס. זיי קלײַבן זיך אין גרופּקעס און סוידען זיך צווישן זיך.

פּענעמער גראָע, געקנייטשטע, אומעטיקע. זיי טוליען זיך פאַרקעלט און אומהיימלעכקייט, ווי זיי וואָלטן צווישן זיך גערעדט: „זייער שטאָט, זייער לעבן". עלף אַזייגער צעקלינגען זיך צופרידן און זיגעריש די קלויסטער־גלאָקן. דאַן הייבן זיך אָן אַרויסצושיטן אין גאַס אַרויס די אויסגעפּוצטע, געפּודערטע און פאַרפומירטע. זייער גירקייט און פאַרביסנקייט האָט זיך פאַרשטאַרקט. זיי שפּאַצירן שטאָלץ אַרום דער פּלאַסע.

די באַפעלקערונג פון אויבן רוקט זיך אַוועק, טיפער אין די גאַסן אַרײַן און קוקט מיט אַ זײַטיק אויג.

סוילן

קוילן

אינדערפרי — פֿײַכט, נעפּלדיק. באַטאָג — צעקראָכן דער גראָער הימל, צעשמאָלצן און זון, ווי אַ פּעטע קאַץ, האָט זיך צעלייגט פֿון די פּאַטאַגאָניער בערג ביז פֿײַערלאַנד.

ס׳האָט זיך געשטעלט אַ זוניקער, קימאַט הייסער נאָכמיטאָג.

שטאָט האָט אַ שמייכל געטאָן מיט אַ קרומען אומצוטרוי־שמייכל: זון . . . אַמאָל, ווען שטאָט האָט געלעבט, ווען אין דעם אַרבעטערס קעשענע האָבן געקלונגען מאַטבייעס, האָט זון געקוויקט די ביינער; ס׳איז פֿון מויל צו מויל פֿריידיק געשפּרונגען „זון״, ווי דער צעשפּליטערטער שפּרונג פֿון אַ פּילקע, און טאָג איז בײַכיק אָנגעבלאָזט געוואָרן פֿון פֿידיען, אינאָוונט, ציילנדיק און רעכענענדיק דעם אָנגעוואַקסענעם רעווער, האָט שטאָט גוטמוטיק אנערקענט: זון, און נאָך צוגעגעבן: אַ זעלטענער טאָג געווען.

הײַנט האָט שטאָט בלויז אַ שמייכל געטאָן מיט אַ קרומען אומצוטרוי־שמייכל: זון . . . און אַרויסקוקנדיק אין פּוסטע גאַסן אומגעדולדיק געריבן די הענט פֿון אַלץ מער אָנוואַקסנדיקער, טעמפּער אומרויקייט: וואָס וועט דאָס זײַן?

באַ גאַרסיאַן אין שטוב האָט מען זיך אויסבאַהאַלטן פון דער זון — פאַרהאַנגען די פענצטער און פאַרמאַכט די טיר. זי האָט געשטערט, די זון, זי האָט גערייצט דאָס הונגעריק פאַרפעסטעטע לעבן. נאָך וואָס איז זי געקומען? ווער דאַרף זי מיט איר הייסער ווארעמקייט! זאָל זי גיין אַהינצו, באַרג אַראָפּ, אין די אַספאַלטירטע גאַסן, זאָל זי זיך הענגען אַף די שפּיציקע שטאַכעטן פון די אָפּגעצאַמטע פּאַלאַצן און זיך טוליען צו זייערע געהאָפטענע זיידענע פאַרהאַנגען — צו זיי און מיט זיי. זאָל זי זיך טוליען צו זייער יאַנטעוודיק לעבן — לעבן און זון. באַ גאַרסיאַן אין שטוב דאַרף מען זי ניט. גאַרסיאַס שטוב איז צעפרעסן פון נויט און גייט אויס פון הונגער. גאַרסיאַס שטוב וואַרט אַפן טויט ווי אַף אַן אַלטן אוירעד, ווי אַף אַ באַלעבאָס פון שטוב — אַט וועט דאָס אומגעפּרעגט אַן עפן אויף געבן די טיר און וועט — פונקט ווי אין דעם ווינטער, פלאַראַן — אַ נעם געבן אַ צווייטן, אַ דריטן. אייבציקוויץ און אַלעמען.

פאַרהאַנגען די פענצטער און פאַרמאַכט די טיר, טוליעט מען זיך באַ גאַרסיאַן, אין דעם קימאַט הייסן טאָג, אין די שמאַטעס פון ווינטער און מיט די אויגן צו דער ערד אַראָפּגעלאָזענע, מײַדט מען פרעמד אויס איינער דעם צווייטן.

דער אַלטער גאַרסיאַ איז אין שטוב ניטאָ. די פליכטן פון אַ קאָפּ האָבן אים דעם רוקן געבויגן די פליכטן פון אַ קאָפּ טרײַבן אים אַרויס אין גאַס, כאָטש ער ווייס פאַרויס אַז די גאַס וועט אים גאָרניט געבן. ער טוליעט זיך באַ די אויסגעפרעסענע, צעפוילטע ווענט, קעגנאיבער די פּאַרט־לאַגערן, קוקנדיק מיט יִיעש אַף די זיך הוידנדיקע שיפלעך איבער די צעשפילטע כוואַליעס.

פאַרזונקען אין זיך, פאַרגעסט גאַרסיאַ אַז אַ ברייטע טונקעלע מענטשן־מאַסע שפּרייט זיך אַרום די ווענט און פונקט ווי ער קוקט זי יִיעשדיק אַף די זעלביקע זיך הוידנדיקע שיפלעך. ער טראַכט וועגן גאָרנישט. ער שפּירט נאָר, אַז די זעלבע צעשפּילטע כוואַליעס וועלן

נאָך אַלץ שווענקען די זיך הוידענדיקע שיפֿלעך, ווען ער, גאַרסיאַ, וועט שוין ניט זײַן. און גאַרסיאַ וואַרט... צװישנווײַז דערהערט ער אַ ווײַטן זיפֿץ, פֿאַרשפּיצט ער די אויערן און ווען דער זיפֿץ רײַסט זיך אַרויס פֿון דעם שאָכנס ברוסט פֿון דער רעכטער זײַט, כאַפּט ער אים אונטער, ווי אַ געניטער ציגל־וואַרפֿער, און גיט אים איבער דעם שכן פֿון דער לינקער זײַט, צוהערנדיק זיך ביז וואַנען דער זיפֿץ שטאַרבט אָפּ אין דעם ווײַטן ווינקל־פֿאַרקער פֿון דער צווייטער גאַס.

גאַרסיאַ קומט אַהיים אַ שאָ נאָכדעם ווי נאַכט שטעלט זיך. געגנוי אַ שאָ, דער טרוקענער קלאַנג פֿונעם שטאָט־זייגער בײַט אים די וואָך. אַ דערלײַכטערטער לאָזט ער זיך באַרג אַרויף, צו דעם האַלב־אײַנגעפּאַ־לענעם שטיבל מיט דער אויסגעדרייטער טיר. ער האָט זײַן פֿליכט פֿון אַ קאָפּ דערפֿילט. ער האָט דעם גאַנצן לאַנגן טאָג אויסגעוואַרט אַף אַר־בעט, באַ דער צעפּוילטער וואַנט, קעגנאיבער די פּאָרט־לאַגערן. ס'איז ניט זײַן שולד, וואָס קיין אַרבעט איז ניטאָ. ס'איז ניט זײַן שולד, וואָס דער אַלמאָסעניערע באַרגט מער ניט. אָך, ס'איז ניט זײַן שולד, וואָס אין שטוב גייט מען אויס פֿון הונגער! ער האָט זײַן פֿליכט פֿון אַ קאָפּ דער־פֿילט... ער קײַכט פֿון הוסט און רײַסט בייז אויף די טיר. ער שפּײַט אויס אין מיטן שטוב. אַף יענער זײַט ווענטל, אינעם פֿינצטער ווינקל, שטייט אַ האַלב־אײַנגעפֿאַלן בעט. שפּעטער, ווען דער הוסט פֿאַרגייט אין פֿלאַמען אַף זײַנע באַקן, האַלט ער זיך מיט די הענט אָנעם זײַטל פֿון בעט און שווער עטעמדיק, קוקט ער מיט ראַכמאָנעסדיקער הילפֿלאָ־זיקייט, ווי די גאַנצע שטוב זײַנע ראַנגלט זיך מיטן אונטערגאַנג.

אויך הײַנט, אינעם שלאַקס־רעגן, איז גאַרסיאַ געקומען פּונקט אַ שאָ נאָכדעם ווי נאַכט האָט זיך געשטעלט, כאָטש נאַכט האָט זיך גע־שטעלט אַ שאָ פֿאַר דער צײַט. ער האָט אויפֿגעריסן די טיר און אַרײַנ־געבראַכט מיט זיך אַ גאַנצן יאַם. ס'האָט געשטראָמט מיט וואַסער פֿון זײַן היטל, פֿון זײַן פּאָנעם, פֿון די בגאָדים, פֿון די צעעפּנטע שיך. דער וואַסער אַרום אים האָט זיך צעשפּרייט איבערן גאַנצן שטוב. דאָס

מאָל איז דאָס שפּײַען אים אָנגעקומען לײַכטער. ער האָט געשפּירט אַן עפּל אַ גאַנצן אין האַלדז, האָט ער זיך אָנגעבויגן און אים אויסגעשפּיגן.

קיינער האָט זיך ניט אומגעקוקט. די אַלטע בלויז האָט אַ זאָג געטאָן—

— סאַר אַ מאַבל! אַף דער גאַנצער נאַכט...

דער אַלטער האָט זיך צוגעהערט. דער רעגן האָט מיט האַסמאָדנע געקלאַפּט איבער די שויבן און געזונגען אַ באַקאַנט ליד. וואָסער ליד איז דאָס געווען? דעם אַלטן איז דאָך דאָס ליד אַזוי באַקאַנט... אַך יאָ: דאָס געוויין פון אַ ביימל דאָרט, נעבן פלאָראַס קייווער...

די בגאָדים האָבן פאַר קעלט געקלעפּט צו זײַן לײַב. ער איז גע־ווען דורכגעפרוירן. ער האָט אַרויסגעשטאַמלט —

— ניטאָ וואָס איבערצוטאָן?

קיינער האָט ניט געענטפערט. און קיינער האָט אויך ניט געהערט ווי די קליינע כוואַנאַ וויינט. זי האָט געוויינט פאַרביסן און מיט אימפּעט, ווי דער רעגן אין דרויסן. אָפּגעזונדערט, אין אַ ווינקל, מיט די פויסט־לעך צו די אויגן און מיט אַ פונאַנדערגעעפנט מײַלעכל, האָט זי געפירט אַ טײַנע מיטן רעגן — זאָל ער איר דערקלערן, זאָל ער איר זאָגן: פאַר־וואָס? זאָל ער איר געבן צו פאַרשטיין — זי וועט ניט אָפּלאָזן, זי וועט ניט נאָכגעבן: זי פאָדערט אַן ענטפער, זי, די קליינע כוואַנאַ, פאַר זיך, פאַר דער גאַנצער שטוב...

ראַול האָט אַ וואָרטשע געטאָן —

— אַפילע אַ פּיצל ברויט איז אויך ניטאָ?

די מאַמע האָט זיך אָפּגערופן —

— איצטער, ווען מען גייט אויס פאַר הונגער, איצטער, באַרגט קיינער ניט...

ניט קוקנדיק אַף קיינעם, האָט מאַריע אַ זאָג געטאָן —

— פאַרוואָס פאַרדינסטו ניט? פאַרוואָס...

ראָול האָט זיך אָנגעזעגנט; ער האָט פאַרקוועטשט די פויסטן און מיט אַ זייַט זיך צוגעשניטן צו מאַריען —

וואָס האָסטו געזאָגט! ? וואָס? באַ וואָס זאָל איך פאַרדינען? גאַנ־צווענען עפּשער?

מאַריע האָט אויפגעריסן. זי האָט אַ שלייַדער געטאָן מיטן קאָפּ אין אַ טופּע געטאָן מיט די פיס. זי האָט הייזעריק אויסגעשריגן —

— איך ווייס ניט! איך ווייס פון גאָר ניט! איך וויל לעבן! איך האָב אַ רעכט צו לעבן! איך וויל לעבן! גיט מיר לעבן!

זי האָט זיך אויסגעדרייט צו ראָולן און מיט די פויסטן געטרייסטלט איבער זייַן פּאָנעם —

— לעבן! איך וויל לעבן!

ראָול האָט אַראָפּגעבויגן דעם קאָפּ. ער האָט הינקענדיק זיך אַוועק־געדרייט פון מאַריען. פּלוצלינג האָט ער זיך אָנגעכאַפּט אָן די שלייפן פון קאָפּ און איז אַרויסגעלאָפן פון שטוב.

דער אַלטער האָט פון זייַן בעט אַרויס, הילפלאָז געשמייכלט.

ראַמאָנאַ האָט צוגעגעבן —

— דער פאַריקער ווינטער האָט אַוועקגענומען פלאַראַן, דער ווינ־טער וועט אונדז אַלעמען אַוועקנעמען... אַפילע אַ שטיקל קויל איז אין שטוב ניטאָ.

דער אַלטער האָט זיך אַ ריס געטאָן פון בעט און אַ מרוקע געטאָן. ער האָט געוואָלט עפּעס זאָגן, נאָר ער האָט זיך אָפּגעריסן. ער האָט זיך אָנגעכאַפּט פאַר דער ברוסט. מיט פונאַנדערגעעפנטע אויגן האָט ער אָנ־געקוקט די שטוביקע און האָט אַרויסגעשטאַמלט —

— ס׳וועט זײַן קוילן....

און איז פאַרגאַנגען אין אַ טרוקענעם הילצערנעם הוסט.

די אַלטע האָט אַף אים געקוקט און געוואַרט. פון וואַנען וועט ער דאָס נעמען קוילן, אַז קיינער באַרגט שוין ניט? קיינער ניט. פלוצלינג האָט זי אַ פּאַטש געטאָן מיט די הענט — ווי אַזוי איז דאָס איר גאָר אַרויס פון קאָפּ! און ניט נאָר איר — אַלעמען! אַוואַדע וועט זײַן קוילן! און אַ סאַך קוילן! אַזאַ רעגן און קיין קוילן זאָל ניט זײַן?

מאַריע! זעסט ווי דיר איז פון קאָפּ אַרויס? און דו, ראָמאַנאַ, ס׳טזיך גאָר ניט געקענט דערמאָנען? כואַנאַ, מײַן אָרעמינקע, הער שוין אויף צו וויינען! הערסט ניט ווי דער רעגן רײַסט דאָרט פון דער מינע קוילן, פאַר אונדז, פאַר אונדז אַלעמען? נעמט צוזאַמען זעק,, עמערס, אײַזנס, אַף אויפצוגראָבן די ערד. אָט וועלן מיר דאָס האָבן קוילן! קוקט נאָר ווי מיר האָבן וועגן דעם פאַרגעסן. געבענטשט זאָל ער זײַן, דער רעגן, און ער זאָל פון זיי דאָרט רײַסן וואָס מער, וואָס מער! כואַנאַ, לעבן מײַנס, וויש דיר אויס די אויגן...

כואַנאַ האָט אויסגעווישט די אויגן. פרייד האָט זיך געשפילט אין איר לעצטער טרער. מיט קאַפּריזנער בייזקייט האָט זי בײַ ראָמאַנאַן אַרויסגעריסן דעם אײַזן פון אויוון —

— דאָס וועט זײַן פאַר מיר.

— פאַר דיר, מיין קינד, פאַר דיר און פאַר אונדז אַלעמען.

מאַריע האָט געצווייפלט —

— מ׳זאָגט, אַז זיי האָבן דאָרט די מינע אַרומגעצוימט?

בייזער צוק האָט אַדורכגעקרייצט דעם מוטערס פּאָנעם. אָבער ס׳קען ניט זײַן, ניין! דער רעגן האָט גוט געריסן. זייערע אַרומצוימונגען וועלן ניט אויסהאַלטן אַזאַ רעגן.

—ראַמאַנאַ, טו אַן עפן נאָר די טיר — ס׳גיסט ווי פריער?

— ווי פריער, מאַמע.

— ווער זײַן קוילן, קינדער, וועט זײַן. געבענטשט זאָל ער זײַן, דער בייזער רעגן, וואָס ער רײַסט פון זייערע הענט אַרויס, כאַטש אַ ביסעלע קוילן, פאַר אונדז, פאַר אונדז אַלעמען! זאָל ער רײַסן שטאַרקער, שטאַרקער!

זי האָט געציטערט פאַר קעלט און פאַר פרייד.

מען האָט צוזאַמענגעשאַרט אַלטע זעק, עמערס, אײַזנס, העלצער, די אַלטע זעק האָט מען געלאַטעט. פונאַנדערגעטיילט יעדערן זײַנע מאַכשירים. אָפּגערעדט וויאַזוי צו פאַרנעמען די סטראַטעגישע פונקטן באַם טײַך. זיך פאַרגעשטעלט ווי דער בייזער און גוטער רעגן שווענקט, פון דער מינע אַראָפּ, קוילן און לאָזט זיי מיטן טײַכל באַרג אַראָפּ אין יאַם. דאָרטן שטייט דער ווינט אַף דער וואַך און טרייסלט אויס פון יאַמס קעשענעס דעם פאַרמעגן — דאָס, זאָגט ער, איז פאַר זיי, פאַר די הונגעריקע, פאַר די באַליידיקטע — אַהינצו, אָפּן ברעג אַרויס, טרייסלט אויס....

מען האָט זיך צוגעגרייט מיט וואָס מער שמאַטעס פאַר יעדן איי־נעם. מ׳האָט געלאַטעט, געניית,געדערעדט און אַפילו פון צײַט צו צײַט אַ לאַך געטאָן.

דער רעגן האָט נאָך אַלץ געשמיסן מיט בייזקייט איבער די שויבן און געפּליושקעט איבער דער צעווייקטער ערד.

ערשט שפּעטער נאָך האַלבער נאַכט, ווען אַ מידער האָט דער רעגן אָנגעהייבן אָפּשטיין און שוואַכער ווערן, האָט די מוטער געזאָגט —

— וואָלסט עפּעס גענומען צום הוסט...

האָט געזאָגט און זיך פאַרשעמט — אין שטוב איז לאַכלוטן ניט געווען וואָס צו נעמען.

שפּעטער האָט דער רעגן געצאַנקט מיט טראָפּנס, אָבער דאָ און דאָרט האָט שוין אַרויסגעפינקלט אַ שטערן.

ס׳איז קיין צווייפל ניט געווען, אַז דער ברעג וועט דאָס מאָל זײַן פּאַרזייט מיט קוילן. און ס׳איז אויך קיין צווייפל ניט געווען, אַז אַ האַל־בע שטאָט וואַרט אַף אָט די קוילן. מ׳האָט געדאַרפט זיך אַרויסלאָזן אײן וועג וואָס פריִער און אַלע ווײַלע האָט באַ גאַרסיאַן אַן אַנדערער אומ־געדולדיק געעפנט די טיר און זיך צוגעהערט צו דער נאַכט. די נאַכט האָט זיך געוויקלט אין שלאָף. אַפילע דער רעגן האָט אויך ווי אײַנגע־שלאָפן. בלויז אַ פּאַרשפּעטיקטע טרער האָט פון צײַט צו צײַט זיך אָפּגע־ריסן און שווער צעשפּאָלטן די געמיטלעך אײַנגעאָרדנטע קאַלוזשעס.

שווער עטעמענדיק, פּאַרלייגט דעם קאָפּ אַפן ווענטל פון בעט, האָט דער אַלטער אײַנגעדרימלט. דער קעראָסין־לאָמפּ האָט געוואָרפן אַ בלאַסן שײַן אַף זײַן פּאָנעם. די קנייטשן אַרום די אויגן האָבן זיך שאַרף געשניטן אין דער טיף, פון וואָס דאָס פּאָנעם זײַנער האָט באַקו־מען אַן ׳אויסדרוק׳ פון לײַדן און דער שטענדיק שולדיקער שמייכל אַף די עקן פון זײַנע ליפּן האָט זיך צעקרימט און פאַרלאָרן זײַן אינהאַלט. די ברוסט האָט זיך יעדע רעגע אָנגעפילט ווי אַ בלאָז־זאַק און דאָס ניט אײַנגאַנצן פאַרמאַכטס מויל זײַנס האָט סקריפּענדיק אַרויסגעלאָזט די לופט, באַגלייט מיט לײַכטע קרעכצן.

די קליינע כואַנאַ האָט אַלץ נידעריקער אַראָפּגעלאָזט איר קעפּל צום שויס, איר קליין פויסטל האָט אַ צאַפּל געטאָן און נאָכגיביק זיך פונאַנ־דערגעעפנט. זי האָט שווער אָפּגעזיפצט.

ענדלעך האָט ראַמאָנאַ אין דער צעעפנטער טיר אַ זאָג געטאָן — „שוין צײַט״. און צומאַכנדיק די טיר, האָט זיך אײַליק צוגעגעבן —

— איך האָב געהערט ווײַטע טריט.

די שטוב האָט אַ צאַפּל געטאָן און זיך אײַנגעדרייט פאַר קעלט.

מ׳האָט ניט געטאָרט פֿאַרלירן קיין צײַט. יעדערער האָט געהאַט פֿאַר זיך אויסגעטיילט זײַנע מאַכשירים. די קליידער זײַנען געלעגן אָנגעוואָרפֿן. אין דער צײַט ווען די קליינע האָט זיך געצויגן פֿאַר קעלט און שלאָף און האָט מיד געגענעצט, האָט די מוטער געזוכט אַף איר אַרויפֿצוציִען די בגאָדים.

מיט פֿונאַנדערגעעפֿנטע אויגן, אײַנגעדרייט, האָט דער אַלטער סקריפּענדיק געעטעמט. ער האָט ניט געקענט זיך אויפֿשטעלן. ענדלעך האָט דאָס, וואָס האָט אים געשטערט צו עטעמען, זיך אָפּגעריסן און האָט מיט אימפּעט זיך אָפּגעשלאָגן אָן דער פּאָדלאָגע. ער האָט זיך אָנגעכאַפּט פֿאַר דער ברוסט.

דער ווינט האָט בייז אַרומגעזוכט דעם רעגן אונטער דעכער און האָט געטרייסלט מיט לויז־געוואָרענע בלעכן.

אַ גרופּע פֿון פֿינף פֿון פֿאַרשיידענעם ווּקס, אײַנגעקנורעטע, מיט דרענגלעך און עמערס אין די הענט און פֿאַרוואָרפֿענע זעקלעך אַף די אַקסלען, האָט באַרג־אַראָפּ געקנאָטן אין וואַסערדיקער בלאָטע. אָן אָפּשטעל זײַנען זיי געגאַנגען אַלץ באַרג אַראָפּ.

פֿאָרויס האָבן זיך געשאָטנט אויך אַנדערע גרופּעס.

נאַכט האָט זיך אויסגעלאָשן און איז אויסגעגאַנגען אין אַש. דער טײַך האָט הרודעסוויִז געשטורעמט דעם ברעג. די גרופּע פֿון פֿינף האָט זיך ניט אָפּגעשטעלט, ניט אַרומגעקוקט. זיי זײַנען געגאַנגען אַלץ פֿאָרויס, פֿאָרויס. זיי זײַנען אַרײַן אין צענטער, האָבן אים דורכגעשניטן, האָבן אָפּגעקערט אָן אַ זײַט און ווידער אַראָפּ צום ברעג. אָ, פֿון דאַנען האָט מען גוט געזען דעם גאַנצן שטעטל, וואָס האָט געדאַרפֿט ברענגען אַזויפֿיל פֿרייד אין גאַרסיִאַס שטוב! דער גאַנצער ברעג איז שוין געווען פֿאַרזייט מיט אײַנגעהויקערטע שאָטנס.

אַף אַ רעגע האָט זיך די גרופּע אָפּגעשטעלט ווי אַף ייִשעוו האַדאַאַס. זי האָט זיך אָבער באַלד ווידער, טעמפּ אײַנגעשפּאַרט, געלאָזט אין שפּאַן.

אין אַ לאַנגן פּאַס, אין דער זײַט פון פּײַערלאַנד, האָט דער הימל פון זיך אָפּגעטרייסלט דעם אַש און איז געבליבן בלוט־אָרעם, בלייך.

דער טײַך האָט אויך ניט אויסגעהאַלטן. שטורעמענדיק, זיך ביי־זערנדיק, האָט ער זיך אַלץ געצויגן אַף צוריק. אַלץ פּאַרויס, מיט דרענג־לעך אין די הענט און מיט זעק און עמערס באַ די זײַטן, האָט אַ מענטשן־מאַסע אָנגעגריפן. שטום, פּאַרביסן און אײַליק האָבן זיי אויפגעקראַצט די נאַר וואָס באַפרײַטע ערד און האָבן פון די קליינע שוואַרצע קייקלעך אַראָפּגעשאַרט די בלאָטע, קלייבנדיק אַ שטיין צו אַ שטיין.

אײַנגעבויגענע רוקנס האָבן זיך אַ רעגע אויסגעגלײַכט און אָפּגע־זיפצט.

אַ ציטערדיקע האַנט האָט לײַכט געגלעט די שטיינער און אַ טרער האָט זיך געפּערלט אין די אויגן.

ווער ווייס! אַזאַ רעגן אין דער געהעריקער צײַט און פלאָראַ וואָלט נאָך געלעבט?

אַזאַ רעגן, טויזנט מאָל שטאַרקער, וואָלט דאָס גאַנצע לעבן גע־ענדערט? וואָלט מיט פרייד אָנגעפילט אָט די גאַנצע מאַסע אַף אייביק?

ווי דער ווינט וואָלט זיך אָנגענומען פאַר דער אָולע פון דער מי־נע. ווי אַ בייזער הונט האָט ער זיך געדרייט באַם ברעג, האָט געוואָיעט, געריסן די פּאָלעס, געביסן די הענט, געפּרוווט אומוואַרפן לײַכטע פּעק, אָוועקשלעפּן — אומזיסט! די מענטשלעכע אײַנגעשפּאַרטקייט האָט זיך צעשפּילט. מיט רויט־געפּראָרענע הענט, מיט געבראָכענע רוקנס, מיט פולע שיך נעץ, מיט הוסט און מיט קרענק, האָט די מענטשלעכע מאַסע, אײַנגעשפּאַרט און אײַליק זיך אַלץ גערוקט פּאַרויס.

ס'האָט זיך געשטעלט טאָג. ווינט האָט זיך אַ ווײַלע צוגעזעצט. צו־נויפגעקוועטשטע, פּאַרפּאַקטע וואָלקנס זײַנען געבליבן הענגען אַף די בערג. ערד האָט זיך געקאָרטשעט פאַר קעלט.

מענטשן האָבן ניט נאָכגעגעבן. צעשפּילטער אַפּעטיט פון אויסגע־הונגערטע, האָבן זיי זיך ניט געקענט זעטיקן. זעקס עמערס זיינען שוין געווען אָנגעפילט און זיי האָבן נאָך אַלץ געקליבן, אַלץ געפּוליעט די בלאָטע פון די שוואַרצע קיילעלעך. אַלץ אין אַ לענגערן פּאַס האָבן זיי אַרומגענומען דעם טייך, איבערלאָזנדיק די שטאָט פון הינטן.

צו זיי זיינען צוגעשטאַנען ניי־געריקע. דורך דער נאַכט אויסגעוואַ־רעמטע, וועלכע האָבן געקוקט אַף דער פאַרביסן איילִיקער אַרבעט ווי אַף אַ בייז וואונדער.

פורמאַנעס האָבן מיט זייערע לאָסט־וועגעלעך, אַף אַלנפאַלס זיך אויסגעשטעלט אין אַ ריי, הינטער די פּלייצעס פון די קלייבער.

ס׳האָט זיך אויך געפונען איינער, וועלכער האָט נאָך געהאַט אין זיין פאַרמעגן אַ פּאָר הויכע גומענע שטיוול — אַן איבערבלייבעכץ פון אַלטע גוטע צייטן, ווען ס׳האָט זיך געאַרבעט באַם פּאַרט. זעענדיק ווי די מאַסע גייט נאָך, טראָט באַ טראָט, דעם אָפּטרעטנדיקן וואַסער און וואַגט ניט צו פאַרלויפן אים דעם וועג, איז ער אַף דער גיך אַוועק אַהייב און איז אין אַ ווילע אַרום געקומען אין זיינע הויכע שטיוול, וועלכע האָבן אים דערלאַנגט ביזן בויך. ער האָט מיט זיך געטראָגן אַן עמער. שטאָלץ און מיט זיכערע טריט איז ער אַריין אין וואַסער און איז אַוועק פאַרויס.

די מאַסע האָט אים מיט קינע נאָכגעקוקט: אָט דער שטייט אויסער דער קאָנקורענץ! אָט דער האָט פאַר זיך ברייטע מעגלעכקייטן! אויסגע־הונגערטע, האָבן זיי אים ניט פאַרגונען. אָבער אַ קינד האָט פּלוצלינג אויסגערופן: — „ווי וועט ער אין וואַסער קלייבן? און, קוקט, ער האָט דאָך ניט מיט וואָס אויפצוקראַצן די ערד!“.

דער איינער מיטן עמער אין האַנט, האָט סטאַם געשפּאַנט אין וואַסער.

די קליינע כואַנאַ איז אומגעפאַלן. שטיל און הילפלאָז האָט זי זיך אומגעוואַלגערט אַף דער ערד און איז אַזוי געבליבן ליגן מיט די אייגעלעך צום הימל. קיינער האָט זי ניט באַמערקט. אַן אָפּגעקראַכן, אויסגעדאַרט הינטל, איז געווען דער ערשטער וועלכער איז צו איר צוגעלאָפן און האָט פאַרזיכטיק באַשמעקט. פלוצלינג האָט עס זיך דערשראָקן און איז אָפּגעשפרונגען אַף אַ זײַט. פאַרזיכטיק איז עס צוגעגאַנגען צו אירע פיס און ווידער זי באַשמעקט. נאָכדעם, דרייסטער, פון אַ זײַט און צום לעצט באַם פּאָנעם. ער האָט זיך אַרומגעקוקט אַף די זײַטן און זיך פאַרטראַכט. נאָכדעם איז ער שנעל־שנעל ערגעץ אַוועקגעלאָפן. פון וועג האָט ער כאַראַטע געקראָגן און האָט זיך אומגעקערט צוריק. אַף אַן אָפּגעזונדערט שטיקל פּלאַץ, פון אַ זײַט, האָט ער זיך צוגעזעצט אַפן ווידל און האָט אָנגעהייבן צו וואַרטן.

די מוטער האָט אַרומגעווישט איר פּעקל שטיינער און האָט זיי אַוועקגעטראָגן צום עמער. זי האָט דערזען די אומגעפאַלענע כואַנאַ און האָט פאַרווונדערט אויסגערופן —

— כואַ־נאַ?

און באַלד מיט אומצוטרוי —

— כואַנאַ!?

זי האָט אַרײַנגעשלײַדערט די שטיינער אין עמער און איז צו איר צוגעלאָפן —

— כואַנאַ, וואָס איז דיר?

מיר רויטע בעקלעך איז די קליינע געלעגן און שטום געקוקט אַף דער מוטער.

— כואַנאַ, מײַן קינד, וואָס איז דיר?

זי האָט זיך פאַר איר אַראָפּגעקניט און זי אָנגעהייבן צו קושן —

— מײַן קינד, מײַן קינד...

איינציקווײַז האָט זיך די פאַמיליע גאַרסיאַ אָפּגעריסן פון דער אַרבעט און ניט דרייסט זיך דערנענטערט צום צונויפגעקנאָדערטן קנויל פון מאַמע מיט קינד. זיי האָבן זיך פאַרוווּנדערט אָנגעקוקט. אַף וואָס האָבן זיי דאָס געהאָפט? וואָס האָט זיי פונאַנדערגעוואַרעמט און צוריקגעשטויסן פון זייער איין מאָל פאַרמישפּעטן אונטערגאַנג? אַך, יאָ — קוילן. אַביסל פאַרשלעפּטע דורכן רעגן — קוילן. עטלעכע טעג פונאַנדערצעוואַרעמען אויסגעהונגערטע צוזאַמענגעפאַלענע ביינער און, נאָכדעם... אָט איז זי אויך געפאַלן, כואַנאַ. און מאָרגן און איבערמאָרגן... און לעבן איז דאָך דאָ — אַזויפיל לעבן! אָט האָט די זון צעריסן די וואָלקנס און שפּרייט זי און וואַרעמט הײַזער און פּאַלאַצן, פרייד און לעבן. מיט בר־לע אָרעמס שפּרייט זיך דער יאַם: פאַר אײַך, פאַר אײַך... אין דער הייך, די אונאויסשעפּלעכע מינע, אויסגעשפּרייט און אָפן: פאַר אײַך, פאַר אײַך... פאַר וועמען? פאַר וועמען! אַז דאָס לעבן איז אַ פינצטערע גרוב, אַ געמאַטערטער טויט...

די פאַמיליע גאַרסיאַ קוקט זיך איבער. עפּשער — צוריק אַ שמײַכל געבן די קוילן אין זון אַרײַן, צעבלוטיקן דעם פאַרצעף פון לעבן — די שטוב גאַרסיאַ וויל לעבן, די שטוב גאַרסיאַ האָט אַ רעכט אַף ברויט און אַרבעט, זון און פרייד!

ל ע ־ ב ן ! ! ! — — —

די קליינע איז פּאָשעט געווען פאַרפרוירן.

מער האָט די פאַמיליע גאַרסיאַ ניט געאַרבעט. זיי האָבן ניט געהאַט קיין מוט איבערצולאָזן די קוילן, אָבער אַרבעטן ווײַטער האָבן זיי אויך ניט געקענט. ווי פאַרמישפּעטע שקלאַפן, מיט רוקנס געבויגענע, האָבן זיי געשלעפּט שווער געלאָדענע עמערס און זעק. זייערע רוקנס האָבן זיך אַלץ מער געבויגן צו דער ערד. זיי האָבן זיך שווער באַוועגט באַרג אַרויף.

א. מארגאלין

די וואָסערדיקע בלאָטע איז געוואָרן געדיכטער און קלעפּיקער און זייער טראָט אַלץ שווערער און וואַקלדיקער.

שטאָט האָט מיט צעעפנטע טירן געוואַרט אַף פּידיען.

באַ דער שוועל פון זייער שטוב האָבן זיי אַ שליידער אַראָפּ געגעבן די פּעק, האָבן אויסגעגלייכט די רוקנס און ניט עפנענדיק די טיר, גע־בליבן וואַרטן.

אַף וואָס?

מעגלעך, אַז די פאַמיליע גאַרסיאַ האָט זיך סאָפּקאָלסאָף אָפּגעגעבן רעכענונג וועגן זייער אָוועקגערויבטן לעבן און איצטער טראַכטן זיי מיט די צוזאַמענגענומענע קוילן אונטערצוצינדן זייער פינצטער שטיבל פון ייִעש און אָוועק אַפּנעמען דאָס, וואָס עס קומט זיי?

מעגלעך אַז דער ווינט און שטורעם האָט זיי דערציילט דעם הייליקן סאָד פון גערעכטן אויפשטאַנד?

זייערע פּענעמער זיינען געווען פאַרצאָרנט. זיי האָבן געטראַכט.

שפאַנישע ווערטער און אַרגענטיניזמען

אַווענידאַ — אַליי, שטראַז.
אַלמאַסען — שפּייַזקראַם.
אַלמאַסענעראַ — שפּייַזקרעמער.
באַול — קופערט, טשעמאַדאַן.
באַליטשע — קרעמל.
באַליטשעראַ — קרעמער.
באַלנעאַריאַ — באַדאַרט, קוראַרט.
באַמבעראָס — פייערלעשערס.
באַסורע — שמוץ, מיסט.
ביף, ביפע — ביפשטיק.
ביפע אַ קאַבאַזשאַ — ביפשטיק מיט אַ פיינקוכן.
גאַוטשאָ — אַרגענטינער פעלדמענטש.
גאַלפּאַן — שפּיַיבלער, שייַער.
וואַמאָס! — לאָמיר גיין! געגאַנגען!
וויגילאַנטע — פּאָליציסט.
זשערבע — דאָס מאַטע־געוויקס.
מאַרכעטלעך — קאַרטלעך, קאַרטאַנדלער.
טעניענטע — לייטענאַנט, שטעלפאַרטרעטער.
טעראַפּלען — פּלאַנט, ערדאַנשניט.
טשאַנגע — אַ צופעליקע אַרבעט, אַ פאַרדינסטל.
טשע — היימישע ווענדונג צו איינעם וועמען מען רופט.
לאַטע — נאַבלע.

מאַטע — אַרגענטינער טיי, וואָס מען זופּט דורך אַ רערל.

מאַטשעטע — האַקמעסער.

מאַיס — קוקורוזע.

מאָסאָ — קעלנער, באַדינער, אויך — באָכערל.

מאַרטשאַנטע — סויבערל, פּעדלער.

סאַרכענטאָ — סערזשאַנט.

סולקע — אַ צווייַרעדערדיקער וואָגן.

עסטראַנכעראָ — אויסלענדער.

פּאָנטשאָ — אַ וואָלענער שאַל געשפּאָלטן אין מיטן.

פּלאַטע — סקווער.

פּעאָן — שוואַרץ־אַרבעטער.

פּעוועטע — יאַטל.

פּאָנדע — קרעטשמע.

קאַזשאַטע! — שווייַג!

קאַטרע — אַ צונויפלייג־בעטל.

קוואַדרע — הייַזערבלאָק.

ראַנטשע — אַ נידעריקע הייַזקע, מיט שטרוי געדעקט.

קאַרנעראָ — אַ באַראַן. אין פּאָלקסשפּראַך — אויך אַ שטרייַק־ברעכער.

Este libro se acabó de imprimir el día 15 de junio de 1953, en la "IMPRESORA BAIRES" de Simón Eidelman, Cangallo 2981 T. E. 86-0119, - Buenos Aires

Impreso en la Argentina.
Printed in Argentine

Queda hecho el depósito que marca la ley.

Copyright by
A. MARGOLIN

A. MARGOLIN

Fun Main Zweitn Heimland

(De mi segunda patria)

CUENTOS

Editorial "ICUF"
BUENOS AIRES
1953